STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04864

YITSHAK YANASOVITSH

Gershon Sapoznikow

Permanent preservation of this book was made possible
by Phyllis Freed
in memory of
Dr. Murray M. Freed

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דער פּיל-זשאַנערדיקער שרײַבער

פאָרטרעט פון מחבר :
איילבילד פון יעקב מאַרקיעל

די פאָלגנדיקע פרײַנד האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך :

משה שפּרינבערג, ז״ל, ויבדלו לחיים ארוכים, משה האָניק,
לעאָן מיטלמאַן, מאָטיע מייזליש, מאַטעס גאָלדפאַרב, י. ביסטראָוויטש,
אַלע פון בוענאָס־אײַרעס.

גרשון סאַפּאַזשניקאָוו

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דער פּיל־זשאַנערדיקער שרייבער

אַן אַנאַליטישער אַרײַנבליק אין זײַן שאַפֿן

מאָנאָגראַפיע

אַרויסגעגעבן פֿון
אַרגענטינער אָפּטייל פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן
קולטור־קאָנגרעס
בוענאָס אײַרעס תשמ״ב 1982

GREGORIO SAPOZNIKOW

ITZHAK YANASOWICZ
Monografía

גרשון ספוז׳ניקוב

יצחק יאַנאַסוביץ׳
מונוגרפיה

©
GREGORIO SAPOZNIKOW
Casilla de Correo No. 4
Sucursal No. 3 —
1403 Buenos Aires, Argentina
Printed in Israel 1982
נדפס בישראל תשמ״ב

דפוס משה חמיאל
יצחק שדה 34, תל־אביב, טל. 338443



יצחק יאַנאַסאָוויטש

דער דיכטער

דער געבורט פון אַ דיכטער

בעת יאַנאַסאָוויטש האָט געוווינט אין אַרגענטינע האָבן מיר אים געקענט, דער עיקר, פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. ווי דער רעדאַקטאָר פון „די פרעסע" און ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון פאַרשידענע צייטשריפטן, האָט ער געהאַט און האָט, עד היום, פיל לייענערס און פאַרערערס, וועלכע לאָזן נישט אויס קיין מאמר וואָס טראָגט זיין נאָמען און זיי קוויקן זיך אַפילו מיט דעם זשורנאַליסטישן דרויב וואָס ער שרייבט אונטער מיט איינעם פון זיינע פסעוודאָנימען. אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זיין פעדער האָט אַ באַזונדערן חן, איז געשריבן אין אַ געלייטערטן סטיל, קומט פון אַ סאָלידער קולטור, גרויסער ערודיציע און מיושבדיקן דענקען און זאָגט עדות אויף דער פילזייטיקייט פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט.

זיינע ליטעראַריש־קריטישע עסייען צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסשעפנדיקן עסטעטישן אַנאַליז, וואָס נעמט אַרום נישט נאָר די פאָרמעלע אַספעקטן, נאָר אויך דעם אידעישן כאַראַקטער פון קינסטלערישן ווערק׳ וואָס ווייזט אַ פאַרטרעט פון שעפער און אַן אימאַזש פון דער סביבה און עפּאָכע אין וועלכע ס׳איז אַנטשטאַנען די קינסטלערישע דערשיינונג.

אין זיין בוך „פנימער און נעמען", באַנד 1, זעען מיר פנימער פון פיר צענדליק יודישע דיכטערס, געצייכנט מיט אַ פלאַסטישער קראַפט פון אַ מייסטער און מיר זעען נעמען פון ביכער וועלכע דער קריטיקער מישט אויף פאַרן לייענער און פירט אים אַריין אין דער סודותפולער וועלט פון פּאָעטישן שאַפן.

אָבער יאַנאַסאָוויטש איז נישט בלויז אַ זשורנאַליסט, עסייזסט און ליטעראַטור־קריטיקער; ער איז דער עיקר — אַ דיכטער. און זיין דיכטערישער שוווּנג, זיין רייכע פאַרשטעלונגס־קראַפט און

בילדערישע שפּראַך, באַשײַנען אויף דעם פּײַזאַזש פון זײַן פּראָזע.

יאַנאַסאָוויטש האָט אַלע זײַנע יאָרן געשריבן אַ סך לידער און אַ סך האָט ער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע צײַטשריפטן און זשורנאַלן. אָבער ווען עס איז געקומען צום זאַמלען די לידער צווישן די צוויי טאָוולען פון אַ בוך, איז ער תמיד געווען זייער צוריקגעהאַלטן. אַ פּנים דאָ האָט שוין אַ באַשטימטע ראָל געשפּילט דער קריטיקער אין אים.

יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע פּאָעזיע־ביכער:

1. „רויכיקע פאַרטאָגן" — דערשינען אין לאָדזש אין יאָר 1933.
2. „שטילקייטן" — דערשינען אין פאַרלאַג ‚אות', לאָדזש אין יאָר 1938.
3. „באַפרײַונג" — אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג ‚עמעס', מאָסקווע 1941.
4. „אַ שטוב אין שטעטל" (פּאָעמע) — דערשינען אין דער סעריע פון פּען־קלוב, פּאַריז, 1951.
5. „אַ שטוב אין שטעטל" — צווייטע אויפלאַגע, פאַרלאַג ‚קיום', בוענאָס־אײַרעס, 1963.
6. „אויף יענער זײַט ווונדער" — פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב' 1974.

מיט זײַן פּאָעטישן אָפּשפּאָר (דעם געזאַמלטן און דעם נאָך נישט געזאַמלטן אין ביכער) האָט יאַנאַסאָוויטש זיך קונה געווען אַ חשובע פּאָזיציע אין דער יידישער ליריק און וואָס שײַך זײַן פּאָעמע, „אַ שטוב אין שטעטל", ווי אויך זײַנע פּאָעמעס „אַלאַטאָ" און „לאַטיין־אַמעריקאַניש" האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַ פּאָעט וועלכן מען מוז גערענקען...

אין זײַן ליד קומט בולט צום אויסדרוק די פּערזענלעכקייט פון דיכטער, די וועלט פון זײַנע אינדיווידועלע איבערלעבונגען און סענטימענטן, וועלכע דערשײַנען פאַר אונדז אין פּאָעטישע אימאַזשן,

אין שפּילעוודיקע מעטאַפאָרן, אין דינע לירישע טענער. דער דיכ־טער אַנטפּלעקט אין זײַן ליד — באַוווּסטזיניק אָדער נישט — די פאַרבאָרגענע וועלט פון זײַן אינטימען לעבן.

יאַנאַסאָוויטש איז אַ ליריקער, אָבער עס איז פאַראַן אַ סך טיפע מחשבה אין זײַן ליד וואָס ווערט אונטערגעטראָגן אויף אַ בלומענ־טאָץ פון די טיפסטע סענטימענטן.

זײַן פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל" איז באַזונדערס אינטערע־סאַנט פון צוויי שטאַנדפּונקטן: פון אויטאָביאָגראַפיש, ווײַל זי גיט אונדז אַ סך עלעמענטן אויף זיך צו שאַפן אַ פאָרשטעלונג ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנען און ס'האָט זיך פאָרמירט די שעפערישע פּערזענ־לעכקייט פון מחבר. ווען ער זאָל זי אַפילו שרײַבן אין דער דריטער פּערזאָן וואָלט מען אין יעדער שורה דערשפּירט איר אויטאָביאָ־גראַפישן תּוך, די אינטימע פאַרבינדונג און אידענטיפיקאַציע פון דיכטער מיט זײַנע העלדן, אָבער פון דער אַנדערער זײַט איז די פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל" פאַר אונדז אינטערעסאַנט דערמיט וואָס זי שילדערט אַ כאַראַקטעריסטיש ווינקל אין ייִדישן קליינ־שטעטל, אין וועלכן עס האָבן זיך צוזאַמענגעלעבט הונגער און קדושה, אויסגאַנגסלאָזע נויט און הויכע מענטשלעכע חשיבות — עטישע ווערטן וואָס האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין דער נשמה פון דיכטער און באַשטימט זײַן ווײַטערדיקן גורל אין לעבן.

*

ווער האָט בײַ אונדז נישט געשילדערט דאָס ייִדישע קליינ־שטעטל, דעם סימבאָל פון מאַטעריעלער אָרעמקייט און גײַסטיקער עשירות, וואָס אויף זייער באָדן איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע ציוויל־ליזאַציע, וועלכע האָט געשלאָגן וואָרצלען אין ייִדישן פאָלקס־מהות? דאָס שטעטל האָט מען געמאָלט און באַשריבן, באַוויינט און באַזונגען, גלאָריפיצירט און אויסגעלאַכט, געוויגן און געמאָסטן פון אַלע פּערספּעקטיוון און שטאַנדפּונקטן. דער זיידע מענדעלע האָט עס סימבאָליזירט ווי אַן אָרעמע ייִדישע „טאָרבע"; מאַרק שאַגאַל האָט פאַרגעשטעלט דעם קליינשטעטלדיקן ייִדן ווי אַ פליִענ־דיקן איבער דעכער; די מאָדערנע אויסטײַטשערס פון שלום עליכמס

הומאָר׳ שטעלן אים פּאָר ווי אַ פידלער אויפן דאַך. ס׳איז אים ענג און פינצטער אין דער אָרעמער שטוב, איז ער אַרויף אויפן דאַך אויסשפּילן זײַן טרויער פאַר די שטערן.

אין דער יידישער ליטעראַטור און אין כאַראַקטער פון יידישן מענטשן, איז אָרעמקייט אַ מין שפּרינגברעט צו די וואָלקנס. אַז ס׳איז שווער אויף דער זינדיקער ערד, שפּאַנט מען איבער דעם פּאָר־פישופטן טעפּיך פון דער פאַנטאַזיע און מען פליט אין די הימלען. אַז ס׳איז טרויעריק די ווירקלעכקייט, מאַכט מען זיך פריילער, מען דינט גאָט „מתּוך שמחה״, און מען האָפט אויף אַ פריידיקן מאָרגן. ס׳געשעט אויך פאַרקערט: די זעטיקייט דערפירט צו גשמיות: „וישמן ישורון ויבעט״ — ווערט געזאָגט אין חומש — ישורון איז פעט געוואָרן און האָט זיך צעבריקעט, ווי אַ פערד; דער מאָרך איז אים פאַרגאָסן געוואָרן מיט שמאַלץ, און ער האָט געטראַכט נאָר ווי זיך צו פאַרשאַפן וואָס מער פאַרגעניגנס. אָבער בדרך כלל האָבן יידן קיין מאָל נישט געגאָסן פון צו פיל ווױלטאָג און דעריבער האָבן זיי נביאיש אויסגעחלומט די וויזיע פון אַן אחרית הימים און פון אַ מלכות שמים, פון אַ געטלעך קעניגרייך, וואָס וועט דערהייבן דעם מענטשלעכן גײַסט און פאַרבינדן ערד מיט הימל.

צו דער אָרעמקייט פון יאַנאַסאָוויטשעס „שטוב אין שטעטל״, איז גאָר שווער צו געפינען אַ פאַרגלײַך אין די פּאָעטישע אוצרות פון דער יידישער דיכטונג. ס׳איז אַן אָרעמקייט פאַר עקסעלאַנס, פון העכסטן גראַד, פון שווערסטן יידישן דלות און צוגלײַך פון דעם אומענדלעכן יידישן בטחון. אַ פּערמאַנענטע גרויע וואָך און לאַנגע טעג אָן ברויט; און דער שבת ווי די וואָך, מיט אַ פּאָר גראַשנדיקע ליכטלעך אין די ליימענע לײַכטערס, און מיט הונגעריקע קינדער, וואָס זינגען מיטן טאַטן זמירות. אַן אײַנגעגעסענע ביטערע נויט זינגט אַרויס איר צער מיט אַזאַ טיפן עמאָציאָנעלן ציטער, אַז עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ און מען דערפילט ווי עס ווערן פײַכט די אויגן... זאָגט דער דיכטער:

„בײַם אָרעמאַן עס ציט זיך לאַנג דער הונגעריקער טאָג,
נאָר ס׳לויפן גיך די אײַנגעדאַרטע יאָרן״...

דער טאַטע — דער הויפּט־העלד פון דער פּאָעמע — איז שטיל מתפלל אין זיך׳ ער האָט אַ טענה צו גאָט און פרעגט אים תּמימות־דיק:

„עס וואָלט דיר דען געשאַדט,
ווען איך וואָלט לחם לאכול
כאָטש צו דער זעט געהאַט?״.

אָבער באַלד דערשרעקט ער זיך פאַר דעם אַפּיקורסישן געדאַנק, פאַרטרײַבט דעם צווייפל פון האַרצן, און געווינט צוריק זײַן גלויבן אין דער העכערער גערעכטיקייט. ווי גאָט פירט די וועלט אַזוי איז גוט, און ווי אַ קינד רופט ער צו אים מיט ליבשאַפט און צוטרוי:

„טאַטע, טאַטע...
דו ווייסט מסתמא בעסער,
אַז ערגעץ אַנדערש איז די נויט נאָך גרעסער,
און ס׳דאַרף דײַן חסד
אַ ייד אַן אַנדערער — נאָך מער ווי איך״.

✶

די דאָזיקע אַלטרויִסטישע מחשבה, וואָס איז מוותּר אויפן אייגענעם שטיקל ברויט „צו דער זעט״ פאַר אַן אַנדער ייִדן, „די נויט פון וועלכן ס׳איז נאָך גרעסער״, דערהייבט די חשיבות פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט און פאַרוואַנדלט דעם אָביון אין אַ גביר, אין אַ ברייטהאַרציקן נדבן, וואָס גיט אָפּ אַ גרעסערן אָרעמאַן פון זיך — דעם אייגענעם ביסן. מיט זײַן אייגענעם רצון גיט ער דעם אייבערשטן רשות צו געבן אַן אַנדערן, וועלכער דאַרף גאָטס חסד מער ווי ער, דער באַלעבאָס פון דער אָרעמער שטוב אין שטעטל. רופט עס אַרויס אַ לײַטזעליקן געפיל אין האַרצן פון ייִדן, וואָס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן, וואָס גיט אים דעם באַוווּסטזײַן, אַז ער האָט מקיים געווען אַ מצווה — האָט אַרויסגעהאָלפן אַ מענטש אין נויט — און ער פילט זיך ווי אַ באַליבטער זון בײַם פאָטער אין

הימל. באַקומט ער זײַן שכר אויפֿן אָרט און אויף דער וועלט, ווי אַ באַלוינונג פֿאַר זײַנע גוטע מעשׂים... ש״י עגנון זאָגט ערגעץ וועגן איינעם פֿון זײַנע העלדן: „ר׳ יודל חסיד האָט באַשיצט זײַן נשמה מיט מעשׂים טובים, און האָט נישט געשפּירט אַפֿילו׳ אַז עס זײַנען פֿאַראַן יסורים אויף דער וועלט״.

דאָס איז דער פּונק וואָס צינדט אָן אַ פֿײַער פֿון גלויבן אין האַרצן, דער ייִד נעמט אָן באהבה זײַן גורל און באַקומט פֿליגל, וואָס דערהייבן אים איבער דעם אייגענעם אָרעמען דאַך, און „אויב נישט נאָך העכער!״...

דאָס איז דער אײַנגעבוירענער ייִדישער כּוח פֿון **סובלימאַציע**, פֿון דער שטרעבונג זיך אַרויסצוהייבן פֿון דעם וואָכעדיקן יאָך, און געפֿינען אַ טרייסט אין די לויטערע הימלען פֿון קדושה, פֿון ליב־שאַפֿט צו מענטשן, פֿון גלויבן אין גאָט. דער טאַטע איז נישט קיין באַנטשע שווײַג, וואָס האָט נישט קיין אַנדער אידעאַל ווי אַ „בולקע מיט פּוטער״ און איז אויך נישט קיין איוב, וואָס איז געשלאָגן מיט אומרו און צווייפֿל; ער איז אַ **בעל־אמונה**, אַן איש תּמים, וואָס האָט אויסגעטראָגן זײַן פֿיזישן הונגער מיטן הערצישן סטאָיִציזם פֿון זײַן אומבאַגרענעצטן גלויבן, און זוכט פֿאַרצווייפֿלט אַ למד־וואָוניק צווישן די אָרעמלײַט אין שטעטל, און באַטראַכט, מעגלעך, זיך אַליין ווי איינער פֿון די, וואָס טראָגן אויס אויף זײַנע אויסגע־האָרעוועטע פּלייצעס דעם קיום פֿון דער וועלט...

*

יאַנאַסאָוויטש גייט־נאָך פּוסטריט די רעאַלע געשעענישן און שילדערט מיט אַן עפּיש־דערציילערישן לשון, אָנגעזאַפּט מיט אַ ליריש־עלעגישן געפֿיל וואָס דערהייבט זיך צו אַן אַדע פֿאַר ייִדישער רוחניות. אַזוי זאָגט דער טאַטע:

„אויב דאָס מזל גייט דורך לײַד און פּײַן,
וואָס טוט דער מענטש? ער זוכט זיך צו געפֿינען
אַ ביסל טרייסט׳ אַז דאָס וואָס איז — מוז זײַן,
און האָט מסתּמא אַ זינען.

דערויף איז דאָך השגחה דאָ,
דערויף איז דאָ אמונה״.

ער האָט אָנגעטאָן אויף דער פּיַינלעכער וואָר אַן אַרעאָל פון יידישער קדושה. אין דער פּאָעמע פון קאַרגע צוויי הונדערט זיַיטן איז פאַראַן אַ קערנדיקער סיפור־המעשה, אַ טיף אינערלעכע שפּאַנונג: די העלדן פון דער אייגענער משפחה — יעדער איינער מיט זיַין לעבנס־גורל און מיט זיַין שאַרף־געצייכנטער פיזיאָנאָמיע וואָס זאָגט עדות אויף דער נטיה פון מחבר צו דראַמאַטיזירן די האַנדלונג, און וואָס זעט נישט נאָר דעם אינערלעכן געראַנגל אין דער נשמה פון יחיד, נאָר וואָס האָט אויך אַן אויג און אַ געהער פאַר דער לעבנס־דראַמע אין דעם גרויסן מענטשלעכן קאָלעקטיוו.

דער פעטער הענעך — דער צווייטער הויפּטהעלד פון דער פּאָעמע — איז אויך אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אָבער אין קעגנזאַץ צום טאַטן, איז ער פול מיט פּראָטעסט, שנאה און צאָרן. האָט ער אין אַ ביטערער רגע פון פאַרצווייפלונג „אויסגעטוישט דאָס רענדל״, האָט זיך געשמדט, איז געוואָרן אַ מיסיאָנער בײַם יויזל און האָט טענות צו זײַן אַלטן יידישן גאָט פאַר וואָס ער האָט אים „קיין פליגל נישט געגעבן״:

„איך האָב געלעבט און האָב געטאָן
לויט דעם ווי דו האָסט מיך געפורעמט,
און אויב איך בין געפאַלן טיף,
אַראָפּ פון דיַין נסיונות־טורעם,
איז עס דערפאַר,
וואָס דו מיַין האַר,
האָסט מיך קיין פליגל נישט געגעבן״.

אויך דער פעטער, דער בונטאַר, גלייבט אין גורל, אין באַשערטקייט...

✶

די שוועסטער פון דיכטער, האָט ווי איר פּעטער הענעך אויס־געדריקט איר פּראָטעסט אין מעשים; אָבער ווי איר באָבע, וועלכע האָט אַ מאָל סימפּאַטיזירט מיט די העלדן פון פּוילישן אויפשטאַנד, האָט זי אויך זיך טועה געווען מיטן אויסוואַל פון דעם „נסיונות־טורעם" — מיט דער אָרענע פון איר לעבנסקאַמף — און האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — ווי אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט צווישןביידע וועלט־מלחמות — זי האָט געבונטעוועט די פּאַראַבקעס פון שטעטל און האָט גע־ענדיקט אין תפיסה.

דער דיכטער, דאַקעגן, האָט ווי דער טאַטע, פאַרטריבן דעם שאָטן פון טרויער אין דער אָרעמער שטוב, מיטן כוח פון זיַין שעפּערישער אינטויציע, מיטן צויבער פון טרוים, וואָס גיט טרייסט און בטחון. **אַ דיכטער ווערט געבוירן מיט פליגל**, און ער שוועבט ליַיכט און הויך אין די הימלען פון זיַינע אויסגעחלומטע וועלטן. אַ ליד ווערט נישט געשאַפן אין מאָמענט פון שריַיבן, נאָר ווערט פריִער אויסגעציַיטיקט און אויסגעטראָגן אין דער טיפער פאַרבאָר־געניש פון די אינגעווייַדן. דער פּראָצעס פון אויסלייגן די פערזן, שוואַרץ אויף וויַיס, איז דער לעצטער עטאַפּ, וואָס ברענגט אויף דער ליכטיקער שיַין אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס האָט אין דער שטילער באַהעלטעניש פון אינערלעכן לעבן דורכגעמאַכט אַלע פאַזן, וואָס האָבן געפירט צום געבוירן ווערן.

אַ דיכטער ווערט מען נישט, אַ דיכטער ווערט מען געבוירן. און דער וואָס קומט אויף דער וועלט אין אַ פּאָעטיש היַיבעלע קוקט שוין פון קינדוויַיז אָן אויף איר מיט אַ שעפּערישער וויזיע און פאַרטרוימטע אויגן. ער דעקט די אָרעמקייט פון זיַין אַרומיקער וועלט מיט דער ריַיכקייט פון זיַין אינערלעכן לעבן. „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום" זאָגט מאָטל פּייסי דעם חזנס. מענטשן האָבן אויף אים רחמנות. האָט ער מיטן שעפּערישן כוח פון זיַין אָפּטימיסטישן גיַיסט, געפונען אַ טרייסט אין דער טראַגיק. אַוודאי קאָן מען קיין הונגעריקן מאָגן מיט קיין ליד נישט זעטיקן; אָבער יאָ פאַרטראָגן אויף אַ ציַיט אין אַנדערע וועלטן, דערהייבן דעם מוט, דערוועקן האָפענונג און פאַרליַיכטערן די פיזישע ליַידן.

גרויספּאָעזיע

די מאַמע איז באַזאָרגט, וואָס „איציק איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון די הויזן... און קאָן זיך שוין נישט וויַזן אין דרויסן", און דער טאַטע׳ זאָגט זי, „ציילט אין הימל די שטערן". און איציק הערט און טראַכט. און ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זען, הערן, טראַכטן און — טרוימען, און שפּעטער אויך זיַינע טראַכטענישן אויסגעזונגען אין ליריש־עלעגישע און ריטמישע סטראָפן, וואָס האָבן באַשיַינט מיט האָפענונג זיַין וויַטערדיקן וועג אין לעבן. ער זאָגט עס אין איינעם פון זיַינע לידער:

„אין דער חושכדיקער טיף פון פּיַין,
איך היט דיך אָפּ מיַין ציטערדיקע שיַין,
כּדי כ׳זאָל זיך אַליין אין אין־סוף נישט פאַרלירן...

און ער האָט זיך נישט פאַרלוירן, די אָרעמע שטוב פון שטעטל האָט אים נישט אונטערגעהאַקט די איַינגעבוירענע „פליגל", האָט נישט דערדריקט זיַין גיַיסט; פאַרקערט, האָט אַנטוויקלט אַ ליַידנ־שאַפטלעכן באַגער זיך איַינצוּוואָרצלען וואָס טיפער אין אַלע מאַני־פעסטאַציעס פון לעבן, זיך פאַרבינדן מיט מענטשן, מיט דער אַרו־מיקער סביבה, מיט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אינטערעסן. דער דיכטער האָט אַן אָפענעם מוח, שפּירעוודיקע חושים, אַ מוזיקאַלישן געהער, אַ שאַרף אויג, אַ רײַכע פאַרשטע־לונגס־קראַפט, אַ קינסטלערישע אינטואיציע, וואָס האָבן אויסגע־ליַיטערט די טרויעריקע רעמיניסצענצן פון אָרעמען קליינשטעטל־דיקן לעבן.

בשעתו האָט דוד פּינסקי, ז"ל געשריבן צום מחבר פון דער פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל": „איר האָט אַריַינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ טאַטע־געשטאַלט, וואָס וועט בליַיבן ווי אַ סינאָנים". ס׳איז נישט איבעריק צו דערמאָנען אַז די פּאָעמע האָט

באַלד נאָך איר דערשײַנען געמאַכט אַ גרויסן רושם און עס האָבן וועגן איר מיט ליוב געשריבן די בעסטע שרײַבערס פון יענער צײַט. צווישן זיי: ש. ניגער, ד״ר א. מוקדוני, יעקב גלאַטשטיין, יצחק באַשעוויס־זינגער (י. וואַרשאַווסקי), אַברהם רייזען, מלך ראַוויטש, נ. ב. מינקאָוו, א. לעיעלעס, אפרים אויערבאַך, ד״ר שלמה ביקל, ל. דאַמאַנקעוויטש, יחזקאל קאָרענהענדלער, יעקב באַטאַשאַנסקי, א. ל. שוסהיים, ד. ב. מאַלקין, באָרווין פרענקעל, ש. שווייצער, הערץ בערגנער, בן־ציון צאַנגען, מ. וואַלדמאַן, ש. קאַטשערגינסקי, יחזקאל בראָנשטיין, שפרה ווערבער, ח. ל. פוקס, י. פרייליך, י. הירשהורט און אַנדערע.

יאַנאַסאָוויטשעס דיכטונג פאַרמאָגט גאַנץ אייגנאַרטיקע מאָטיוון: ער פאַרמאָגט אַ זעלטענע פעיִקייט מיט קורצע פענדזל־שטריכן צו מאָלן פאָרטרעטן, שילדערן שטימונג און פּײַזאַזשן, און באַזונדערס צו פערזאָניפיצירן טויטע זאַכן, אין וועלכע ער בלאָזט אַרײַן אַ רוח החיים פון לעבן. ער פערזאָניפיצירט אַ בגד אויפן וואַנט און מיר דערזעען אין אים לעבעדיקע מענטשן; ער דערציילט וועגן אַ שליאַך, וואָס שלענגלט זיך צווישן וועלדער און פעלדער, און דער שליאַך ווערט אַ העלד פון אַ דראַמע, וואָס ווײַזט אַ היסטאָרישן פּײַזאַזש פון יידישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד.

„די ציטערדיקע פאָעטישע שײַן״ האָט פאַרטריבן דעם חושך פון זײַן קינדישן פּײַן, און כאָטש עס זײַנען נאָך ווי נישט ווי געבליבן טונקעלע פלעקן אין דער טיפעניש פון האַרצן; האָט דאָך דער דיכטער געפונען אַ ליכטיקן וועג, וואָס האָט פאַר אים געעפנט די טירן צו אַ שעפעריש לעבן, און געשטאַרקט דעם גלויבן אין דער פולווערטיקייט פון אייגענעם שאַפן. אין אַ ליד וואָס האָט אַלע מעלות פון זײַן פאָעטישן סטיל, זאָגט ער מיט שטאָלץ:

„און וואָס איז אַ ליד? אַ שטראַל פון אַ שטערן,
וואָס גרייכט צו דײַן אויג נאָר אין דער פינצטער.
און וואָס איז אַ שטערן? אַ ליד וואָס פאַרגייט,
ווען די שײַן פונעם טאָג גייט־אויף אויפן פענצטער.

דער שטראַל פונעם שטערן, וואָס דעם אויג דײַנעם גרייכט,
איז יאָרן מיליאָנען דורך חושך געלאָפן.
דער שטערן, קאָן זײַן, איז שוין לאַנג צעשטויבט
ווען זײַן ליכט האָט צום בליק, צו דיינעם געטראָפן.

אַז זײַן וועט מײַן גוף נאָר אַ בערגעלע ערד
וועט לײַכטן נאָר אַלץ מײַן ליכט פון די סטראָפן.

*

אַ שטראַל פון אַ שטערן קאָן מען מעסטן און אַפילו וועגן. עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין אינסטרומענט, וואָס זאָל מעסטן און וועגן קינסטלערישע ווערטן. נאָר מיטן שווונג פון דער פּאָעטי־שער אינספּיראַציע קאָן דער דיכטער וואַרפן אַ בריק וואָס זאָל פאַרבינדן ליד מיט שטערן. זייער געמיינזאַמער קענצייכן איז: **ליכט** — ליכט וואָס לעבט אין דער אומענדלעכקייט פון יאָרן. אַ שטערן איז „אַ ליד וואָס פאַרגייט" און אַ ליד איז: „אַ שטראַל פון שטערן", וואָס לעבט פיל לענגער און גרייכט פיל ווײַטער, ווי דער שטערן וואָס האָט אים אַרויסגעשיקט. דאָס איז אַ הויך־קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע פון די מענטשלעכע **גײַסטיקע ווערטן**, וועלכע לעבן לענגער און גרייכן פיל ווײַטער פון דעם מענטשן. קאָנען מיר נאָכזאָגן די ווערטער פון זײַן מאַמען, אָבער מיט אַ פריידיקן געמיט, אַז „איציקל איז שוין אַרויסגעוואַקסן" פון אַלע דורכשניטלעכע פּאָעטישע מאָסן. דאָס איז שוין נישט קיין סתם לידער־שרײַבערײַ, נאָר דאָס איז גרויספּאָעזיע, וואָס שטעלט דעם נאָמען יצחק יאַנאַ־סוויטש צווישן די וויכטיקסטע ליטעראַרישע שעפערס פון אונדזער צײַט. זײַן קינסטלערישער בײַטראָג איז אַ דויערהאַפטער אין דער שאַצקאַמער פון דער יידישער ליריק.

די אַנאַלאָגיע פון אַ ליד מיט אַ שטראַל פון שטערן איז עפּעס מער ווי אַ קלוג־פּיקחותדיקער אײַנפאַל, מער ווי אַ שיינע מעטאַ־פאָרע, ס'איז אַ הויך־קינסטלערישע אַנטפּלעקונג. דאָס ליד איז אַן אויסשטראַלונג פון מענטשלעכן גײַסט, אַ התגלות פון פאַרבאָרגענע וועלטן, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון פאַרגענג־

לעבקייט, און עס קומט די פילאָסאָפישע סענטענץ: **די קונסט לעבט איבער דעם שעפער, זי איז אומשטערבלעך!**

אין יצחק יאַנאַסאָוויטשעס ליד פּרעדאָמינירט דער אינטעלעקטועלער עלעמענט, די מחשבה. אָבער ער איז אויך געבענטשט מיט אַן אײַנגעבוירענער פּאָעטישער אינספּיראַציע און אַ מוזיקאַלישן געהער, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אים אויסטערלישע בילדער און אייגנאַרטיקע געדאַנקען, וועלכע ער שטעלט אויס אין ריטמישע פערזן אויפן דיקטאַט פון דער ראַציע, פון העכערן שכל, וואָס גיט אים די טעזע און די עמאָציאָנעלע איבערצײַגונג. דאָס זענען די הויפּט־עלעמענטן פון אַ העכערן סטיל, פון גרויספּאָעזיע, ווו געדאַנק גייט געפּאָרט מיט פּאָעטישער אינטואיציע און סוגעסטיווער עמאָציע, וועלכע זענען דער קענצייכן פון אַן עכט־קינסטלערישער פּערזענלעבקייט און פון זײַן שאַפן. לאָמיר דאָ ציטירן פון זײַן בוך „אויף יענער זײַט וואַנדער״:

„מיר זענען דער לאַנגער נסיון
צווישן גליק און געוויסן.
מיר זענען די שאַרפקייט פון מעסער
צווישן דעם ברויז פון שגעון
און פײַנלעבער קלאָרקייט פון וויסן.

מיר זענען די בריק אויף וועלכער עס וואַנדלען
דאָס בליִען און וויאַנען.
די עדות —
אַז בײַם וויגליד פון ראַזשינקעס און מאַנדלען
איז דער טויט שוין פאַראַנען.

מיר זענען די אייביקע פּאַטום־סכּנה
צווישן דעם וועלן און דעם דערגרייכן.
מיר זענען
די ליידיקע טאָוולען אויף וועלכע דער מאָרגן זאָל קאָנען
די נעכטיקע טרוימען פאַרשרײַבן״.

אין אַן עסיי וועגן דעם דיכטער אַברהם סוצקעווער זאָגט יאַנאַסאָוויטש אַז פּאָעזיע און פילאָסאָפיע זענען צוויי זײַטן פון איין מטבע. אין יאַנאַסאָוויטשעס לידער טרעפן מיר טאַקע פילאָ־סאָפישע מחשבה אַרויסגעבראַכט אין אָריגינעלן פּאָעטישן בילד; ס׳איז אַ פילאָסאָפישע מחשבה וואָס קומט נישט פון ספעקולאַטיוון דענקען, נאָר פון אַ וויזיאָנערער התגלות, פון אַן איבערלעבונג וואָס איז געוואָרן אַן אַנטפּלעקונג.

אַזאַ איז טאַקע דאָס ליד „מיט וויפל שטילקייט" וואָס לייענט זיך אַזוי:

„מיט וויפל שטילקייט עס אָטעמט דאָס ווײַסע פּאַפּיר
וואָס שפּרייט זיך אין ליכט אויפן טישל פאַר מיר.

אָפט דוכט זיך מיר אויס אַז אַ קריע פון אײַז
לויערט פון לײדיק־פּאַפּירענעם ווײַס.

אַ קריע פון אײַז אויפן וואַסער פון צפון
פון וואַנען דער בער איז דער לעצטער אַנטלאָפן.

און פונקט ווי דער בער אין זײַן ווילדן געברום,
מיר שרעקט דאָ די וויסטקייט וואָס הויערט אַרום.

אָ, וואָלט כאָטש אַ קראַקע געטאָן דאָ אַ קראָ
און די פליגל צעשפּרייט אין פאַרנאַכטיקער שעה.

אָ, וואָלט כאָטש אַ וואָלף אין פאַרטײַעטן לויער
אַ וואָיע געגעבן מיט שינאה און טרויער.

נאָר ס׳וואָיעט קיין וואָלף נישט און ס׳קראַקעט קיין קראָ,
ס׳איז גאָרנישט געוועזן און ס׳איז גאָרנישט נישטאָ.

מיט אײַזיקער שטילקייט עס שפּרייט זיך פאַר מיר,
אין ליכט אויפן טישל, דער בויגן פּאַפּיר.

ציטערט מײַן פּעדער דערשראָקן און קליין
און וויל אויף אומהיימלעכער ווײַסקייט נישט גיין".

שעפערישע מענטשן איז באַקאַנט די דאָזיקע איבערלעבונג
וואָס האַלט זיי אָפּ פון נעמען זיך צו אַ נײַ ווערק, וואָרום פאַר
יעדן שעפער, איידער ער לאָזט זיך אַרײַן אין דעם עול פון שאַפן,
איז די וועלט נאָך אַ שטיק תוהו ובוהו ווו „ס'איז גאָרנישט געווען
און ס'איז גאָרנישט נישטאָ". ווי מיר זעען ליגט הינטער אָט די פערזן
אַ טיפע פילאָסאָפישע דערקענטעניש וואָס דער דיכטער ברענגט
זי אַרויס אין בילד, אײַנגעוועבט אין שטימונג.

מיר האָבן דאָ ציטירט דאָס ליד „מיט וויפל שטילקייט". ס'איז
כאַראַקטעריסטיש אַז „שטילקייט" טרעפן מיר אָפט אין יאַנאַסאָוויטשעס ליד (נישט אומזיסט האָט ער איינס פון זײַנע פּאָעזיע־ביכער
אָנגערופן: „שטילקייטן"). אָט זינגט ער:

„און ווען איך וועל אַוועק פון דאַנען,
וואָס בלײַבט פאַר אײַך מיך צו דערמאָנען?

— עס בלײַבט אין סאָד אַ גרינע צווײַג
וואָס וויגט דעם ווינט אין אירע בלעטער
און אין דער שעה ווען אַלצדינג שווײַגט
מיט סוד פון ווערטער נישט דעררעדטע —
וועט עמעצער פון אײַך, קאָן זײַן,
פאַרקוקן זיך אויף גרינע צווײַגן
און זאָגן שטיל אין אָוונטשײַן:
ס'איז גוט געווען מיט אים צו שווײַגן.

וועט עמעצער פון אײַך, ווער ווייסט,
דערמאָנען זיך אין מײַנע לידער
און זאָגן: גאָט, דו איינער ווייסט,
אַז אויך אין שעהען פון ירידה
האָט ער פון רעש זײַן וואָרט געהיט
און נישט געלאָזט אין טומל שטײַגן.

כאָטש אָרעם האָט זײַן וואָרט געבליט,
דאָך רײַך געגרינט האָט עס מיט שווײַגן.

דאָס שווײַגן וואָס אין האַרצן זינגט
האָט ער מיט שאָטנפאַרב פאַרשריבן
און ס'איז, אַ, האַר, פון אַלעמדינג
אַ ביסל שטילקייט נאָר פאַרבליבן.
די שטילקייט פון אַן אָוונט־שעה
ווען ווינטן חלומען אויף צווײַגן...
דער ווינט איז דאָ, דער בוים איז דאָ
און דאָ איז אויך זײַן גרינגער שווײַגן.

אָט דאָס, קאָן זײַן, מיך צו דערמאָנען
פאַרבלײַבט ווען כ'וועל אַוועק פון דאַנען".

אין אַן אַנדער ליד זאָגט ער:

„און ווען דער גאַסן־גערויש האָט פאַנגען געקענט
מיך האָט די שטילקייט אייביק געלײַטערט.
נישט אַלע מאָל האָב איך פאַרהיט פון האַרטן געראַנגל
די הענט,
נאָר אַלע מאָל האָב איך געשריי פון ליפּן, פון מײַנע
דערווײַטערט".

און ער ענדיקט דאָס ליד:

„נישט אַלע מאָל האָב איך געהיט דעם קלאָרן געמאָסטענעם
שפּאַן
אין לויף אונטער מעסערס און העק, פון ווילדער רציחה
פאַרזשאַווערט.
נאָר פאַלנדיק האָב איך געוווּסט אַז ערגעץ איז עמעץ פאַראַן
וואָס וועט מיך אַפילו אין שטויב דערקענען און אָנרופן:
חבר".

✶

דער פילאָסאָף קירקעגאַר זאָגט, שרײַבנדיק וועגן לעבן און טויט, אַז דער מענטש קומט פון איין אומענדלעכן פינצטערן קאָרי־דאָר און גייט צו אַ צווייטן אומענדלעכן פינצטערן קאָרידאָר. צווישן אָט די צוויי פינצטערע אייביקייטן בליצט בלויז אויף אַ קליין ליכט וואָס האַלט אָן אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע און דאָס איז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן.

אַנדערש ווי דער פילאָסאָף זעט אָבער דער דיכטער די דאָזיקע דורכבליצנדיקע ליכט־סעקונדע פון לעבן:

„אונדזער שיף גייט, גייט פאָרויס
צו דעם שוואַרצן וואָלקן
אויפן רויטן האָריזאָנט.
קיינער ווייסט נישט צי ער איז ווײַט,
קיינער ווייסט נישט צי ער איז נאָנט.
מיר פאָרן פאַרבײַ אינדזלען גרין,
מיר שווימען פאַרבײַ פאָרטן, שטעט,
אַלץ אַהין, אַהין, אַהין.

אָ, די פאַרשאָלטענע שיף, זי גייט,
תמיד פאָרויס, תמיד אַהין,
קיין מאָל נישט צוריק.
הינטער אונדז בלײַבן לענדער מיט זון,
הינטער אונדז בלײַען אינדזלען מיט גליק.
בלײַב שטיין אַ ווײַל! — מיר שטרעקן די הענט
צו דעם נישט־געזעענעם קאַפּיטאַן געווענדט,
וואָס פירט אונדז אַהין, אַהין, אַהין.

דער שוואַרצער וואָלקן אויפן רויטן האָריזאָנט
ווערט גרעסער, נענטער... גורל־קאַפּיטאַן,
באַטש אויף איין רגע קער זיך אום!
לאָז אונדז נאָך איין מאָל זען די ערטער
ווו אונדזערע זכרונות וואָגלען אַרום
און סע בליט די פרייד פון אַן אַמאָליקן האָפן...

נאָר די שיף גייט, גייט פאָרויס,
אַלץ אַהין, אַהין, אַהין.

אוי, די פאַרשאָלטענע שיף וואָס גייט
ווי געצויגן פון שוואַרצע פאַרבאָרגענע שטריק,
תּמיד אַהין,
קיין מאָל נישט צוריק...!

ס׳איז אַ ליד וועגן דער מענטשלעכער טראַגיק, וועגן דעם פאַטום וואָס מען קען נישט ענדערן. ס׳איז דאָ גרינג אַריינצופאַלן אין לאַמענטאַציע פון פאַרצווייפלונג. אָבער דער געדאַנק האַלט אײַן אין זײַנע ברעגעס דעם שטראָם פון געפיל. און די פערזן פליסן קלאָר און שטיל, באַזאַכט און פאַרטראַכט אין דער מיסטעריע פון לעבן. די באַהאַלטענע מוזיק וואָס זינגט אַרויס פון די שורות, „די נשמה״, ווי עס האָט געזאָגט פלאָבער, גיט אַ זין יעדן וואָרט און לאָזט דערפילן די כּוונה פון דיכטער. סטיל איז אַן אויסדרוק פון אינטעלעקטועלער און סאָציאַלער דערפאַרונג און כאַראַקטער פון מענטשן.

דעם דיכטער האָט באַהערשט דער געדאַנק פון פאַרגענגלעכ־קייט פון אייגענעם לעבן, און ער האָט דער עמאָציע געגעבן אַן אויסדרוק אין זינגעוודיקע פערזן, אין וועלכע מיר דערפילן דעם אָטעם פון דער איבערלעבונג. זײַנע געפילן שאַפן אַ גרונטשטימונג און דערגרייכן דעם נס פון געבן דעם פּרט די וואָג און קראַפט, וואָס איז גילטיק פאַרן כּלל מענטשן. אין געוויסע נשמה־צושטאַנדן ווערט די טיפע באַטײַטונג פון לעבן אַנטפּלעקט אין איין פּונקט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סימבאָל, וואָס רעגירט דעם גורל פון מענטשן: — דאָס מענטשלעכע לעבן איז פאַרגענגלעך, זײַן אומ־שטערבלעכקייט איז פאַרבאָרגן אין דער גײַסטיקער שאַפונג... דאָס איז דער תּמצית פון גרויספּאָעזיע, צו וועלכן עס דערגרייכט זייער אָפט דאָס ליד פון יצחק יאַנאַסאָוויטש.

טיף פּעסימיסטיש איז דער אויספיר פון דיכטער אין דעם ליד „פינף מינוט נאָך 12״. ס׳איז אַ ליד וואָס מאַכט אונדז קלאָר אַז

דער טויט איז דאָס איינציקע זיכערע אין אונדזער לעבן. מיר ווייסן נישט צי די צײַט איז נישט קיין שפּיל פון אונדזער אימאַגינאַציע, ווײַל מיר ווייסן דאָך כּמעט גאָרנישט וועגן דער וועלט וואָס איז אויסער אונדז. איין זאַך ווייסן מיר אָבער אויף געוויס: מיט יעדער זאָל זײַן אימאַגינירטער מינוט וואָס גייט אַוועק דערנענטערן מיר זיך צום שוואַרצן אָפּגרונט פון נישט זײַן. אָט ווי דער דיכטער זינגט:

איז אפשר טאָקע די צײַט
נישט מער ווי אַ דימיון אַזאַ
פון דער גרויער מאַסע דאָרט אונטער מײַן שאַרבן?
נאָר דער קאַלענדאַר אויף מײַן טיש דאַכט זיך שרײַט:
העי, דו נאַרישער מענטש,
ס'איז פּאָרט אַ מעת לעת נענטער
צו דײַן שטאַרבן.

די דאָזיקע דערקענטעניש קאָן אַ מענטשן דערפירן צו הפקרות און ציניזם, צו „חטוף ואכול כי מחר נמות", צו דעמאָראַליזאַציע און עגאָיזם. אָבער דערויף איז יאַנאַסאָוויטש אַ ייִדישער דיכטער, אַ קינד פון אַן אַלטער מאָראַל, אַז ער זאָל בײַשטיין דעם דאָזיקן נסיון. דאַן בעט ער בײַ גאָט אין איינער פון די פיל תּפילות פון וועלכע עס באַשטייען זײַנע לידער:

היט מיך גאָט פון דער נסיונדיקער שעה
ווען ס'לעבן ווערט אויף יאָרן-לאַנג אַנטשיידן.
און אין דער רגע ווען קיין אויסוועג איז נישטאָ
זאָל איך אָן ברירה זיין — מיט אַלעמען צו לײַדן.

היט מיך, גאָט, פאַר דער צעהוידעטער מינוט
ווען בלוט און פלייש זיך קריגט מיטן געוויסן.
נעם, אויב נייטיק איז פאַר עמעצן מײַן בלוט,
נאָר פּרווו מיך נישט מיט וואַקלונג פון באַשליסן.

היט אויס מיך, גאָט, פון שיכּרות־רויש פון מאַכט
און פון דער גבורה צו הערשן איבער יענעם.
וועט אין מײַן גבול זײַן עמעץ קליין און שוואַך,
בענטש מיך, גאָט, צו זײַן פון אים נאָך קלענער.

פון דער בלינדקייט אַז תּמיד כ'בין גערעכט
היט מיך און באַשיץ מיך, גאָט געטרײַער.
און זאָל דאָס שלעכטס אין מיר ווי אַ דאָרנשפּיץ וואָס שטעכט
ברענען אין מײַן לײַב מיט יסורימדיקן פײַער.

היט מיך, גאָט, פון דער נסיונדיקער שעה
ווען ס'ווערט דאָס לעבן שוין אויף יאָרן־לאַנג אַנטשיידן
און אין דער רגע ווען קיין רחמים איז נישטאָ,
זאָל איך אָן ברירה זײַן — מיט אַלעמען צו לײַדן".

דאָס געבעט פון פרומע מאָראַל־אָפּגעהיטענע דורות איז דאָ אויסגעזונגען געוואָרן אויף אַן אופן וואָס אַנטשפּרעכט דעם גײַסט און געפיל פון דעם מאָדערנעם הײַנטצײַטיק־געפּרוּווטן מענטש: „אַל תּביאני לידי נסיון"...

אַ מוסטער פון קלאַסישן עפּאָס אין דער ייִדישער ליטעראַטור

(וועגן דער פּאָעמע „לאַטײַן־אַמעריקאַניש")

פּאָלקס־פּאָעזיע איז אַ פּראָדוקט פון דער פּאָלקס־פאַנטאַזיע, וואָס דריקט אויס די וועלט־אַנשויונג, דעם גלויבן, לעבנס־שטייגער און כאַראַקטער פון אַ פאָלק. יעדעס פאָלק האָט געשיכטלעך זיך אַנטוויקלט אין אַ באַשטימטן לאַנד. צוזאַמען מיט אים האָט זיך אַנטוויקלט זײַן שפּראַך, זײַן קולטור, זײַן וועלטבאַנעם. די פאַרשי־

דענע וויכטיקע געשעעענישן, מלחמות און איבערלעבונגען פון כּלל, זענען געבליבן אין זכּרון פון פֿאָלק און איבערגעגאַנגען ווי אַ תּורה שבעל־פּה — ווי אַ מיטאָס — פון דור צו דור. שפּעטער איז די מיטאָלאָגישע מסורה פֿאַראייביקט געוואָרן אין שריפטלעכע צייכנס. די ווערק וואָס האָבן די עלעמענטן פון מיטאָס געגעבן אַ ליטעראַרישן אויסדרוק האָבן דעריבער אַ דערציילערישן — אַן עפּישן — כאַראַקטער, פון דעם גריכישן וואָרט „עפּאָס", דערציילונג. דער מחבר דערציילט אָביעקטיוו וועגן געשעענישן, זיטן און איבערלעבונגען פון די פֿאַרגאַנגענע צײַטן.

די קלאַסישע פּאָעמעס „איליאַדע" און „אָדיסעע" בילדן דעם יסוד פון דער מערב־קולטור. אין דער צײַט פון רענעסאַנס, פון 15טן ביזן 18טן יאָרהונדערט, ווען די ליטעראַטור און קונסט האָבן ווידער אויפגעלעבט, נאָכן לאַנגן פּעריאָד פון פינצטערן מיטלאַלטער, זענען געשריבן געוואָרן אַ סך ווערק וועגן לעבן פון די אייראָפּעיִשע פעלקער לויטן מוסטער פון די צוויי גריכישע פּאָעמעס, אַזוי אין פֿאָרעם ווי אויך אין אינהאַלט, וואָס איז געווען איבערגעלאָדן מיט צענדליקער נעמען פון גריכישע געטער, אין וועלכע די קריסטלעכע פעלקער האָבן שוין נישט געגלויבט, און דאָך זיי באַנוצט אין זייער קינסטלערישן שאַפן.

די פֿאַרצײַטיקע גריכן האָבן געהאַלטן אַז דער מחבר פון דער „איליאַדע" און „אָדיסעע" איז געווען דער בלינדער פּאָעט, האָמער, וואָס האָט געלעבט מיט טויזנט יאָר פֿאַר קריסטוסן. די מאָדערנע קריטיק האָט אָבער פעסטגעשטעלט, אַז די לידער זענען אַ פּראָדוקט פון פֿאַרשידענע אַנאָנימע מחברים, וואָס האָבן געלעבט אין זכּרון פון פֿאָלק און איבערגעגאַנגען בעל־פּה פון דור צו דור אין פֿאַרלויף פון יאָרהונדערטער. מיט דער צײַט זענען זיי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין באַזונדערע ווערק, וואָס האָבן סינטעטיזירט די היסטאָרישע פּאַסירונגען, דעם לעבנס־שטייגער און גלויבן פון פֿאָלק, און פֿאַרשריבן געוואָרן אין זעקסטן יאָרהונדערט פֿאַר דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג.

די צוויי פּאָעמעס זענען געוואָרן דאָס הייליקטום פון דער גריכישער וועלט, די ווערק וואָס האָבן באַווירקט דאָס לעבן פון די אייראָפּעיִשע פעלקער. ווען דער רענעסאַנס האָט אויפגעלעבט

די אַנטיקע ליטעראַטור און קונסט, האָבן די „איליאַדע און אָדיסעע" געדינט ווי אַ מוסטער פאַר דער קינסטלערישער שאַפונג אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן. אַזוי איז אַנטשטאַנען די פסעוודאָ־קלאַסישע פּאָעמע.

*

דער עפּאָס פון דער נייער צייט האָט זיך שוין לאַנג באַפרייט פון די אַלטע קלאַסישע מוסטערן, אָבער ער איז געבליבן טריי דער אידעע צו געבן אין אַ געפּרעסטער סינטעטישער פאָרעם אַ קינסט־לערישן אויסדרוק דעם לעבן און גורל פון פעלקער אין פאַרשידענע צייטן.

פּאַבלאָ נערודאַ, דער גרויסער טשילענער פּאָעט און לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע, האָט אין זיין „גענעראַל געזאַנג" פּאָעטיש אויסגעדריקט זיין התפעלות פאַר דער מאַיעסטעטישער פּראַכט פון דער אַמעריקאַנער נאַטור, און דערביי דערציילט וועגן דעם גורלדיקן קאַמף פון די פעלקער, וואָס האָבן אויפגעשטעלט זייער היים אויפן באָדן פון דער נייער וועלט. אָבער נערודאַ איז נישט קיין גלייכגילטיקער צושויער פון דער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּ־געשפּילט בעת דער דעראָבערונג און נאָך איר, ביזן היינטיקן טאָג. ער דריקט אויס זיין צאָרן קעגן יעטוועדן אומרעכט, און רופט די מענטשן צו ליבשאַפט און פאַרברידערונג.

דער גרויסער לאַטיין־אַמעריקאַנער פּאָעט רובען דאַריאָ האָט געזאָגט: „אויב ס'איז נאָך פאַראַן ווו אַ פונק פון פּאָעזיע אין אונדזער אַמעריקע, שטאַמט ער פון די אַלטע צייטן, ווען ער האָט באַלויכטן די הייזקע פון דעם לעגענדאַרן אינדיאַנער און די איידל געפלעגטע לוסט פון דעם אינקאַ, ווי עס האָט דאָס געשילדערט די גאָט־געבענטשטע פעדער פון וואָלט וויטמאַן".

*

די „איליאַדע״ איז געשריבן אין אַ לאַנגאַטעמדיקער העקסאַ־מעטער־מאָס פון אַכצן זילבן אין אַ פערז, וווּ די אַקצענטירטע און נישט־אַקצענטירטע זילבן קומען כּסדר אין איינער און דער זעלבער אָרדענונג, וואָס מאַכט זינגעוודיק־ריטמיש די שפּראַך. די פּאָעמע הייבט זיך אָן מיט די צוויי פערזן:

„זינג מיר, אָ געטין, וועגן אַכילעס דעם זון פון פּעלעוס,
וואָס האָט אַזוי פיל פּײַן פאַרשאַפט מיט זײַן צאָרן אויף די אַכעער״

דער דיכטער הייבט אָן זײַן געזאַנג מיט אַ תּפילה צו דער געטין, מוזע, וועלכע גיט פּאָעטישע אינספּיראַציע, ווי עס האָבן געגלייבט די געצנדינערישע גריכן. דער העלד, אַכילעס, האָט זיך געהאַט צעקריגט מיט איינעם פון די גריכישע אָנפירערס און אויפֿגעהערט אָנטייל צו נעמען אין די קאַמפן מיט די טראָיאַנער. דערפון האָבן די גריכן — די אַכעער ווי זיי האָבן געהייסן אין יענער צײַט — געליטן גרויסע פאַרלוסטן.

*

דער ייִדישער נע־ונד־גורל האָט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרוואָגלט אַ ייִדישן דיכטער פון פּוילן אין דעם ווײַטן קאַזאַכסטאַן אין צענטראַל־אַזיע, פון דאָרט קיין פּאַריז, און אין יאָר 1952 פון פּאַריז קיין בוענאָס־אײַרעס. באַוווּנדערט ער די עקזאָטישע שפע פון דער אַמעריקאַנער ערד, באַקענט זיך מיט דער געשיכטע, מיטן לעבן און מיט דער ליטעראַטור פון די פעלקער, און ווי אַ פאַרשיכּורטער פון תּענוג שרײַבט ער אָן די פּאָעמע: „לאַטײַן־אַמעריקאַניש״.

„אַלץ וואָס וואַקסט אין גן־עדן וואַקסט אין לאַטײַן־אַמעריקע,
דאָ האָט דער הימל געגנוג שטערן פאַר יעדער ראַנטשאָ
דאָ האָט די פּאַמפּאַ גענוג פערד פאַר יעדער לאַסאָ...
אונדזערע טײַכן זענען די שפּיגלען פון דער אייביקייט.

אונדזערע בערג זענען די בעטן פאַר דער איינגעשלאָפענער צײַט.
ווי אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווײַנען נאָך אויף אונדזערע היגלען
די רויטע געטער פון די קיטשואַס, טשאַרואַס און גואַראַניס,
אין די טאָלן טרינקט מען נאָך עד־היום די שוימיקע גרינע מאַטע
מיט דעם דורותדיקן ריטואַל פון די אַצטעקן"...
(„אויף יענער זײַט וואונדער", ז' 122)

דער פּאָעט האָט עמאָטיוו זיך אײַנגעלעבט אין דער גײַסטיקער אַטמאָספער פון דער ציוויליזאַציע... צײַטווײַליקער היים אויפן וועג פון זײַן לאַנגער נע־ונד־וואַנדערונג, האָט דערזען אַז אַלץ וואָס „וואַקסט אין גן־עדן" וואַקסט אויך אויף דער אַמעריקאַנער ערד, און האָט דערפילט דעם גײַסט פון יאָרטויזנטער, וואָס לעבט נישט נאָר אין דעם אַרומיקן נאַטירלעכן פּײַזאַזש, נאָר אויך אין דער נאַטור פון מענטשן, וואָס טרינקט די שוימיקע גרינע מאַטע „מיט דעם דורותדיקן ריטואַל פון די אַצטעקן".

עס לעבט נאָך דער גײַסט פון די אַצטעקן, פון די קיטשואַס, טשאַרואַס און גואַראַניס אויף דער לאַטײַן־אַמעריקאַנער ערד. עס איז גרויס דער צומיש פון אינדיאַנער בלוט אין די אָדערן פון אייניקע פעלקער אויף דעם קאָנטינענט:

„ווער זאָגט עס אַז די וואָס זענען געשטאָרבן לעבן נישט מער?
ווער זאָגט עס אַז די וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכט
פירן נישט מער קיין מלחמות?"

פרעגט דער דיכטער, און אַן ענטפער געפינען מיר אין דער היסטאָרישער כראָניק פון קאָנטינענט, וואָס דערציילט אונדז אָביעקטיוו, אַז זינט די לאַנגיאָריקע קאַמפן קעגן דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט האָט זיך נישט אויסגעלאָשן דאָס פײַער פון די צעהיצטע לײַדנשאַפטן, וואָס ברעכט אויס אין פאַרשידענע פונקטן פון דעם אַמעריקאַנער גן־עדן התחתון, און עס ווערט נישט אײַנגעשטילט די תאווה צו מאַכט און די שטרעבונג פון די פעלקער צו פרײַהייט, ווײַל

„פאַר זיך אַליין איז יעדער מענטש בײַ אונדז אַן אָדלער פון די בערג,
דרײַסט אין זײַן חלום־פלי צו געוועלטיקן און קעניגן.
צוזאַמען זענען מיר אַ סטאַדע אייזלען. וואָס יעדער בײַטש
קאָן שטעלן אויף די קני און אונטערטעניקן...

כאַראַקטעריזירנדיק דעם נשמהדיקן מהות פון דעם לאַטײַן־אַמעריקאַנער, שרײַבט דער דיכטער:

דאָרט ווו יעדער איינער איז אין טרוים אַ האַר —
און יעדער איינער האָט אין חלום אַלץ וואָס ער פאַרלאַנגט,
דאָרט בליט דער שטאָלצער בוים פון פרײַהייט.
דאָרט ווו דער מעסער ענטפערט מיט שאַרפקייט דײַן באַליידיקער,
דאָרט ווו די גיטאַרע זאַמלט צונויף דײַנע פרײַנד,
און צעשמעלצט דאָס האַרטע האַרץ פון דײַן געליבטער,
דאָרט איז דער קוואַל פון גליק"...

(דאָרט, ז' 123)

דאָס איז אַ טיפער אַרײַנבליק אין דער נשמה פון די לאַטײַן־אַמעריקאַנער פעלקער און אַ באַשייד פון זייער היסטאָרישן גורל. דער דיכטער האָט זיך אָפגעטונקט אין די דורותדיקע טיפענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז פול מיט אומרוען, קאַמפן און איבער־קערענישן, ווײַל יעדער יחיד איז אַן „אָדלער פון די בערג", און אַלע צוזאַמען „אַ סטאַדע", וואָס לאָזט זיך הכנעהדיק אונטערטעניקן, אָבער דערפאַר וואָס יעדער איינער איז בלויז אין טרוים „אַ האַר" און באַנוגנט זיך דערמיט, דערפאַר דויערט דאָרט די קנעכטשאַפט, כאָטש „דאָרט בליט — אילוזאָריש — דער שטאָלצער בוים פון פרײַהייט".

*

דער קלאַסישער עפּאָס פון דער נײַער צײַט דערציילט די מעשי־אבות, און איז אויסן מדריך צו זײַן די יונגע דורות זיי זאָלן גיין אָדער נישט גיין אין די דרכים פון זייערע עלטערן. די דורות־

דיקע טראַדיציע פון די פּרימיטיווע אינדיאַנער וואָרנט קעגן דער געצנדינעריַי צום גאָלדענעם קאַלב, וואָס פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ שקלאַף, וואָס האָרעוועט אַ גאַנצע וואָך אויף צו קויפן זיך „זאַכן וואָס מען דאַרף נישט".

„ס'איז נישט קיין שאַנד צו וווינען אין אַ שטוב פון האָלץ און בלעך,
ס'איז נישט קיין חרפּה צו האָדעווען קינדער הינטער אַ צוויַיג־גופלעכט.
אַ חרפּה איז צו פאַרדינגען זיך אויף אַרבעט ווען מען איז זאַט,
ווען די וויַינפלאַש איז נאָך נישט ליידיק,
און מען קאָן די זיסע שעה פון ליבע
פאַרצוען אויף אַ גאַנצן גאָטס מעת־לעת.

פאַרשאָלטן זאָלן זיַין די שונאים,
וואָס האָבן אָנגעצונדן אין אונדזער בלוט די קינאה,
צו די וואָס האָבן זאַכן וואָס מען דאַרף נישט,
און מען מוז אויף זיי האָרעווען אַ גאַנצע וואָך".

(דאָרט, ז' 124)

דער איַינגעבוירענער — דער קריאָזשאָ — איז נישט פויל, ער איז אַ נאַטורקינד, אַ זאָרגלאָזער באַהעם, עס לעבן נאָך אין אים די השגות פון זיַינע אור־עלטערן, וועלכע די שפע פון דער פרוכט־באַרער ערד האָט באַזאָרגט און באַשפּיַיזט מיט אַלעם גרייטן. עס איז אים נישט צום האַרצן דער גזר פון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ שקלאַף. עס איז פאַר אים אַ חרפּה „זיך צו פאַרדינגען אויף אַרבעט" ווען ער איז זאַט. ער בענקט נאָך דער פריַיהייט ווען מען האָט געקאָנט אונטער די קלאַנגען פון דער גיטאַרע „פאַרציִען די זיסע שעה פון ליבע אויף אַ גאַנצן גאָטס מעת־לעת", אָבער ער איז מקנא די וואָס האָבן זאַכן וועלכע ער האָט נישט און דאָס ברענגט אים צו פאַר־ביטערונג און צו זינלאָזע מרידות וועלכע עס נוצן אויס די דיקטאַ־טאָרן.

אין די לאַטייַנישע שפּראַכן שטאַמען ליבע און טויט פון דעם זעלביקן סעמאַנטישן שורש. ליבע (אַמאָר) איז אומטויט (אַ־מאָר). דער דיכטער האָט די דאָזיקע גורל־שותּפות צווישן ליבע און טויט אַרויסגעבראַכט אין זײַן פּאָעמע, אין וועלכער ער זינגט:

„ליבע אין לאַטייַן־אַמעריקע איז טיף און ברויזנדיק ווי דער ים.
ליבע אין לאַטייַן־אַמעריקע איז סודותדיק און פינצטער ווי דער טויט.
בײַ אונדז גייט ליבע און רציחה האַנט בײַ האַנט,
און הינטער זיי גייט נאָך דאָס ליד״.

(דאָרט, ז׳ 127)

און ער זינגט אַ ליד וועגן אַ שיינער מויד, וואָס איז געווען דאָס ווײַב פון אַ בייזן גענעראַל. ליב געהאַט האָט זי אָבער דעם שיינעם פּעאָן, וואָס האָט דעם גענעראַל באַדינט און געפּוצט אים דאָס פערד. אין אַ לבנה־נאַכט האָט ער זיי דערשנאַפּט אין גראָז, און מיט זײַן שווערד האָט ער זיי געטויט. פאַר אַ מאָרד אויס ליבע און פאַרראַט איז נישטאָ קיין שטראָף אויף דער לאַטייַן־אַמעריקאַ־נער ערד. דער גענעראַל האָט זיך נאָך דעם גענומען אַ יונגערע ווײַב, אויך דאָס פערד האָט ער פאַרקויפט, און עס אויסגעטוישט אויף אַ נײַעם אויטאָ, וואָס דער דיקטאַטאָר האָט אים געשענקט.

איז דאָס דער סוף פון ליד?
אַ, ניין, אַ ליד האָט נישט קיין סוף,
ווײַל דאָרט ווו עס שטעכט די נאָדל: זינד —
דאָרט שלעפּט זיך נאָך דער פּאָדעם: שטראָף!

אין אַ נאַכט וועלן אויפשטיין די חברים זײַנע,
וואָס זיצן איצט מיט אים בײַנאַנד,
און וועלן מאַכן אַ פאַרשווערונג קעגן דעם דיקטאַטאָר
פונעם לאַנד,

דערפֿאַר וואָס ער האָט זיי קיין נײַע אויטאָס נישט געשענקט.
און דעמאָלט וועט אים שווין זײַן אַ באַצאָלונג
פֿאַר דעם טויט פֿון יונגן ווײַב
און פֿאַר דעם בלוט פֿון דעם פּעאָן״.

(דאָרט, ז׳ 128)

אין הונדערט זעכציק זינגעוודיקע פּערזן האָט יצחק יאַנאַסאָוויטש געגעבן די עפּאָפּעע פֿון לאַטײַן־אַמעריקע, אין וועלכער ס׳איז פֿאַרקערפּערט די נשמה פֿון די פֿעלקער, וואָס באַוווינען איר ברייט פֿאַרשפּרייטע טעריטאָריע. ער ווייסט דעם סוד פֿון צימצום און האָט מיט קנאַפּע ווערטער און איבערצײַגנדיקע בילדער אַנטפּלעקט די מיסטעריע פֿון דורות, און דעם גײַסט וואָס הערשט אויף דעם קאָנטינענט. אין קלאַסישן עפּאָס ווערט נתגלה די אור־נשמה פֿון פֿעלקער, דער מיטאָס, וועלכער לעבט אין די נאָכקומענדיקע דורות. אין „לאַטײַן־אַמעריקאַניש״ קומט צום אויסדרוק די פּרע־היסטאָריע פֿון אַמעריקע, וואָס האָט געלייגט איר חותם אויף דער גײַסטיקער אידענטיטעט פֿון די פֿעלקער אויף דער לאַטײַן־אַמעריקאַנער ערד.

די פּאָעמע „לאַטײַן־אַמעריקאַניש״ איז אַ טרײַע קינסטלערישע וויזיע פֿון פֿיל פֿעלקער אויף דעם קאָנטינענט, פֿון וועלכע עס האָט זיך נאָך נישט אָפּגעטאָן דער פּרימיטיווער אור־גײַסט פֿון די קריגערישע אַצטעקן, פֿון די ראשונים, וואָס האָבן נאָך פֿאַר קאָלאָמבוסן געלעבט אויף דער ערד. דאָ קומט באַלד צום אויסדרוק דער קאָנפֿליקט צווישן דער פּרימיטיווער נאַטור און דער אַרויפֿגעצוווּנגענער ציוויליזאַציע, וואָס די אייראָפּעער האָבן געבראַכט דאָ אַהער...

✶

„לאַטײַן־אַמעריקאַניש״ פֿון יצחק יאַנאַסאָוויטש איז אַ געלײַטערטער מוסטער פֿון קלאַסישן עפּאָס אין דער יידישער ליטעראַטור. און דער עפּאָס, מער ווי אַלע אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן, דערווײַזט, אַז די מענטשלעכע מעשים ווערן באַשטימט נישט נאָר דורך זײַן באַוווסטזײַן, נאָר אויך דורך די אײַנפֿלוסן וואָס לויערן

אין זײַן פּערזענלעכן אומבאַוווסטזיניַן און אין זײַן היסטאָרישן קאָלעקטיוון אומבאַוווסטזײַן, וועלכן ער האָט געירשנט פון זײַנע ווײַטע אור־עלטערן. האָט דער דיכטער פאַרנומען די נאָסטאַלגיע פון דעם אַרטיקן ניגון און האָט אים געגעבן אַ פּאָעטישן תיקון.

אָ, ווידאַ מיאַ, ווידאַליטאַ!
ווי שיין האָט זי די יונגע בריסט ווי הערנער אויסגעשטרעקט.
ווי זיס זי האָט מיט די פולע היפּטן
אַ גאַנצע גאַס מיט יונגען אויפגעוועקט.
אָ, ווידאַ, ווידאַליטאַ...״

(דאָרט, ז׳ 126)

„אויף יענער זײַט ווונדער״

„אויף יענער זײַט ווונדער״ איז ווי דערמאָנט אַ זאַמלונג פון לידער געשריבן אין פאַרשידענע צײַטן אויפן לאַנגן נע־ונד־וועג פון דיכטער פון פּוילן אין צענטראַל־אַזיע, פּאַריז, אַרגענטינע, ישראל. יעדעס אָרט וווהין דער גורל האָט אים פאַרטראָגן איז פאַראייביקט אין זײַן ליריק, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון דריטן חורבן, וואָס כאַראַקטעריזירט די יידישע דיכטונג נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. זײַן ליד פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַ געלײַטערטן קלאַסישן סטיל און האַרמאָנישער סטרוקטור, ווו די באַהאַלטענע מוזיק פון ריטם, אימאַזש און גראַם, דריקט אויס די טיפקייט פון דער שעפע־רישער עמאָציע.

די געדאַנקען בײַ אַן עכטן קינסטלער זײַנען הויפּטזאַכלעך רעשטן פון איבערגעלעבטע עמאָציעס. דאָס איז דאָס גײַסטיקע הינטערלאַנד, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון עמאָציאָנעלע איבער־לעבונגען:

„מײַן ליד און לײַב, זײ זענען נאָר אַ זכר
און אויך פון דעם זכר זײ זענען דער זכּרון.
אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען וויל דורך מיר דערגרייכן
אויפצוגיין אויף ס׳נײַ אין אומקרײַז פון די יאָרן״.

זײַן ליד איז אַ זכר פון דעם חרוב־געוואָרענעם ייִדישן לעבן וואָס שטרעבט אויף ס׳נײַ אויפגיין מיט כּוח פון פּאָעטישן וואָרט.

די אייגנאַרטיקייט פון זײַן סטיל באַשטייט דער עיקר אין דער טיפקייט פון געדאַנק, און שאַרפזיניקן אַרײַנבליק אין סאַמע תּוך פון לעבן. אין אַ ליד „צו פּוילן״ זאָגט ער:

„פּוילן, פּוילן, כ׳בין מײַן בענקען
ווי אַ שיבעה אויסגעזעסן.
צו פיל פּײַן דיך צו געדענקען,
צו פיל גרויל דיך צו פאַרגעסן.

אונדז דערוויַיטערט האָט דאָס לעבן,
נאָר דער טויט האָט אונדז פאַרבונדן.
וויפל ווײ איך מוז פאַרגעבן
און פאַרשווײַגן — וויפל ווונדן״.

דאָס געפיל פון אוממאַכטיקייט און פון שלום מאַכן מיטן גורל איז אויך ווי אַ פינצטערער שאָטן אים נאָכגעגאַנגען אויף די וועגן פון דער ווײַטער אַזיע. צום באַרג אַלאַטאַו זאָגט ער:

„אין דײַן נאָענטקייט ווערט דער עלנט מײַנער גרעסער,
טיפער ווערט די בענקשאַפט דיר צופוסנס, אַלאַטאַו.
מיט שטאָלצער הייך און פרעמדן גלײַכגילט דײַנעם לעסטערסט
מײַן מענטשלעך האַרץ,
וואָס כ׳האָב געבראַכט צו דיר דורך הפקר און דורך וואָגל.

אָ, גרויסער באַרג, ווי אַ מצבה־שטיין דו שטאַרסט
אויפן קבר פון מיַין חלום,
וואָס וועט דיַין אויפשטיַיג צו די הימלען נישט דעריאָגן".

עס שוועבט אין זיַינע לידער פון דער עפּאָכע דער אָטעם פון איבערגעלעבטן אומקום, און עס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן דער צער

„פון קינדער אין עלנטע קברים,
וואָס זענען ביַים לעבן, נאָך ברויט אויף „אַרישע" גאַסן געלאָפן,
ווען עס האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן".

ער האָט פאַרוואַנדלט די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט, אין שטערן פון מענטשלעכן צאָרן און פּראָטעסט, וואָס האָבן דעם חושך געצונדן מיט דער פראַגע:

„ווער וועט פאַרשטיין דעם גרויל,
ווען צווישן פאַרסמאַליעטע ציגל
און פון קופּעס הרוגים אַרויס
האָט פלוצים אַ קינד זיך צעשריגן,
און האָט זיַין פאַרוווּנדערטן בליק
אין די הימלען די בלויע פאַרשטאָכן,
ווען עס האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן".

און ער פאַרענדיקט דעם ערשטן קאַפּיטל פון בוך „אינעם אַש פון זכרון" מיט טיף אימפּרעסיאָניסטישע פערזן, וואָס דריקן אויס זיַין מעלאַנכאָליש־עלעגישן געמיט:

„בענטש מיך אויף ס'ניַי מיט דער האַפט
פון פּראָסטע אַמאָליקע רייד...
כ'זאָל פילן ווען עמעץ זאָגט „נאַפט"
דעם ריח פון שטעטלשער קלייט.

פון „גריץ״ עס זאָל אויפגייִן פון ס׳נײַ
די פרייד בײַ אַ וואָכיקן טיש
און שמעקן זאָל אויך שוין דערבײַ
דאָס קאָרענע ברויט אַזוי פריש.
„בוים״ זאָל זײַן העכער פון דאַך
און „לבנה״ — אַ יידיש געשטאַלט,
און איין מאָל אין יאָר כאָטש דער „סכך״,
זאָל שמעקן בײַ מיר דאָ מיט וואַלד.
„גוי״ זאָל דערמאָנען מיך שטאָל
און היימישן זאַמד אויפן דיל,
„מלחמה״ — דעם ערדענעם וואַל
אין קינדערס אומשולדיקן שפּיל...
„שרעקלער״ זאָל זײַן, ווען עס שרײַט
אין פעלדער אַ נאַקעטער ווינט,
און זאָל דער „בית עולם״ זײַן ווײַט,
און נישט אינעם האַרץ ווי אַצינד״.

✶

אין לירישן געמיט פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעזיע קומט אויך אָפּט צום אויסדרוק אַן עפּישער טאָן. דער פּובליציסט באַהערשט די פּאַנאָראַמע, נעמט זיך צו הילף די מוזע מיט אירע פּאָעטישע כלי־זיין, און זינגט „עניני־דיומא״, וועגן פּראָבלעמען פון טאָג. פאַראַן מענטשן וואָס טענהן, אַז מען טאָר זיך נישט שטיצן אויפן „סאָלדאַטישן וואָפן״, ווײַל יידן האָבן פון מלחמה שטענדיק „זיך הייליק דערווײַטערט״, פרעגט זיי דער דיכטער:

„וואָס האָט איר, דערמאָנט זיך, געזאָגט
ווען ס׳זענען די געטאָס געשטאַנען אין פלאַמען?
ווען מען האָט צו פאַרלענדן אין מחנות געיאָגט,
אײַערע טאַטעס און מאַמעס מיט די קינדער צוזאַמען?...
דעריבער דעם זאָגער, דעם פרעגער, כ׳דערמאָן אים:
ווי קאָן מען באַשיצן פון אומקום אין פּײַן
דאָס יידישע לעבן, אָן קראַפט קעגן שונאים?״.

*

דער ביאָגראַף פון פרוידן, ערנסט זשאָנעס, זאָגט, אַז דער גאון איז אַ מענטש פון קעגנזעצלעכע עקסטרעמען, ער קאָן זײַן אַ סקעפּטיקער, וואָס צווייפלט אין אַלץ און אַלעמען, און גלײַכצײַטיק אַ טיף־גלייביקע נאַטור. און ער ברענגט פאַר אַ בײַשפּיל איינעם פון די גרעסטע גאונים פון אַלע צײַטן, איסאַאַק ניוטאָן, דעם דער־פינדער פון דער אַטראַקציע־קראַפט אין אוניווערס, וואָס האָט זיך באַצויגן סקעפּטיש צו אַלע וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזן, און איז גלײַכצײַטיק געווען טיף פאַרגלייבט אין דער ריכטיקייט פון די ביבלישע צײַט־דאַטעס, לויט וועלכע מען קאָן פאַרויסזען, ווי ער האָט געזאָגט, דעם וועלט־אונטערגאַנג. דער גלייביקער קריסט, האָט באַשטעטיקט די וויזיע פון די יידישע קאַבאַליסטן.

דער הויך־באַגאַבטער מענטש האָט אין זיך עפּעס פון קינדי־שער תּמימות און גלײַכצײַטיק פון איבערגעשפּיצטן צווייפל. „די גרויסקייט באַשטייט נישט אין איין עקסטרעם, נאָר אין אַ פאַר־איייניקונג פון ביידן", האָט געזאָגט ס. קרעטשמער.

אַ טאַלאַנטירטער מאַן האָט אין זײַן כאַראַקטער אַ דאָזע אַגרע־סיוויטעט, ער איז הערשעריש און פאַרגלייבט אין זיך גופא, און כאָטש ער איז נישט פאַרווײַבלעכט, איז ער „פעמענין" אין דעם זין וואָס ער האָט מער אָפענע און וואַרעמע געפילן, ווי דער דורכ־שניטלעכער מענטש. ער איז „אינספּירירט", וואָס מיינט אין פּסיכאָ־לאָגישן זין, אַז ער איז באַהערשט, ער איז „שוואַנגער" מיט געוויסע אידעען, וואָס פאַרשאַפן אים חבלי־לידה.

האָט יאַנאַסאָוויטש מיט אינערלעכן אויפברויז אויסגעדריקט די טראַגישע טיפקייט פון דער ישראל־ווירקלעכקייט, וואָס לעבט אין פערמאַנענטער געפאַר פאַר שונאים וועלכע רינגלען זי אַרום, און ער ווענדט זיך צו אַ יונגן חייל מיט די ווערטער:

> „דו האָסט דײַן גוף געלייגט ווי אַ דאַמבע פאַר דעם וויכער
> פון זייערע טאַנקען. נאָר נישט באַוויזן האָסטו די רציחה
> וואָס האָט זיי צו אונדזערע היימען געטראָגן
> אין וואַרצל צו דערשלאָגן".

אָבער ער איז אויך באַשאַנקען מיט אַ געוויסער מאָס תּמימות און ישוב־הדעת, וואָס לײַטערט אויס די סקעפּטישע שטימונג, גיט אים אמונה אין תּיקון־העולם און נצח־ישראל, און אין אַ לירישן עקסטאַז צעזינגט ער זיך פרײידיק:

„ס׳איז אונדזערע די ערד
און אונדזערע די טײַכן,
און ס׳גליִען איבער אונדז
מיט בלויען פלאַם די הייכן.
אונדזער איז די רו
פון דרעמלענדיקע זאַנגען,
און ס׳איז די פרייד פון פעלד
פאַר אונדז איצט אויפגעגאַנגען...
אונדזער איז דער בוים
וואָס אין פאַרנאַכטן פרעפּלט,
אַ שיכּורער פון ווײַן,
פון זאַפטיק־גרינע עפּל...
אונדזער איז דאָס אַלץ
און אונדז וועט עס געהערן,
דאָס אַלץ וואָס איז שוין דאָ
און אַלץ וואָס וועט ערשט ווערן...

נישט שטענדיק באַהערשט אים די קהלת־שטימונג. אויפן באָדן פון ישראל ווערט אויסגעלײַטערט זײַן געמיט און מיט אַ פאָלקסטימ־לער־חסידישן טאָן זאָגט ער:

„קיין ירושלים קומט מען נישט,
קיין ירושלים קערט מען זיך אום.
קיין ירושלים שטײַגט מען אויף,
אויפן לייטער פון דורות,
אויף די שטאַפּלען פון בענקשאַפט,
אויף די טרעפּ פון דערלייזונג״.

דער גרויל פון קריג און דער שוידער פון נע־ונד־לעבן האָבן זיך נישט פאַרוואַנדלט אין קיין קאָמפּלעקס, און נישט אויסגעלאָשן אין האַרצן די געפילן פון ליבע און די פרייד פון לעבן. אין קאַפּיטל „אַ רויז האָט אויפגעבליט אין מיטן ווינטער" האָט ער אַ „קאַנטאַטאַ עראָטיקאַ", וואָס זינגט בושת־פּנימדיק צו זײַן געליבטער. ס׳איז אַ שיר־השירים־געזאַנג, אײַנגעהילט אין אַ דורכזיכטיקן שלײַער פון לויטערע אימאַזשן:

„זוכנדיק אין דער פינצטער די שוואַרצע סאַמעטענע פייגל
האָב איך צוויי יונגע לייבן אָנבאַגעגנט.
פון דער פינצטער זענען זיי מיט הייסן אָטעם אויפגעשטיגן,
און מיך אין דזשונגל מיטגעשלעפּט.
כ׳האָב פולע הענט מיט פאַנג געהאַט
און זיסער שוידער איז אַדורך מײַן לײַב.
אַ ווײַס פײַער האָט אויפגעלויכטן,
אין אַלע ווינקעלער פון מײַן געביין".

„אויף יענער זײַט װונדער" פון וועלכן מיר האָבן אויך גענומען די אויבן קאָמענטירטע פּאָעמע „לאַטײַן־אַמעריקאַניש", איז אַ קינסטלערישער מאָנומענט אין וועלכן ס׳איז פאַרקערפּערט דער גײַסט פון אונדזער שטורמישן יאָרהונדערט.

אויף די וועגן פון נע־ונד

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה האָט יאַנאַסאָוויטש איבערגעלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד, צום ערשט אין ביאַליסטאָק, דערנאָך אין צענטראַל־אַזיע, אין קאַזאַכסטאַן. פון רוסלאַנד צוריקגעפאָרן קיין פּוילן, פון דאָרט אין פּאַריז, פון פּאַריז קיין אַרגענטינע, און פון אַרגענטינע עולה געווען קיין ישראל אין יאָר 1973, וווּ ער האָט זיך געמאַכט זײַן שטענדיקע היים.

אויף זײַן לאַנגן נע־ונד־וועג האָט ער איבערגעטראָגן די פּײַזאַזשן פֿון דער נאַטור, די קאַטעגאָריעס פֿון לעבנסשטײַגער און פֿון דער מאַטעריעלער וועלט, אויף דער וועלט פֿון גײַסט. אין דער פּאָעמע „לאַטײַן־אַמעריקאַניש" האָט ער פּאַראײיבּיקט דעם גײַסט פֿון דעם דרום־אַמעריקאַנער מענטש, און אין „טיאַן־שאַנער בערג" די אויסטערלישע פּאַנאָראַמע פֿון צענטראַל־אַזיע.

ער האָט דעפֿינירט דאָס אומדעפֿינירבאַרע, און האָט אין דער מאַיעסטעטישער וויזיע פֿון דער בערג־קייט אַנטפּלעקט דעם סוד פֿון מעשה־בראשית.

„פֿײַער האָט געבוירן אײַך. איר זענט ווי גליִענדיקע זיילן אויפֿגעגאַנגען
דורך גלוסטונג פֿון דער לאַווע. געוואָלט האָט זי דורך אײַך דערלאַנגען
צו דער זון צוריק. ווײַל כאָטש אויף ליכט־יאָרן מיליאָניקע פֿאַרשלײַדערט,
האָט די ערד געבענקט מיט פֿלאַם אין אירע אינגעווייידן
צוריק צום שטאַם. צו יענעם פֿײַערקוואַל דעם פֿאָטערלעכן, גרויסן
וואָס האָט זי ווי אַ טאָכטער, אַ פֿאַרשײַטע, אָפּגעשטויסן".

די פֿלאַמיקע בענקשאַפֿט פֿון דער ערד צו דעם פֿאָטערלעכן פֿײַערקוואַל פֿון דער זון, האָט מיט איר לאַווע אויפֿגעשטורעמט בערג און זיי

„געשיקט די שווערע וואָלקן־ריגלען אויפֿצורײַסן און ברענגען פֿאַר
דער זון איר בענקשאַפֿט און איר תּפֿילה,
נאָך איידער עס וועט די צײַט אין גליווער זי פֿאַרקילן".

דער פֿײַערלעכער ריטעם פֿון די זינגעוודיקע שורות באַגלייט מיט התפּעלות די הערלעכע מיסטעריע.

דאָס רופֿט זיך איבער מיט דער ביבלישער התלהבות פֿון דער געטלעכער יצירה

„וואָס באַפעסטיקט די בערג מיט זײַן כּוח
וואָס איז באַגורט מיט גבורה;
וואָס שטילט אײַן די ברומונג פון ימען,
די ברומונג פון זייערע אינדן, און דעם טומל פון די פעלקער".
(תּהילים, ס״ה, 7)

און ער דריקט אויס זײַן בענקשאַפט אין פאַרגלײַך פון די טיאַן־שאַנער בערג מיט די נידעריקע היגלען פון זײַן היימלאַנד, ווו עס פלאַטערט איבער זיי אַ שוואַלב „מיט אַ צוויטשערײַ פון אונדזער פראָסטן יידיש". און פאַרענדיקט די עפּאָפּייע מיט די ווערטער:

„מיר ווערט אײַער הויכקייט נישט נאָר פרעמד און נימאס,
כ'בין אויך צו זיך אַליין איצט אויך פול מיט תּרעומות".

דער דיכטער פילט זיך פאַרלוירן אין אומענדלעכן מידבר פון די קאַזאַכסטאַנער זאַמדן, און בײַם אַנבליק פון העכסטן באַרגשפּיץ פון אַלאַטאַו, זוכט ער אַ טרייסט אין זײַן מענטשלעכער בכורה אין פאַרגלײַך מיט די פאַרשטיינערטע מאַטעריעלע גיגאַנטן:

„דײַן מינדסטער שטיין קאָן מײַן הוילן קאָפּ צעשמעטערן,
דאָך קאָנסטו נישט מײַן טרוים פאַרהאַלטן אין זײַן קלעטערן
צו דײַנע הויכן,
און העכער אויך — צו יענע שטערן,
וואָס דו אַליין וועסט קיין מאָל נישט דערגרייכן..."

דאָס איז מאַגיסטראַלע פּאָעזיע. אין אַ ליד געשריבן אין אַלמאַ־אַטאַ, אין יאָר 1941, זעגנט ער זיך מיטן באַרג אַלאַטאַו:

„און כאָטש צו אַש — כ'וועל צוריקגיין צו מײַן היים
ווו אויפגעגאַן פאַר מיר דאָס ערשטע ליד אין טרויער איז.
און כאָטש צו קברים — נאָר איך וועל גיין,
מיך רופט דער גורל און מיך רופן דורות".

*

די אָפּטיילונג „צום האַר פון די אָבות" איז דאָס שענסטע פון זײַן לירישן געזאַנג, אויסגעשפּילט מיט אַ דינער פײַנקייט פון אַרקעסטאַציע, פון טיפסטן געפיל אויף אַ פּאַסטאָראַלער פלייט. „אַ תּפילה" הייסט דאָס ליד, וואָס איז אויפריכטיק און עמאָציאָנעל, און דעריבער אויך לאַגיש. די עיקרדיקע אינטעלעקטועלע אַרבעט אין אַ ליטעראַריש ווערק פירט אויס נישט דער געדאַנק, דער ריינער פּראַקטישער שכל, נאָר די עמאָציעס, באַזונדערס אין דער פּאָעזיע. אין דער פּראָזע פּרעדאָמינירט דער אינטעלעקט, וואָס באַמיט זיך אַרײַנצוברענגען אַ טאָלק, געבן אַ לאָגישע באַרעכטיקונג, זײַנע אינסטינקטיווע רעאַקציעס, זײַנע עמאָציעס.

און איבערגעבן עמאָציעס מיינט סוגעסטירן, אימפּאָנירן און דערוועקן אַן ענלעכע עמאָציע בײַם לייענער. אויף צו דערגרייכן עס מוז מען געבן אַ סימבאָל, וואָס זאָל דערוועקן אַן אידענטישע עמאָציאָנעלע רעאַקציע צום דיכטערס געפיל.

יאַנאַסאָוויטש זינגט אַרויס און זינגט אַרײַן זײַן שטימונג, וואָס באַהערשט דעם לייענער:

„גאָט פון מײַנע אָבות,
פון מײַנע טאַטע־מאַמע די צעאַשטע,
אין רויכן צו די הימלען אויפגעגאַנגענע!
הער זיך צו צו מײַן תּפילה אין דער דאָזיקער שעה.

און וואָס איז זײַן תּפילה? זײַן תּפילה איז זייער אַ מאָדנע. ער בעט אַז גאָט זאָל נישט... מקיים זײַן זײַנע תּפילות...
ער זאָגט:

...יאָרן־לאַנג האָב איך פון דיר פאַרלאַנגט
דו זאָלסט מײַן נאָמען פעט מאַכן מיט רום,
אַז ווו נאָר עס וועט אַ געזעמל זײַן

זאָל עמעץ זאָגן און צו מײַנע אויערן זאָל דערגײין:
„אָט איז דער מאַן!"...

— — — — — — — — — — — — —

אָבער אין סך־הכּל פון זײַנע לעבנס־דערפאַרונגען זעט ער אײַן אַז די אַלע פאַרלאַנגען און ווונטשן האָבן אים קיין גליק נישט געבראַכט און דעריבער קומט ער איצט צו גאָט מיטן געבעט:

נייג נישט צו דײַן אויער צו מײַנע פאַרלאַנגען,
און קוק אַוועק פון מײַנע באַגערן.
דו אַליין ווייסט וואָס ס'איז גוט פאַר מיר
און דו אַליין קענסט די וועגן צו מײַן מנוחה".

מנוחה — אינערלעכער פרידן, גײַסטיקע גלײַכוואָג, שלום מיט זיך, מיט דער וועלט און מיט גאָט, דאָס איז דאָס העכסטע גליק וואָס איז באַשערט אַ מענטשן. די קראַפט צו פאַרוואַנדלען די סוביעקטיווע עמאָציע אין אַן אוניווערסאַלן געזעץ, דערהייבן דעם פּרט צו אַ סימבאָל פון אַלמענטשלעכן, פאַרשטעלן דעם טיף ווי אַ פּראָטאָטיפּ; דאָס איז דער סימן מובהק פון אַ גרויסן שרײַבער און דער עיקר פון אַ הויכן סטיל, דאָס שטאַמט נישט פון אַ חושים־פּערצעפּציע און ראַציאָנעלן דענקען, נאָר פון אַן עמאָציאָנעלן חשבון־הנפש.

✶

אין דעם ליד „גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם", זינגט דער פּאָעט:

„גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם,
האָבן הײַנט מיר אָנגעזאָגט, ווען כ'בין אַרויס אין גאַס
אַז מר יוסף ווײַסלפיש איז מער נישטאָ...
דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מאָדנע נײַס,
ווײַל איך האָב אַ ווײַלע פריער לגמרי נישט געוווּסט

אַז אַט דער מענטש (מיטן נאָמען יוסף ווײַסלפּיש)
איז דאָ געווען אויף אונדזער ערד
און האָט געוווינט
דרײַ גאַסן בלויז פון דעם אָרט
ווו איך וווין...

ווײַזט אויס אַז נישט בלויז אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגענען זיך נישט, אין אונדזערע הײַנטיקע לעבנס־באַדינגונגען באַגעגנט זיך אויך נישט אַ מענטש מיט אַ מענטש, כאָטש, ווי זאָגט דער פּאָעט ?

קאָן זײַן אַז ביידע האָבן מיר זיך דאָ
אויף אַט דער ערד, אונטער שטערנליכט,
אונטערן שײַן פון ברענענדיקע זונען,
אַ לעבן־לאַנג זיך אַרומגעזוכט
און נישט געפינען,
כאָטש ביידע האָבן מיר געוווינט
דרײַ גאַסן בלויז פון אַט דעם אָרט
ווו גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם
דערציילן איצט דער גאַנצער שטאָט
די בשורה פון דײַן טויט".

ס׳איז אַן אויסדרוק פון דער איינזאַמקייט, וואָס באַהערשט אַ מענטשן פון דער גרויסער שטאָט. מען וווינט אויף דער זעלבער גאַס און אַפילו אין דעם זעלבן הויז, און מען קען זיך נישט, און מען שענקט נישט אַפילו איינער דעם אַנדערן אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אַ קאַלטע וואַנט פון פרעמדקייט האָט צעטיילט די מענטשן און איינער וויל גאָר נישט וויסן פון דעם צווייטן.

אין די אַלטע צײַטן און אין די קליינע ישובים, זענען די אײַנוווינערס געווען ווי איין גרויסע משפּחה. דער יחיד איז נישט געווען אַנאָנים, ער האָט געהערט צו אַ כּלל. דער אַנאָנימאַט איז געקומען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעכנאָלאָגיע, וואָס האָט צונויפגעטריבן די מענטשן אין וואָלקנקראַצערס פון מיליאָניקע שטעט, ווו יעדער איינער לעבט זיך אין זײַן ווינקל ווי אָפּגעריסן פון דער וועלט.

דער מוטער־קאָמפּלעקס, וואָס הייבט זיך אָן מיטן צובונד פון קינד צו זײַן מוטער, איז אַן אויסדרוק פון אייביקער בענקשאַפט פון מענטשן צו מענטשלעכער וואַרעמקייט, אַ גרונט־שטימונג פון מענטשלעכן געמיט, וואָס בילדעט דעם יסוד פון סאָציאַלן אינסטינקט און הומאַניסטישן געפיל, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער ביבלי־שער פאָרמולע ואהבת לרעך כמוך. ס'איז נישט קיין אינדיווידועלער כאַראַקטער־שטריך, נאָר אַן אויסדרוק פון אַ נאַטור־געזעץ, פון אַן אײַנגעבווירענעם הומאַניטאַרן סענטימענט.

„לאַנדשאַפטן פון געמיט"

די לידער פון קאַפּיטל „לאַנדשאַפטן פון געמיט" פון בוך „אויף יענער זײַט ווונדער", קאָנען אויך פאַררעכנט ווערן צום ציקל „גרויספּאָעזיע". דער טיטל אַליין איז אַ פּאָעטישע סוגערענץ פון אַ פּסיכישער פּאַנאָראַמע. ס'איז נישט קיין לאַנדשאַפט פון אַ געאָ־גראַפישן שטח, נאָר אַ פּאַנאָראַמע פון געמיט, אַ פּײַזאַזש פון דער נשמה.

דאָס ערשטע ליד איז דורכגעדרונגען מיט אַן עלעגישן טאָן פון דער חורבן־עפּאָכע, וואָס איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דיכטערס וועזן. די פּערזענלעכקייט פון דיכטער איז אויפגע־לייזט געוואָרן אין זײַן ווערק, ווי דער זאַפט פון אַ בלום אין די שמעקנדיקע ריחות וואָס פאַרשפּרייטן זיך אין דער לופטן, און אויף די „לאַנדשאַפטן" שפּרייט זיך אויס אַ שאָטן פון נאָסטאַלגיע צו די פאַרלוירענע קינדער־יאָרן.

און כאָטש דו ווייסט, אַז ס'איז שוין דאָרטן מער נישטאָ
די שלווהדיקע שיינקייט פון דײַנע קינדער־יאָרן;
און כאָטש דו ווייסט, אַז יענער כישופדיקער בלאָ,

איז לאַנג שוין רויט פון דײַן פּאַרגאָסן בלוט געוואָרן,
דאָך ציט עס אַלץ און ציט אין קינדערלאַנד אַהין,
דעם נע־ונדן זקן, דעם געדענקער.
די לאַנדשאַפטן פון זכרון, זיי זענען אייביק גרין,
און זינגען אין געמיט פון מידן בענקער.

עס איז אַ דורכזיכטיק־לירישע שילדערונג פון אַזאַ גרויס, וואָס מאַכט וויברירן די טיפסטע געפילן און דערוועקט אַ בענקשאַפט אין האַרצן. „שיינקייט, האָט געזאָגט פּלאַטאָן, איז דאָס ליכט פון אמת". און אמת מיינט דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, ווערטער פון האַרצן וואָס גייען אין האַרצן. אַן אויסערלעכע פלי־טערלעך. דער דיכטער דריקט אויס זײַן געפיל, וואָס עס אינספּירירט אים די נאַטור און דער פּולס פון אייגענעם האַרצן, ער הערט זיך אײַן „אין זיך און אין אַרום זיך", און שאַפט אַן אמתדיק בילד פון זײַן „לאַנדשאַפט פון געמיט".

„אין שפּעט־זומערדיקער נאַכט
זענען מײַנע שויבן בלויע הימלען,
אין ווייכע וואָלקנס אײַנגעוויגט.
די שטערן ציטערן און דרימלען.

גאָט, מײַן גאָט, ווען וועל איך רוען?

אין שפּעט־זומערדיקער נאַכט,
זענען מײַנע שויבן בלויע שליאַכן;
אַ שטילער חלום גייט אויף זיי
די מידע וועלט באַוואַכן.

גאָט, מײַן גאָט, ווער וועט מיך היטן.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן זענען די זאַכן, און אויך די לאַנדשאַפט פון געמיט, אײַנגעהילט אין טויזנטער שלײַערן פון געוווינהייטן, מינהגים, קאָנווענציאָנאַליזמען, אין ווערטער־עטיקעטן, וואָס פאַר־דעקן דעם אמת פון לעבן. אין דער קונסט „אַנטהילט" זיך דער שעפער און אויך זײַן שאַפונג, און עס דערשײַנט דער **נאַקעטער**

אמת און דער ריינער געפיל, דאָס איז — לויט פּלאַטאָנען — דאָס ליכט פון אמת, דער קענצייכן פון עסטעטיק — גרויספּאָעזיע.

ווי גוט איז איצט,
בײַם פענצטער אָפענעם אַליין,
צו זיצן וואַר,
צו האָרכן און צו שווײַגן.
צו זען ווי שטערן פאַלן אין דעם טיפן קאַרב פון נאַכט,
צו הערן ווי עס פאַלן רײַפע עפּל פון די צווײַגן.

אין דער קונסט דערהייבט זיך דער מענטש דורך זאַכן, וועלכע ער באַנעמט מיט זײַנע געפילן — צו סופּער־געפילן, וואָס דריקן אויס אין אַ פרײַען שפּיל פון דער פאַרשטעלונגס־קראַפט, די האַר־מאָניע פון העכערע וועלטן.

לויטן באַגריף פון די ערשטע גריכישע פילאָסאָפן, איז דער קאָסמאָס אַ סטרוקטור אין וועלכן עס הערשט אַן אינערלעכע האַרמאָניע, אַ רעגולערע באַוועגונג פון די הימל־קערפּערס אין זייערע אָרביטעס, אַ סימעטריע וואָס באַהערשט אַלע פּרטים אין איין קאָסמישן פּלאַן. ס'איז אַן אויסדרוק פון העכסטער שיינקייט. דער מענטש איז אַ קאָסמישע סטרוקטור בזעיר־אַנפּין, מיקראָ־קאָסמאָס. אין דער פּאָעטישער נשמה איז פאַרבאָרגן אַן „אינער־לעכע סימעטריע" אויף צו דערפילן דעם ריטעם — די מוזיק, לויט אַלבערט אײַנשטיינען — פון דער קאָסמישער האַרמאָניע.

ווי גוט איז איצט בײַם פענצטער אָפענעם אַליין
צו זיצן שטיל, צו הערן
די זיסע פידלען פון דער קליינער נאַכטמוזיק,
ווען אויף דער בלויער חלום־בריק,
וואָס ציט זיך ביז די שטערן,
גייען אום, פֿלומרשט ווי פאַרוואָרט,
אונדזערע בײַטאָגיקע באַגערן.
ששש... ס'איז חלום־צײַט,
ביטע נישט צו שטערן.

דער דערציילער

די עטיש־ראָמאַנטישע טראַדיציע
פון די קלאַסיקערס

„דאָס בשמים ביקסל" הייסט די זאַמלונג פון צוואַנציק דערציילונגען פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס באַהאַנדלען פאַרשידענע טעמעס און וואָס זיינען פאַרלאָפן אין פאַרשידענע ציַיטן, אָבער וואָס האָבן איין געמיינזאַמען קערן. דער מחבר זאָגט אין איינער פון זיינע עסייען: „מיך באַשעפטיקט דאָס אַלטע פּראָבלעם פון אונדזער פאָלקס־עקזיסטענץ, וואָס זיַין נאָמען איז „ישראל בין־העמים", די טעריטאָריעלע פעלקער דאַרפן נישט טראַכטן ווי אַזוי וויַיטער צו עקזיסטירן, פאַרן יידישן שריַיבער און לייענער איז דאָס פּראָבלעם נאָך אַלץ גילטיק, כאָטש מיר האָבן שוין אַן אייגענע מדינה".

שלום אַש האָט בײַ אַ געלעגנהייט געזאָגט: — אַנדערע זוכן חסרונות אין מענטשן, איך זוך מעלות אין אים... דער אמת איז, אַז ער האָט געזוכט צו וויַיזן דער וועלט די מעלות פון יידן. י. ל. פּרץ האָט אונדז אין „חסידיש", אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", און אין די אַלע אַנדערע זיַינע ווערק, געגעבן דעם מאָראַלישן יחוס פון דער יידישער פּערזענלעכקייט, די „דרײַ מתנות". שלום־עליכם האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט דעם געטלעכן מקור פון יידישן הומאָר, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט פרייד פון לעבן און ליבשאַפט צו מענטשן.

די קינסטלערישע אינספּיראַציע פון יאַנאַסאָוויטשן, אַזוי אין דער פּאָעזיע ווי אין דער פּראָזע, איז ממשיך די עטיש־ראָמאַנטישע טראַדיציע פון די קלאַסיקערס, וואָס וואַרפט אויך אַ שטראַל פון אַפּאָלאָגעטיש ליכט אויף אַלע מאַניפעסטאַציעס פון דער יידישער

קונסט, וועלכע ווערט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן באַוווירקט דורך דעם פּראָבלעם פון „ישראל בין העמים". די פּעלקער האָבן דעגראַדירט די חשיבות פון יידן, האָט דער ייִד רעאַגירט מיט ווײַזן פאַר זיך און פאַר דער וועלט דעם צויבער פון זײַנע גײַסטיקע ווערטן.

„אין טאַלגאַרער בערג" דערציילט דער מחבר וועגן אַ יידן, וואָס איז בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווײַטן קאַזאַכסטאַן, און דאָרט באַשטימט געוואָרן פאַר אַ בריווטרעגער. שטעלט אײַן דער ייִד דאָס לעבן און לאָזט זיך אין אַ קאַלטער און שטורמישער נאַכט טראָגן אַ בריוו אויף צו דערפרייען דאָס האַרץ פון אַ פאַרצווייפלטער פרוי, וואָס איר מאַן געפינט זיך אויף פאַרשיקונג און זי האָט שוין פון אים לאַנג קיין בריוו נישט געהאַט. „ער הייבט זיך מיטן שמאָלן שטעגל באַרג אַרויף און עס דוכט זיך אים, אַז דער ווינט שרײַט צו אים: — אַלי-מאַטיע, עס שמעקט מיט סכּנות, ענטפערט עפּעס אינעווייניק אין אים: — שלוחי-מצווה אֵינם ניזוקין"... און ער גייט, „ער שטײַגט, אין געווירבל פון שניי און שטורעם, אַלץ העכער און העכער אויף דעם משופּעדיקן באַרג-אַרויף. ער גייט איינער אַליין אין די בערג, דער ייִד פון פאָליעסיער שטעטל, דער מלחמה-פּליט אין דעם ווײַטן קאַזאַכסטאַנער דאָרף".

„אין דער פרעמד" דערציילט ער וועגן אַ פאַרוואונדעטן יידישן זעלנער אַן אינוואַליד, וואָס איז אויסגעשריבן געוואָרן פון שפּיטאָל אין אַ ווײַטער קאַזאַכישער שטאָט. ער האָט זיך דערפילט זייער עלנט, דער דאָזיקער כּײַקין, אין יענעם רעגנדיקן קאַלטן טאָג, ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל... אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואַרטן אויפן טויט אין די פינצטערע אָקאָפּעס, איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך געווען; אַז ערגער, פיל ערגער, איז דאָס בלײַבן אַ קאַליקע איינער אַליין אין אַ ווילד-פרעמדער שטאָט. מענטשן זענען פאַרבײַגעגאַנגען הין און צוריק און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. צופעליק קומט אָן אַ בוכאַרער ייִד וואָס דערקענט אין דעם פאַרוואונדעטן זעלנער אַ יידן, נעמט אים אַרײַן צו זיך אין שטוב, און באַהאַנדלט אים ווי אַן אייגענעם זון.

אין „מצות" שטעלן אײַן צוויי יידן דאָס לעבן אין געטאָ און באַקן מצות אויף פּסח פון עטלעכע הויפן מעל, אַ זאַך וואָס איז

שטרענג פאַרבאָטן. אַ הונגעריקער בחור וויל זיך נישט מאַכן אַ פּלעצל פון אַ ביסל מעל — עס דאַרף זײַן צום סדר, האָט ער געזאָגט, און פאַלט אַ פּאַרחלשטער פון הונגער. יאַנאַסאָוויטש איז אַ רעאַליסט, אָבער זײַן רעאַליזם איז באַהויכט מיט אַ ראָמאַנטישן חן, וואָס געפינט אויס הערויִזם אין דער טראַגיק. „אויף יענער זײַט ווונדער — איז גאָט“, זאָגט יאַנאַסאָוויטש אין זײַן מאָטאָ צום בוך לידער מיטן זעלבן נאָמען. אויף יענער זײַט ווונדער — זענען הערויִשע מעשים, וואָס דערהייבן דעם מענטשן צו גאָט, איז דער תּמצית פון זײַן בוך דערציילונגען מיטן נאָמען „דאָס בשמים ביקסל“.

דער כוח פון מיטאָס

די אינטויִציע פון אַ פּאָעט האָט טרײַ באַגלייט יאַנאַסאָוויטשן אויף זײַנע עקסקורסיעס אין דער וועלט פון פּראָזע. די דערציילונג וואָס טראָגט דעם נאָמען פון בוך „דאָס בשמים ביקסל“, האָט אַ טיפע סימבאָלישע באַטײַטונג, וואָס אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע קוואַלן וועלכע נערן דעם יידישן געפיל און האַלטן אויף די נאַציאָנאַלע אידענטיטעט פון דער יידישער פּערזענלעכקייט.

„ס'איז געווען אַ בשמים ביקסל מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, מיט אַ לעגענדע, און לעגענדעס האָט מײַן שטעטל ליב געהאַט ווי דאָס לעבן“. אַזוי זאָגט דער מחבר, און טרײַ דער טראַדיציע פון זײַן שטעטל, דערציילט ער מיט אַ מין לײַדנשאַפטלעכן געניוס און קינסט־לערישן חן לעגענדעס און חסידישע מעשהס, און מיט אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן חוש באַשיידט ער די רעטענישן, וועלכע זענען אין זיי פאַרבאָרגן, און געפינט אין די דערשײַנונגען פון הײַנט די מיס־טעריעזע צייכנס פון נעכטן, וואָס באַווירקן דעם גורל פון מענטשן.

מעשה שהיה כּך היה: דער פרומער ייד פון שטעטל האָט געירשנט אַ בשמים ביקסל פון זײַן טאַטן. און דער טאַטע פון זײַן טאַטן, און אַזוי איז דער חפץ איבערגעגאַנגען דורך לאַנגע דורות פון איין דור צום אַנדערן. אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט, דער־

ציילט די לעגענדע, מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק, האָט דאָס בשמים ביקסל געראַטעוועט אַ יידישע טאָכטער פון שמד און פון זינד. אַ ייִדיש מיידל האָט זיך פאַרליבט אין אַ יונגן פריץ, און ער האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ קלויסטער ווו מען האָט זי געגרייט צום שמד. די משפּחה האָט איינגעלייגט וועלטן, אָבער מען האָט טאַטע־מאַמע צו איר נישט צוגעלאָזן, און אויך זי האָט זיי נישט געוואָלט זען. אין דער נאַכט פאַר דער שמד־צערעמאָניע האָט זי אויפגעוויקלט דאָס פּעקל קליידער וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון שטוב, און געפונען דאָרט דאָס בשמים ביקסל... ווי איז עס געקומען אַהין האָט זי זיך נישט געקאָנט דערקלערן. האָט זי עס אין איילעניש פאַרשלעפּט? איז עס געווען איינגעוויקלט אין אירן אַ בגד? אָדער ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל?...

אַ שטורעם פון געפילן האָט זי באַהערשט. זי האָט זיך דער־מאָנט ווי יעדן שבת פלעגט זי מיט אַ נשמה־ציטער דערלאַנגען דעם טאַטן דאָס בשמים ביקסל צו הבדלה. און דער סימבאָל, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַ הייליקע יידישע טראַדיציע פון דורות — אַן אַרכעטיפּ פון ייִדישן לעבנס־שטייגער — האָט דערוועקט די פאַרבאָרגנסטע יידישע סענטימענטן אין האַרצן. דורות האָבן אַרויס־געקוקט מיט בעטנדיקע און וואָרענענדיקע אויגן אויפן מיידל און דערוועקט די פאַרשלאָפענע אַרכאַישע געפילן, וואָס האָבן גובר געווען דעם אויפבליץ פון דער תאווה אין דער ייִדישער טאָכטער... אין מיטאָס איז פאַרקערפּערט דער קאָלעקטיווער טרוים פון אַ פאָלק, זאָגט פרויד.

מיטן בשמים ביקסל אין האַנט האָט זי יענע נאַכט זיך אַרויס־געגנבעט פון קלויסטער, און זיך צוריקגעקערט אין טאַטנס שטוב. מען האָט זי די זעלבע נאַכט אין אַ פּאַס אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער שטאָט. דעם פאָטער האָט מען געפּייניקט, אָבער ער האָט אויסגעהאַלטן.

נישט אומזיסט טראָגט דאָס בוך דעם נאָמען פון דער לעגענדע. עס הערשט אין אַלע דערציילונגען דער גייסט פון דעם בשמים ביקסל, פון די מיטאָסן וואָס שאַפן רעליגיעס, פילאָסאָפיעס, וואָס כאַראַקטעריזירן פעלקער און היסטאָרישע געשעענישן. אין זייער זכות געדייעט דער ייִדישער המשך, וואָס ווערט אָבער וואָס ווייטער

אַלץ שוואַכער און בלאַסער, און דער הײַנטיקער באַלעבאָס פון בשמים ביקסל, וואָס זײַן טאָכטער איז פאַרליבט אין אַ גויִשן באָקס־קעמפּער און גייט מיט אים חתונה האָבן, זאָגט: — אין מײַן שטוב וועלן שוין קיין ניסים נישט טרעפן, לאָמיר אַוועקשיקן דאָס בשמים ביקסל אין אַ מוזיי קיין ישראל...

דאָס פּינטעלע ייִד

דער מחבר באַטראַכט די רעאַליטעט מיט אַ ניכטערן בליק, ער זעט און שילדערט ווי די אַסימילאַציע רײַסט לעבעדיקע שטיקער פון ייִדישן גוף אין די תפוצות; אָבער ער זעט אויך די באַהאַלטענע פונקען פון דער ווײַטער ייִדישער ירושה — דעם שורש, „דאָס פּינטעלע ייִד" — וואָס טליִעט אין דער נשמה פון ייִדישן מענטשן. אין „אַ מאָנאָלאָג נאָך האַלבער נאַכט" — בײַ יאַנאַסאָוויטשן איז מאָנאָלאָג אַ באַליבטער זשאַנער, השתפכות הלב, וואָס לאָזט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן — דערציילט אַ געוועזענער ייִדישער אַקטיאָר, וואָס איז אַוועק צו דער שפּאַנישער בינע — ווײַל דאָס ייִדישע טעאַטער איז אַוועק פון ייִדישן לעבן — אַז אין אַ ווײַטער פּראָווינץ־שטאָט בײַם ים, האָט ער געטראָפן אויפן טויטן בעט זײַנעם אַ יוגנט־חבר, אַ געוועזענעם אַנאַרכיסט, וואָס האָט דאָרט יאָרן לאַנג געלעבט מיט אַן אַרגענטינער פרוי. אַ מינוט פאַרן טויט האָט ער מיט זײַנע בלויע ליפּן אַרויסגעפּליסטערט: — נעם מיך קיין בוענאָס אײַרעס... צו קבר־ישראל... אין אַ פילם „דאָס פאָטער־לאַנד אין האַרצן" האָט דער אַקטיאָר געשפּילט די ראָלע פון אַ פּראָנצוויזישן אַרכעאָלאָג וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער ווײַטער אַרגענטינער טשאַקאָ. פאַרן טויט האָט ער געפאָדערט בײַ זײַן טאָכטער זי זאָל צוריקפאָרן קיין פראַנקרײַך, און אין דער צוואה האָט ער אַרײַנגעשריבן מען זאָל זײַן קערפּער פאַרברענען... ער האָט, זעט אויס, נישט געוואָלט זײַנע ביינער זאָלן פוילן אין פרעמדער ערד...

יאַנאַסאָוויטש לאָזט אונדז הערן, אַז דאָס „פּינטעלע פאָטער־

לאַנד״ איז נישט קיין אויסשליסלעכע יידישע דערשיינונג, נאָר אַן אוניווערסאַלער געזעץ. יעדער יחיד טראָגט אין די פאַרבאָרגנסטע טיפענישן פון זיין האַרצן די נאַציאָנאַלע אידענטיטעט פון זיין פאָלק, די כאַראַקטעריסטישן שטריכן, וואָס ער האָט געירשנט פון דורות עלטערן. אָדער מיט אַנדערע ווערטער: די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון פאָלק. די איבערלעבונגען פון דורות, לאָזן איבער אַ חותם אויפן לעבנסשטייגער און כאַראַקטער פון די מענטשן וואָס שטעלן צוזאַמען דאָס פאָלק. זיגמונד פרויד האָט עס אָנגערופן „אַרכאַישע רעמיניסצענצן״ און ק. ג. יונג „קאָלעקטיווער אומבאַוווסטזיין״ אין קעגנזאַץ צום פּערזענלעכן אומבאַוווסטזיין, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די אייגענע טראַומאַטישע איבערלעבונגען.

„קאָלעקטיווער אומבאַוווסטזיין״

מען דאַרף פאַרמאָגן אַ סך שאַרפזין און טאַלאַנט אויף צו קאָנען אָפּעריִרן מיט די טיף פאַרבאָרגענע אַרכאַישע עלעמענטן, און זיי פאַרשטעלן ווי לעבעדיק אין קינסטלערישע געשטאַלטן. יצחק יאַנאַסאָוויטש איז אַ מייסטער אויף דעם געביט. אין אַ דערציילונג „צוויי מעשיות וועגן יורשים״ — און זיינע דערציילונגען לייענען זיך ווי מעשיות, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט אַ קלוגן יידישן מוסר־השכל, מיט אַ פילאָסאָפישער טענדענץ — דערציילט ער ווי צוויי ברידער, יורשים פון אַן אָרעמען פוילישן פויער, האָבן זיך געטיילט מיטן טאַטנס ירושה, אַ קליין שטיקל פעלד, וואָס האָט פאַרביידן נישט געקלעקט, און איינער האָט דעם אַנדערן נישט געוואָלט אָפּטרעטן, און אויך נישט זיין העלפט פאַרקויפן. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער אויסצאָלער. האָט מען יעדן זונטיק זיך געשלאָגן ביז בלוט, ביז די שכנים פלעגן זיך אַריינמישן און זיי צעשיידן.

און דער מחבר באַמערקט דערביי: — „אונדז, די יידישע שכנים פון שטעטל, איז די זאַך געווען נישט ניחה... ביי גוייִשע געשלעגן

ווייס מען ווו זיי הייבן זיך אָן, אָבער מען ווייסט נישט ווו זיי וועלן זיך ענדיקן״...

נאָך אַ פּאָר יאָר זונטיקדיקע געשלעגן איז די צוויי ברידער נימאס געוואָרן דאָס שפּיל, און זיי האָבן באַשלאָסן „עס זאָל זײַן — נישט מיר און — נישט דיר״, מען זאָל דאָס שטיקל ערד פאַר־קויפן אַ פרעמדן און מיט דעם געלט זיך צעטיילן. אַזוי האָט מען געטאָן. האָבן זיי זיך געמאַכט אַן אַנדער מאָדע: אין די זומערדיקע זונטיקס פלעגן זיי אַרויסגיין אויפן פעלד זען וואָס דער קויפער האָט פאַרזייט און ווי עס וואַקסט. אויף אַזאַ באַגעגעניש האָט איינער פאַרגעוואָרפן דעם אַנדערן: — דו ביסט שולדיק וואָס דעם טאַטנס פראַצע איז אַרײַנגעפאַלן אין פרעמדע הענט. יענער איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, און אַזוי אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט האָט מען זיך ווידער גענומען שלאָגן. אין די שפּעטערדיקע געשלעגן האָבן שוין אויך אָנטייל גענומען די משפּחות פון ביידן.

דאָס איז איין שטעטלדיקע מעשה וועגן אַ ירושה, און אָט איז בקיצור אַ צווייטע: געשטאָרבן אין שטעטל אַ ייד, אַ שטיקל יודע־ספר אָבער אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס האָט זײַנע צוויי זין געמאַכט פאַר באַלמעלאָכעס און זיי איבערגעלאָזן בירושה אַ גאַנג אַלטע משניות איבערגעבונדן אין דרײַ ספרים. דאָס איז געווען זײַן גאַנצער פאַרמעגן. האָט זיך צווישן די ברידער אָנגעהויבן אַ מחלוקה: איינער וויל דעם טאַטנס ירושה, און אויך דער צווייטער וויל נישט אָפּטרעטן — ער איז אויך דעם טאַטנס אַ קינד און וויל פון אים האָבן אַ זכר. „בײַ יידן שלאָגט מען זיך נישט, זאָגט דער מחבר, אָבער קריגן קריגט מען זיך אויך בײַ יידן. און אַז מען קריגט זיך, קושט מען זיך נישט. איז טאַקע געווען אַ בזיון פאַר לײַטן. צוויי לײַבלעכע ברידער זאָלן זיך אויסשטעלן אויף שאַנד און שפּאָט״.

איז בײַ יידן פאַראַן אַ רב. האָט דער רב געזוכט אַ פשרה מען זאָל אָפּשאַצן די ספרים און איינער זאָל דעם אַנדערן אַרויס־צאָלן. זענען זיי אָבער ביידע אָרעמעלײַט און האָבן קוים אַ טאָג איבערצוקומען. שלאָגט ווער פאָר מען זאָל די משניותן פאַרקויפן און דאָס געלט צעטיילן. ווילן זיי נישט. פאַרקויפן דעם טאַטנס ירושה, און צו דעם נאָך משניותן? האָט דער רב געפּסקנט מען זאָל די ספרים אָוועקגעבן אין בית־מדרש, יידן זאָלן פון זיי לערנען.

— „איר וועט האָבן אַ מצווה, האָט דער רב געזאָגט, און אויך אײַער פֿאָטער אויף דער אמתער וועלט וועט דערפֿון הנאה האָבן״.

דעם פסק האָבן די ברידער אויפגענומען מיט פֿאַרגעניגן, און זיך אויפגעהערט צו קריגן. און ווען זיי פֿלעגן זיך באַגעגענען פֿלעגט איינער אָנזאָגן דעם צווייטן די גוטע בשורה: — ווייסט, דעם רבס איידעם האָט הײַנט געלערנט פֿון טאַטנס משניות, און דער צווייטער האָט אים געענטפֿערט מיט אַ נחתדיק־ייִדישלעכן זיפֿץ: — וואָדען? אין טאַטנס משניותן לערנען, ברוך־השם, די גרעסטע לומדים פֿון שטאָט״.

אַנאַליטישע קריטיק

צוויי ירושות — צוויי וועלטן, צוויי מעשהס — צוויי נשמה־ראַדיאָגראַפֿיעס, צוויי ברידער־פֿאַרלעך — צוויי ציוויליזאַציעס. אמת, וואָס קאָן מען פֿאַרלאַנגען פֿון אַ פּרימיטיוון פֿויער אין דאָרף? אָבער אויך דער ייִדישער צד שכנגד שטייט נישט אויף קיין העכערן סאָציאַלן שטאַפּל אין ייִדישן פֿאָלק. באַלמעלאָכעס אין שטעטל, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט צום טאַטנס משניותן, אויף וועלכע עס האָט אָבער גערוט די שכינה פֿון דעם טאַטנס גײַסטיקער ירושה, וועלכע ער האָט געירשנט פֿון אומצאָליקע דורות עלטערן, פֿון קאָלעקטיוון אומבאַוווסטזײַן, וואָס האָט געשטאַלטיקט דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבנסשטייגער, וועלכער האָט געלייגט זײַן ספּעציפֿישן חותם אויף דער נשמה פֿון יעדער ייִדישער פּער־זענלעכקייט, אויפֿן עם־האָרץ צוגלײַך ווי אויפֿן תּלמיד־חכם.

יאַנאַסאָוויטשעס דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט אַ רײַכער פֿאָלקסטימלעכער־לומדישער רעטאָריק, מיט אַ קינסטלעריש ראַפֿי־נירטער פּשטות און געצוימטן חסידישן פּאַטאָס. אין זײַן פּאָעזיע איז פֿאַראַן טיפֿער עפּישער אָטעם און אין זײַן פּראָזע — פּאָעטישער פֿלי, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן ליטעראַרישן סטיל אין אַלע זײַנע זשאַנערן. אָבער איבער אַלץ הערשט אַ ראַציאָנעל־פֿירנדיקע אידעע, אַ שאַרפֿזיניקער אַרײַנבליק אין דער ווירקלעכ־

קייט, וואָס פאַרוואַנדלט יעדן ליטעראַרישן עפּיזאָד אין אַ פילאָסאָ־פיש־יידישער סטרוקטור, וואָס וואָרצלט אין באָדן פון די „אַרכאַישע רעמיניסצענצן".

יעדע דערציילונג עפנט אַ נייַע פּערספּעקטיוו אין אוניווערס פון דער יידישער פּסיכיק, וואַרפט אַ נייַ ליכט אויפן גורל פון ייִדישן מענטשן, און באַרעכטיקט אַ פּירוש וואָס זאָל העלפן דעם לייענער קומען צום ריכטיקן אויספיר. דאָס איז די אויפגאַבע פון דער אַנאַליטישער קריטיק: **אינטערפּרעטירן די קינסטלערישע אימאַזשן אין וועלכע ס'איז פאַרקערפּערט דער אמת פון לעבן.**

„זאָלסט נישט מיינען ביי זיך אַז דו וועסט אויסמיידן דעם ייִדישן גורל"...

די פּראָבלעם פון „ישראל בין העמים" קומט אויך צום אויס־דרוק אין דער דערציילונג „דער צוריקגעקומענער", וואָס קומט צוריק צום ייִדישן פאָלק אונטער דער ווירקונג פון די „אַרכאַישע רעמיניסצענצן", וואָס דערוועקן ביי אַן אייניקל פון די נביאים זיינע פאַרשלאָפענע ייִדישע סענטימענטן. ס'איז אַ בילד פון ייִדישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד, וואָס סימבאָליזירט אונדזער עפּאָכע. יונהלע שוואַרצפעלד האָט זיך דערצויגן אין אַ טראַדיציאָנעלער אָבער אָרעמער ייִדישער היים, און דער גוטער טאַטעשי האָט זיין גערעטעטענעם זון געוואָלט מאַכן פאַר אַ דאָקטער. האָט ער אים צו די צוועלף יאָר אַריינגעגעבן אין אַ גימנאַזיע. אָבער פון לעצטן קלאַס האָט מען אים געגעבן דעם וועג מיט אַ וואָלפישן בילעט, ווייל מען האָט אים געכאַפּט ביים טיילן אומלעגאַלע בלעטלער צווישן סאָל־דאַטן. פון תּפיסה איז ער שוין אַרויס אַ „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָ־לוציאָנער", מיטן נאָמען יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן צווישן די פּוילישע אַרבעטער. צוליב זיין „אַרישן" אויסזען און זיין גוטן פּוילישן אַקצענט, ווערט ער געשיקט אויף אַרבעט אויף דער „פּוילישער גאַס" דעמאָלט ווען אַ ייִד האָט

אין פוילן נאָך נישט גערדאַרפט באַהאַלטן זײַן ייִדישקייט... דאָס איז דערפאַר ווײַל צו זשידאָווסקע קאָמוניסטן האָבן די פּאָליאַקן נישט קיין סימפּאַטיע און נישט קיין צוטרוי.

און דער חבר יאַנעק האָט געמוזט אויסהערן אַנטיסעמיטישע רייד פון זײַנע פּאַרטיי־חברים, צוזען אַנטיסעמיטישע מעשים און שווײַגן, כּדי זיך נישט צו פאַרראַטן. „זיי דינען ווי מאַטעריאַל צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן אידעאַל, האָט ער געטראַכט; אַז מען וויל אויפבויען אַ שיינע געבײַדע — מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע — קוקט מען נישט דערויף וואָס דער מײַסטער שלאָגט זײַן ווײַב. אַז די געבײַדע וועט זײַן פאַרטיק, וועט מען אַזאַ מײַסטער געבן דעם וועג".

צוליב זײַן אַרבעט צווישן פּאָליאַקן, דערצו צווישן פּראָסטע אַרבעטער און פּויערים, איז ער אין גאַנצן פּאַרגוייִשט געוואָרן. מיט ייִדן האָט ער געהאַט ווייניק קאָנטאַקט, אַפילו נישט מיט זײַנע ייִדישע פּאַרטיי־חברים. ער פּלעגט זיך טרעפן מיט זיי אין תּפיסה, אָבער דאָרט האָט מען נישט גערעדט וועגן ייִדישע ענינים „ווי עס פּאַסט פאַר ,אינטערנאַציאָנאַליסטן' ". יאַנאָסאָוויטש פאַרוואַנדלט זײַנע העלדן אין פּראָטאָטיפּן, וואָס כאַראַקטעריזירן נישט נאָר די טויזנטער יונהלער־יאַנעקס, וואָס האָבן איבערגעפּולט די רייען פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר ער לאָזט אונדז אויך פילן דעם גײַסט פון דער עפּאָכע, דעם געמיט־צושטאַנד פון די מענטשן, וואָס האָבן אין יענער צײַט געהערשט אין רוסלאַנד און פּוילן.

די פּוילישע פּאַרטיי איז אויפגעלייזט געוואָרן קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און יאַנעק האָט ווי אַ פּשוטער פּליט דורכגעמאַכט די שיבעה מדורי גיהנום אין סאָוועטישן גן־עדן אויף סיביר, און ער קומט צום אַלטן באַנאַלן אמת, אַז „האָמאָ האָמיני לופּוס", אַ מענטש איז אַ וואָלף צו מענטשן, גרייט איינער דעם צווייטן צו פאַרצוקן, און וועלכע גייען אין סטאַדעס אויף לאָקערונג. „איך ווייס, זאָגט ער, אַז אין דער קאָמוניסטישער סיסטעם האָט דער יחיד נישט קיין פרײַהייט, אָבער פּרוּוו אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט זיך קעגנשטעלן די סטאַדע־אָנפירערשאַפט, וועט מען דיך דערשטיקן"... ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון זײַן אויסגע־

חלומטן סאָציאַליסטישן פֿאָטערלאַנד און איז געוואָרן אַ ציניקער, וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין מענטשן.

יאַנאַסאָוויטשעס העלדן רעזאָנירן. ס'איז אַ דיאַלעקטיק פֿון לעבנס־דערפֿאַרונג, אַ לאָגישע רעאַקציע אויף די קלעפּ פֿון דער ווירקלעכקייט. און אָט די לאָגיק דערוווײַזט דער מחבר מיט איבער־צײַגנדיקע אַרגומענטן, וואָס אַנטפּלעקן די אינערלעכע וועלט פֿון מענטשן.

צוריקגעקומען קיין פּוילן האָט יאַנעק אויפֿגעלעבט זײַן פֿאַר־טייטשן יחוס, און איז געוואָרן אַן אָפֿיציר אין דער געהיים־פּאָליציי, און נאָך דעם אַ דירעקטאָר פֿון אַ פֿאַבריק. בײַם בויען אַ מלוכהשע געבײַדע האָט ער דערזען אין אַ באַרג שטיינער און ציגל אַ מצבה פֿון זײַן טאַטן „צבי הערש בן מעניע"... מען האָט בײַם קאָמוניסטישן רעזשים אין פּוילן געברוקירט די גאַסן און אײַנגעבויערט אין ווענט מצבֿות פֿון ייִדישע בית־עולמס. דער זכר פֿון פֿאָטער און דער גורל פֿון ייִדן, האָבן דערוועקט דאָס פֿאַרשלאָפֿענע „פּינטעלע ייִד" אין דעם פֿאַרגוייִשטן יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי. „זאָלסט נישט מיינען אַז דו וועסט אויסמײַדן דעם ייִדישן גורל" האָט מרדכי געזאָגט צו אסתּרן („אסתּר", ד', י"ג), און יונהלע־יאַנעק איז עולה געווען קיין ישׂראל. „דעם טאַטנס מצבה איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט מיט־גענומען מיט זיך, ווען ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּוילן.

„מיר זענען קינדער פֿון סוחרים און אייניקלעך פֿון נביאים" — ד"ר חיים ווייצמאַן

יעדע דערציילונג פֿון „בשמים ביקסל" פֿון יצחק יאַנאַסאָוויטש איז אַן אַנטפּלעקונג פֿון די פֿאַרבאָרגענע סענטימענטן אין דער נשמה פֿון ייִדישן מענטשן, און ס'איז אַ פֿאַרגעניגן זי מפֿרש צו זײַן, כּדי צו אַנטדעקן אין איר די טיף־מענטשלעכע עטישע עלעמענטן. דאָס אויג פֿון קינסטלער האָט אויפֿגעכאַפּט אין דער גרויער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט „אַ טראָפּן שיינקייט", האָט עס אַרויסגערופֿן

אַ געפיל פון ליַיטזעליקייט, אַ גלויבן אין מין מענטש, און ס׳איז געוואָרן ליַיכטער אויפן האַרצן. אַ מתּנה פאַר גאָט און פאַר מענטשן. „אַ טראָפּן שיינקייט ווערט קיין מאָל נישט פאַרלוירן", האָט געזאָגט איציק מאַנגער.

דערציילט יאַנאַסאָוויטש „אַ מעשה פון בוענאָס איַירעס", וואָס פאַרקערפּערט אַ שטיק ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן, און וואָס לייענט זיך ווי אַ „מעשהלע" שפּילעוודיק און ליַיכט, מען פאָלגט נאָך מיט שפּאַנונג דעם קלוגן דיאַלאָג, וואָס מאַכט וויברירן די רעיונות און געפילן אין האַרצן.

איסר שיינמאַן, אַ ייד אַ למדן, אַ באַלעבאָס פון אַ גרויסער פאַבריק, האָט אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט פון זיַין קאַבינעט אַ פּאָרטרעט פון זיַין פאָטער, אַ ייד מיט אַ יאַרמלקע, באָרד און פאות, אַ הדרת־פּנים מיט אַ הויכן שטערן... „קריסטן, סוחרים, מיניסטאָרן, וואָס פלעגן קומען צו אים פלעגן שטיין און באַטראַכטן מיטן גרעסטן דרך־ארץ דעם הייליק מאַן, ווי זיי האָבן אים גערופן". אמת, איסר האָט געהאַט „אַ פאַרמאָכטע האַנט, אַרויסקריגן ביַי אים אַ סענט אויף צרכי־ציבור איז געווען כּקריעת ים־סוף, און כּבוד... כּבוד... וויפל מען האָט אים געגעבן איז געווען ווייניק. אָבער פאַר אָט דעם כּיבוד אָב אַליין קומט דאָך איסרן אַ שטול אין גן־עדן", אַזוי פלעגן יידן זאָגן.

אָבער ווי נאָר איסר איז אַוועק צו פאַרנעמען זיַין שטול אין גן־עדן, האָט זיַין איינציקער זון, ראָבערטאָ, דער יורש, דאָס בילד פון זיַין זיידן אַראָפּגענומען פון דער וואַנט. — ס׳איז אים אַוודאי נישט אָנגעשטאַנען דער ייד מיט דער באָרד און פאות — האָבן יידן מיט פאַרדראָס געטראַכט.

אַ כּלל־טוער, וואָס איז געקומען מאָנען אַ געוויסע סומע, וועלכע איסר האָט ביַים לעבן צוגעזאָגט צו געבן אויף אַ יידישן צוועק, און וואָס האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן אויף דער פּוסטער וואַנט, האָט ראָבערטאָ שיינמאַן געזאָגט: „דער שיינער ייד, וואָס זיַין בילד איז דאָ געהאָנגען, איז נישט געווען מיַין זיידע". און ער בעט אים, ער זאָל עס קיינעם נישט דערציילן, כּדי נישט צו פאַרשעמען דעם גוטן נאָמען פון זיַין טאַטן. „מיַין אמתער זיידע איז דער", און ער וויַיזט אים אָן אויף אַ קליין בילד וואָס איז געהאָנגען

אויף דעם אָרט פון יענעם פּאָרטרעט. ס׳איז געווען אַ בילד פון אַ ייִדן „מיט אַ קליין שוסטער־בערדל, און מיט אַ שמאָלן טעמפּן שטערן, מיט אַ פּאָר לעבעדיקע אייגעלער פון אַ פריילעכן פּאַליש־זיצער, וואָס האָט ליב אַ טרונק בראַנפן״...

✶

און ער דערציילט אים, אַז איידער זיי זענען געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון אַ פּראָווינץ־שטעטל, ווו זיי האָבן די ערשטע יאָרן געוווינט, איז דאָס בילד געהאָנגען בײַ זיי אין שטוב. ער האָט גע־ווּסט אַז ס׳איז דעם טאַטנס טאַטע, און געזען אין זיי אַ סך ענלעכ־קייט. דאָ איז דאָס בילד פון זיידן פאַרשוווּנדן, און ווען ס׳איז אויפ־געקומען די פאַבריק, און דער טאַטע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַ קאַבינעט, ווו ער פלעגט אויפנעמען זײַנע קליענטן און באַזוכערס, איז פּלוצים דערשינען אויף דער וואַנט דער פּאָרטרעט פון דעם הדרת־פּנימדיקן ייִדן מיט דער ווײַסער באָרד און הויכן שטערן. ער האָט צופעליק געפונען דאָס בילד פון זיידן הינטער אַ שאַפע, און האָט אים אויפגעהאָנגען דאָרט ווו ער דאַרף זײַן — אין קאַבינעט פון זײַן אייניקל...

— אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך אײַך צושיקן אַ טשעק אויף דער סומע, וואָס דער טאַטע האָט אײַך צוגעזאָגט, האָט ער צוגעגעבן. און וויפל פאַרלאַנגט איר פון זון? האָט ער געפרעגט. דער כּלל־טוער האָט אָנגערופן אַ סומע, — ניין, האָט דער יונגער־מאַן קאַטעגאָריש געענטפערט, דאָס גייט נישט! ווייניקער פון טאַטן וויל איך נישט געבן...

צוויי דורות — צוויי וועלטן. איסר שיינמאַן, אַ ייִד פון פּיאָנערן־דור אויף דער אַמעריקאַנער ערד. אַ בן־השוסטער, וואָס האָט פאַר־זוכט דעם טעם פון נויט אין דער אַלטער היים, האָט נאָך דעם געלערנט אין ישיבות און געגעסן „טעג״ בײַ פרעמדע טישן. האָט ער אין דער נײַער היים מיט שטורמישן אימפּעט זיך צוגעכאַפּט צו „מאַכן אַמעריקע״, האָט מיטן גאַנצן האַרצן געדינט דעם עגל־הזהב, און האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף זײַן אייגענעם פאַר־מעגן. דאָרט האָט ער זיך געפילט מינדערשעצט, האָט ער דאָ

געוואָלט זיך איינקויפן אין יחוס, נישט מיט זײַן געלט — אויף דעם איז ער נישט קיין באַלעבאָס — נאָר מיט זכות־אָבות פון אַ פרעמדן ייִדן מיט אַ שיינער ייִדישער באָרד...

דער זון האָט שוין פון קיין נויט נישט געוווּסט. האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ געפיל פון זכות־עצמו און ער האַלט, אַז ער „טאָר נישט געבן ווייניקער פון טאָטן" אויף צרכי־ציבור פון ייִדישן ישוב. האָט געזאָגט דער ד"ר חיים ווייצמאַן: „מיר זענען קינדער פון סוחרים און אייניקלעך פון נביאים". די אַרומיקע באַדינגונגען פון לעבן דערשטיקן צו מאָל דאָס געפיל פון ווערדע אין מענטשן, פאַר־שטיינערן זײַן האַרץ, און ער קאָן נאָר אַקומולירן, אַרײַנקנעטן אין גאָלדענעם קאַלב, אָבער נישט אויף צו טיילן מיט זײַנע מיטמענטשן. אין דער גלות־אַטמאָספער האָט דאָס גאָלדן רענדל נישט איין מאָל געראַטעוועט דאָס לעבן, און איז געווען דער אייניציקער באַשיצער פון שוצלאָזן ייִדן.

*

בײַ מער גינציקע באַדינגונגען פון לעבן קומען צום פולן אויס־דרוק די הומאַניטאַרע געפילן, וועלכע דאָס פאָלק האָט געירשנט פון זײַנע ווײַטע אורעלטערן, וועלכע האָבן געגעבן דער וועלט אַ וויזיע פון אַ מלכות שדי פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, און עס עפענען זיך די הערצער מיט ליבשאַפט און צוטרוי צו מענטשן.

דער פּיאָנערן־דור האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פון אַ ייִדיש לעבן אין די אַמעריקאַנער לענדער, און כאָטש ס'איז גרויס די אַסימילאַציע, זענען דאָך פאַראַן יורשים פון דעם גײַסטיקן ייִדישן פאַרמעגן, וועלכע זענען ממשיך די טראַדיציע פון דורות. די ראַבער־טאָס זענען הײַנט צו טאָג די אויסשליסלעכע אָנפירערס פון צענד־ליקער ייִדישע אינסטיטוציעס אין בוענאָס אײַרעס, און כאָטש אַ גרויסער טייל פון זיי קאָן נישט קיין ייִדישן אות, שיקן זיי דאָך זייערע קינדער אין ייִדישע שולן.

יאַנאַסאָוויטש גיט אין זײַנע „מעשות" אַ קינסטלערישן אויס־דרוק די פּראָבלעמען וואָס שטייען ברומו של עולם, ער ווײַזט אין קינסטלערישע אימאַזשן דעם אמתן פּנים פון לעבן, און פאַרענדיקט

די „מעשה פון בוענאָס אײַרעס" מיט אַ פּילזאָגנדיקער סענטענץ: „נישט יעדער איינער האָט אַזאַ זכיה ווי איסר שיינמאַן, נישט אַלע קינדער קערן זיך אום צו די זיידעס, נאָך דעם ווי די טאַטעס האָבן אין זיי געפּעלשט"...

אַלעגאָריע

אַ גרויסע קינסטלערישע מײַסטערשאַפט האָט יאַנאַסאָוויטש דערגרייכט אין דער אַלעגאָריע „טויבן און קראָען", וועלכע סימ־באַליזירן דעם סאָוועטישן גן־עדן, ווו עס ווערן אַן רחמנות פאַר־טיליקט די קראָען „כּדי עס זאָלן זיך מערן די שטילע טויבן". ער האָט אַן אידעע אָנגעקליידט אין אַ קינסטלערישן לבוש, און עס האָט פון איר אַרויסגעשײַנט דער אמת פון לעבן.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז באַרימט די אַלעגאָריע פון מענדעלע מוכר ספרים „די קליאַטשע", אין וועלכער דער זיידע, מענדעלע, שטעלט פאַר דאָס ייִדישע פאָלק ווי אַן אייביקע קליאַטשע, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער דער וועלט, ווער עס וויל זעצט זיך אַרויף אויף איר רײַטנדיק, איטלעכער לייגט אַרויף אויף איר זײַן פּעקל און לאָזט אויס צו איר זײַן ביטער האַרץ; אייביק גייט זי אין יאָך, שלעפּט ציגל און ליים, מיט וועלכע מען האָט שוין שטעט אויסגעבויט, און זי האָט נאָך אַלץ נישט קיין פרידן און רו.

מענטשן האָבן ליב טויבן און האָבן פײַנט קראָען, זאָגט אונדז יאַנאַסאָוויטש. די מענטשן פון איסטאַראָפּי האָבן אויך ליב געהאַט די וואָרקנדיקע טײַבעלער, און האָבן פײַנט געהאַט די קראַקענדיקע קראָען. אָבער אין לאַנד איסטאַראָפּי האָט מען געגלייבט, אַז מען טאָר קיין לעבעדיקע באַשעפענישן נישט טויטן, דער גאָט אַרטאַש־כאַד האָט אין זיי אַרײַנגעבלאָזן אַ רוח החיים, טאָר נישט דער מענטש דעם געטלעכן לעבנסגײַסט אויסלעשן.

די לײַט פון איסטאַראָפּי האָבן געהאָדעוועט טויבן, אָבער די קראָען האָבן זיך געפּלאָדיעט אָן אויפהער, און זיי פאַרביטערן דאָס

לעבן. זיי פלעגן באַזעצן די נעסטן פון די טויבן, אַרײַנפליִען אין די הײַזער און איבערלאָזן זייער אומריינקייט אויף די טישן, אויס־פּיקן די קערנער וואָס דער פויער האָט געזייט אויפן פעלד, פּראַוועון סעודות איבער פּגירות און דעם ריח פון דער פוילעניש צעטראָגן איבער די גאַסן.

איין טאָג האָט אין איסטאַראַפּי זיך באַוויזן אַ פרעמדער מאַן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש אין לעבן פון די מענטשן. ער האָט דערציילט אַז אויף יענער זײַט טײַך, הינטער די הויכע בערג, איז פאַראַן אַ לאַנד וואָס איז פרײַ פון קראָען, מען האָט זיי אויסגעראָטן, און די מענטשן האָדעווען נאָר טויבן. דער געבאָט פון גאָט אַרטאַשכאַד איז נישט חל אויף קראָען. אַז די מענטשן דאָרט הרגענען אויך אַנדערע באַשעפענישן און אויך מענטשן איינער דעם אַנדערן, דאָס האָט ער זיי נישט דערציילט.

און אין די הערצער פון דער יוגנט האָט זיך אָנגעצונדן אַ פײַער פון האַס צו די קראָען, און כאָטש די אַלטע לײַט האָבן זיך קעגנגעשטעלט און באַשטראָפט די ווידערשפּעניקע, האָט מען אין איסטאַראַפּי אָנגעהויבן הרגענען קראָען. „אַזוי לאַנג עס זענען פאַראַן קראָען אויף דער וועלט, האָט זיי דער פרעמדער מאַן געלערנט, טאָרט איר עפּעס אַנדערש ווי שינאה נישט פילן... די ליבע, די ליבע וועט קומען שפּעטער... שפּעטער... צוזאַמען מיט דער שפּעטערדי־קער ליבע וועלן אויך קומען די טויבן... טויבן אין אַ וועלט אָן קראָען״...

✶

עס האָט געדויערט יאָרן, אָבער ענדלעך האָט די יוגנט געזיגט, און באַפרײַט דאָס לאַנד איסטאַראַפּי פון קראָען. די קראָען זענען שוין מער נישט געווען, אָבער די שינאה און דער חשד איז אין די הערצער פון די קראָען־שלעגערס געבליבן. האָבן זיי זיך אויס־געבויט שיינע און שטאַרקע געצעלטן בײַם ברעג טײַך, און נישט געטאָן קיין אַנדער זאַך ווי נאָר געוואַכט אַז אין איסטאַראַפּי זאָלן זיך ווידער קיין קראָען נישט באַווײַזן, נישט אין זייערע אייגענע און אויך נישט אין קיין טויבן־געשטאַלטן.

מען האָט אַנגעהויבן נישטערן אין די טויבן־נעסטן, אויף אַ טויב וואָס איז געפאַלן אַ חשד, האָט מען גלײַך דערהרגעט און נאָך דעם צוליב זיכערקייט־וועגן האָט מען אויך אויסגעראָטן אַלע טויבן. מען האָט אויך אָנגעהויבן הרגענען אַנדערע לעבעדיקע באַשעפעענישן און צום סוף אויך איינער דעם אַנדערן. „און דאָס אַלץ ווײַל אַ פרעמדער מאַן האָט אָנגעצונדן אַ פײַער פון שינאה צו די קראָען אין נאָמען פון דער ליבע צו די טויבן".

יאַנאָסאָוויטש האָט אין אַן אַלעגאָרישער פאָרעם אונדז געוויזן דעם אמתן פּרצוף פון דער רוסישער רעוואָלוציע און די בלוטיקע עטאַפּן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט. אין „פײַער פון שינאה צו די קראָען" זענען אומגעקומען אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, ווי סאָלזשעניצין פאַרזיכערט, בײַ די פופצן מיליאָן מענטשן. עטלעכע און זעכציק יאָר זענען שוין אַוועק, און אין נאָמען פון „דער ליבע צו די טויבן" האַלט נאָך דער נײַער רעזשים מיליאָנען פאַרשיקטע אין סיביר און פאַרשפּאַרטע אין די לאַגערן פון „גולאַג".

די רויטע אינקוויזיציע האָט איבערגעשטיגן איר היסטאָרישן מאָדעל פון מיטל־עלטער און פאַרשפּאַרט די קעגנערס אין משוגעים־הײַזער, ווו מען מאַכט זיי משוגע, און אויף וועלכע עס פאַלט נאָר דער מינדסטער חשד ווערן געמישפּט ווי קעגנערס צום רעזשים. עס האָט אויפגעלעבט דער מיטל־עלטער מיט זײַן געיעג אויף מכשפות, וועלכע מען האָט געברענט אויף שײַטער־הויפנס. בײַ די צוגרייטונגען צו דער צווייטער העלסינקי־קאָנפערענץ וועגן אַנטוואָפענונג האָט סאָוועט־רוסלאַנד געפאָדערט מען זאָל אַראָפּ־נעמען פון דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון „מענטשנרעכט". אין דער סאָוועטישער אימפּעריע איז נישטאָ קיין רעכט פאַר מענטשן.

נישטאָ מער קיין סאָציאַלע קלאַסן אין סאָוועט־רוסלאַנד, די בורזשויען און „קולאַקעס" זענען פּשוט פיזיש ליקווידירט געוואָרן, און עס זענען אַנטשטאַנען צוויי נײַע קאַסטעס: אַ פּריווילעגירטע קאַסטע פון פאַרטייִשע קראָען־יעגערס, אָדער ווי לענין האָט זיי אָנגערופן „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", וואָס לעבן אָפּגע־זונדערט „אין שיינע און שטאַרקע פּאַלאַצן", און אַ קאַסטע פון שטומע שקלאַפן, איבער וועלכע עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַן

„אײַזערנער פֿאַרהאַנג״, און װער עס װיל אַרויס אָדער זאָגט אַ װאָרט, װערט פֿאַרשיקט צו די װײַסע בערן.

*

מיר װעלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַלע דערציילונגען פֿון בוך, װאָס סוגערירן פֿאַרשידענע געדאַנקען און געפֿילן, און גיבן אַ רײַכן מאַטעריאַל װעלכן ס׳איז אַ פֿאַרגעניגן צו אינטערפּרעטירן. דאָס װאָלט פֿאַרנומען פֿיל מער פּלאַץ, װי מיר האָבן זיך לכתּחילה געשטעלט פֿאַר דער אויפֿגאַבע. דאָס אויבן געבראַכטע איז גענוג אויף אַרײַנצופֿירן דעם לייענער אין דער צויבערװעלט פֿון יאַנאַ־סאָװיטשעס „בשמים־ביקסל״, אַ װערק פֿון אַ פּראָזע־קינסטלער, װאָס באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט נײַע מאָטיװן, אין װעלכע עס זענען פֿאַרקערפּערט די אייביקע ייִדישע װערטן, װײַל ער זעט — װי ער אַליין זאָגט — „אין די ריין אינדיװידועלע פּראָבלעמען אויך די נאַציאָנאַלע אַספּעקטן״.

דער פּובליציסט

די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור

אַ פּובליציסט, זאָגט דאָס ווערטערבוך, איז אַ מענטש וואָס שרײַבט פאַרן פּובליקום וועגן פאַרשידענע ענינים; וועלן מיר אין דעם אויך אַרײַננעמען דעם עסייאיסט, וואָס מיינט אַ קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן איין באַשטימטן ענין. „אָן אויסרופֿ־צייכנס״ * איז אַ בוך עסייען און פעליעטאָנען, און אַ פעליעטאָן איז אַ ליטעראַרישער זשאַנער, וואָס האָט אַ ספּעציפֿישע כאַראַקטעריסטיק. וועלן מיר זיי באַהאַנדלען אין אַ באַזונדער אָפּטייל. דאַקעגן טייל עסייען פון דעם בוך זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יאַנאַסאָוויטשן דעם פּובליציסט, דעם אַלזײַטיקן שרײַבער, וואָס איז קודם־כּל אַ טיף־דענקענדיקער שעפער, ער האָט קיין פילאָסאָפישע שיטות נישט געשאַפן, אָבער ער איז אין זיי זייער היימיש, און האָט ליב צו פילאָסאָפירן. אין זײַן פילאָסאָפיע איז פאַרבאָרגן אַ ניכטערער שכל, אַן אײַזערנע לאָגיק. דאָס זענען די עלעמענטן וואָס פּרעדאָמינירן אין זײַן פּובליציסטיק, וועלכע באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון טאָג און פּראָבלעמען פון לעבן, וואָס שטרעבן צו באַשיידן דעם תּמצית פון מענטשלעכן זײַן.

אין דער ערשטער עסיי באַהאַנדלט ער די פראַגע פון ליטעראַטור און מאָראַל און זאָגט, אַז אויב די אויפגאַבע פון דער ציוויליזאַציע און קולטור איז פאַרמענטשלעכן דעם מענטשן, איז אַ פראַגע צי די ליטעראַטור העלפט דעם מענטשן צו באַזיגן די חיה אין זיך?

---

* „אָן אויסרופֿ־צייכנס״, פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב 1975, 240 זײַטן.

ווײַל איין „מוסר ספר געשריבן אין אַ ץ־קוצץ־סטיל, אַן שום ליטעראַרישע פּרעטענזיעס, העלפט מיט זײַן גלויבן אין גאָט און אין גיהנום טויזנט מאָל מער דעם מענטשן מאָראַליש זיך לײַטערן, ווי די גרעסטע קונסטווערק, וועלכע זענען צוליב זייער כאַראַקטער אַמאָראַליש". און כאָטש אַן אַנטי־מאָראַליש ווערק קאָן אויך זײַן קונסט און אַן אַנטיסעמיט קאָן שאַפן גרויסע ליטעראַטור, דאַרף מען שאַצן די ליטעראַטור אויך לויט איר עטישן ווערט, אויך לויט איר מאָראַלישן מהות און נישט בלויז לויט איר קינסטלערישן גלאַנץ. מיט אַ מעסער קאָן מען שטעכן אַ מענטשן און אויך שנײַדן ברויט. דאָס מעסער איז אַליין און פאַר זיך נישט גוט און נישט שלעכט. עס ווענדט זיך אין דער שליחות וואָס דאָס מעסער דער־פילט.

יצחק באַשעוויס האָט נישט איין מאָל דערקלערט אין זײַנע רעדעס און שריפטן, אַז די ליטעראַטור דאַרף זיך נישט שטעלן קיין אַנדערע אויפגאַבן ווי נאָר צו „פאַרווײַלן" דעם לייענער. די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקערס, און פון אונדזערע בעסערע שרײַבערס — צווישן זיי אויך „דער קנעכט", „מײַן טאַטנס בית־דין שטוב" א"אַ פון באַשעוויס — האָבן געגעבן די לייענערס עפּעס מער ווי פאַרווײַלונג, זיי האָבן קולטיווירט אין לייענער זײַנע יידישע און מענטשלעכע סענטימענטן, און דערוועקט גוטע הומאַניטאַרע געפילן אין האַרצן.

וואָרנט יאַנאַסאָוויטש נישט צו „דעטראָניזירן" די קינסטלערישע שאַפונג, נישט אַראָפּזעצן זי פון קעניגלעכן פּעדעסטאַל, נאָר „לכל הפּחות אַוועקשטעלן איבער איר אַ פרעגצייכן צו אַן אָפענער דיס־קוסיע".

*

און אין דער ווײַטערדיקער עסיי „תורה און חכמה" נעמט ער אַ וואָרט צו דער דיסקוסיע און גיט אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף דער פראַגע. ווי אַן ערודיט פון אַ הויכער מדרגה, אַ בקי אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור און גײַסטרײַכער בעל־מחשבה זאָגט ער: — בײַ יידן האַלט מען אַז מען טאָר נישט טרינקען פון אַ

שמוציקער כּלי, ווען דער געטראַנק איז אַפילו געשמאַק, אַ ריינער קערן מוז זיך געפינען אין אַ ריינער שאָלעכץ. מען טאָר נישט לער־נען קיין תּורה פון איינעם וואָס איז זי אַליין נישט מקיים, וואָס פירט זיך נישט אויף אָנשטענדיק.

ביי די אומות העולם זוכט מען נישט קיין זכות אָבות, אויב די שאַפונג געפעלט נאָר ווערט זי אָנגענומען. אַרטור רעמבאָ, ווערלען און באָדלער זענען די גרעסטע דיכטערס פון פראַנקרייך, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער אַלוועלטלעכער פּאָעזיע. דער ערש־טער איז געווען אַ וואַגאַבונד, דער צווייטער אַ שיכּור, און דער לעצטער — אַ דעגענעראַט. זשאַן פּאָל סאַרטער האָט אין אַן עסיי וועגן באָדלערן געשריבן: בעסער וואָלט געווען ווען מיר האָבן אים נישט, אָבער אָן אים וואָלט מען געפילט אַ בלויז אין דער אוניווער־סאַלער פּאָעזיע...

פּאָל ווערלען איז קודם־כּל מוזיק פון אַ זעלטענער סוגעסטיווער קראַפט, רעמבאָס פּאָעטישע וויזיע האָט צו זיך ווייניק גלייכן אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין באָדלערס פּאָעטיק איז פאַרבאָרגן אַן אומפאַרגלייכלעכער כּישוף פון וואָרט. דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַן עפּילעפּטיקער, די פאַרפאַלגונגס־מאַניע און די נייגונג צו פאַר־ברעכן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מחלה, האָט ער זיינע פערווערזע טענדענצן אויסגעלאָדן אין זיינע ליטעראַרישע העלדן און האָט זיי באַשטראָפט, און איז געוואָרן דער מחבר פון „פאַר־ברעכן און שטראָף".

און יאַנאַסאָוויטש קומט צום אויספיר וועלכן אונדזערע אַלטע חכמים האָבן שוין פון לאַנג פאָרמולירט: „חכמה בגוים — תּאמין, תּורה בגוים — אַל תּאמין. און אונטערן וואָרט „חכמה" האָבן זיי פאַרשטאַנען — קונסט. אַז ס'איז פאַראַן קונסט ביי גוים — גלויב; אַז ס'איז פאַראַן מאָראַל ביי גוים — איז שוין אַ פראַגע...

און דער מחבר גיט צו: „תּורה איז אַ וואַסער וואָס מוז פליסן פון ריינע עטישע קוואַלן און איינגעשטיין אין קרישטאָל־קלאָרע כּלים. ביי תּורה קאָן נישט זיין קיין נאה דורש, וואָס איז נישט קיין נאה מקיים". ס'איז נישט גענוג וואָס איינער רעדט שיין, ער דאַרף אויך פאַרווירקלעכן זיינע ווערטער אין מעשׂים. אַנדערש איז דער ענין מיט קונסט... ווען מען גייט עס אָן די ביאָגראַפיע פון מאָלער אָדער

פון דיכטער? אָפּגעשאַצט ווערט דאָס ווערק לויט זײַן קינסטלערישן ווערט, אומאָפּהענגיק פון די מאָראַלישע מעלות פון זײַן שעפער.

און יאַנאַסאָוויטש איז נישט נאָר אַ בעל־מחשבה, נאָר אויך אַ בעל־תּכלית. אַן אייגנאַרטיקער שטריך אין יידישן כאַראַקטער, און ער פאַרענדיקט זײַן מעדיטאַציע וועגן דער ליטעראַטור מיטן וווּנטש „די ליטעראַטור זאָל זיך שטעלן פּאָזיטיווע אויפגאַבן, וואָס זאָלן דינען דעם מענטש, דער געזעלשאַפט, זײַן מאָראַל און זײַנע אידעאַלן". עס הייסט, אַז דער שרײַבער דאַרף זײַן אַנגאַזשירט, נישט אין פּאָליטישן זין, נאָר אין נאַציאָנאַלן און הומאַניטאַרן.

די זאָרג פאַרן יידישן המשך

„אַן אויסרוף־צייכנס" איז כּולל אויך יאַנאַסאָוויטשן דעם זשור־נאַליסט און עסייִסט, וואָס באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון טאָג, אָבער ער גיט זיי אַ טראַנסצענדענטאַלע באַטײַטונג פון דויערהאַפטן אינ־טערעס, נישט נאָר אויף הײַנט — נאָר עפּנט אַ פּערספּעקטיוו אויך פאַרן מאָרגן. דער מאמר „די אָבות און די בנים" איז הײַנט דאָס טעגלעכע ברויט פון די יידישע צײַטשריפטן, און פון געזעלשאַפט־לעכן אינטערעס אין אַלע תּפוצות פון ברייט־פאַרשפּרייטן יידישן גלות, אין אַלע צײַטן.

אויך בײַ אַנדערע פעלקער איז געקומען צום אויסדרוק דער קאַמף צווישן דורות, ווײַל די זין זענען נישט געגאַנגען אין די דרכים פון זייערע עלטערן. אָבער דער קאַמף האָט דאָרט נישט אָנגענומען אַזעלכע דראַמאַטישע פאָרמען ווי בײַ יידן. האָבן די אומות העולם, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, נישט געליטן פון דעם ריס אין זייער אינערלעכן לעבן. און דאָס איז פאַרשטענדלער, ווען מיר צוגעבן: — די געאָגראַפישע גרענעצן בײַ די אומות העולם האָבן געזיכערט דעם קיום פון די נאַציעס און דער פּירוד־הדורות, די דערוויַיטערונג פון די יונגע דורות פון דעם אַלטן שטייגער־לעבן, איז דאָרט נישט געוואָרן קיין נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. פאַרקערט,

יעדע נײַע מאָדע אין לעבנס־שטייגער איז אויסגעטײַטשט געוואָרן ווי אַ צייכן פון פּראָגרעס.

גאַנץ אַנדערש איז בײַ יידן, וואָס האַלטן אויף זייער קיום אין די גלותן אין אַבסטראַקטע גרענעצן פון אַ גײַסטיקער „טעריטאָריע", האָט יעדער אָפּנייג פון די טראַדיציאָנעלע נאָרמעס, געשטעלט אין געפאַר דעם קיום פון דער נאַציע, ווײַל יעדער נײַעס וועלכע איינער האָט אויפגענומען פון דרויסן, האָט אים דערווײַטערט פון דער יידישער סביבה און פון יידישן פאָלק און געפירט צו אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער הערשנדיקער מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

„אין מערב־אייראָפּע איז, צוזאַמען מיט דער עמאַנציפּאַציע פון יידישן כּלל, אויך געקומען די עמאַנציפּאַציע פון די יידישע זין, וועלכע זענען אומאָפּהענגיק געוואָרן פון די עלטערן. די יוגנט האָט דאָרט באַקומען דאָס „רעכט אויף אַנדערשקייט". כּדאַי צו דער־מאָנען בײַ דער געלעגנהייט אַ כאַראַקטעריסטישן געדאַנק פון באַשעוויסן, וואָס האָט געזאָגט: — די עמאַנציפּאַציע איז געווען אַ שפּיצל, וועלכן דער שטן האָט אָפּגעטאָן דעם יידישן פאָלק... די „עמאַנציפּאַציע" האָט געעפנט ברייטע טירן, וואָס האָט געפירט צו אַסימילאַציע פון מערב־אייראָפּעישן יידנטום, וועלכע האָט געריסן פון אים לעבעדיקע שטיקער.

אין מזרח־אייראָפּע האָט די יוגנט זיך עמאַנציפּירט פיל שפּע־טער, אָבער וואָס ווײַטער ווערן אַלץ בולטער די דורות־אונטער־שיידן אין יידישן לעבן. אַזוי איז געווען אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן אין דער אַלטער היים, און נעמט אָן זייער שאַרפע פאָרמען אין די היימען אויף אַלע אַנדערע קאָנטינענטן. אָבער אין מזרח־אייראָפּע, ווו עס האָט געלעבט דער רוב מנין פון יידנטום, „איז פאַרט געווען עפּעס וואָס האָט פאַרבונדן די דורות אין איין געוועב". די שפּראַך איז אַוודאי געווען איינע פון די וויכטיקע עלעמענטן און די ליטעראַטור האָט געשפּײַזט די נאַציאָנאַלע סענטימענטן בײַ אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך דערווײַטערט פון טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן לעבן.

*

„דאָ, אין די נײַע ישובים, ווערט דער פאַרבינדונגס־פאָדעם אַזוי דין, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, אַז מען הייבט אָן מיט רעכט מורא האָבן, ער זאָל זיך נישט איבעררײַסן; אַז טאַטע און זון וועלן שוין מער נישט זײַן קיין צוויי דורות, נאָר זיי וועלן ווערן צוויי פעלקער"...

אין די אַמעריקאַנער לענדער זענען די יידישע היימען אין גרעסטן טייל אויסגעלייִדיקט פון ייִדישע ווערטן, נישט געבליבן אין זיי דער מינדסטער סימן פון טראַדיציאָנעלן „עם לבדד ישכון", פון אַ פאָלק וואָס האַלט זיך באַזונדער, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אייגנס. אין אַרגענטינע, אין גרעסטן יידישן ישוב אויפן לאַטײַן־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, לערנען אין יידישע שולן פון 15 ביז 20 פּראָצענט ייִדישע קינדער. אין אַנדערע לענדער איז דער פּראָצענט פיל גרעסער, אָבער אין די שולן — מיט גאָר קליינע אויסנאַמען — ווערט קיין יידיש נישט געלערנט, און עברית ווערט נישט קיין נײַער „פאַרבינדונגס־פאָדעם" פון די דורות, און אויך נישט קיין לייען־און רעד־שפּראַך פון די קינדער.

די קולטורעלע און שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פירט צו אַ פולער נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע, צו אַ פאַרלייקענונג פון יידישן אָפּשטאַם, און צו אַ מאַסנהאַפטער פּראָפּאָרץ געמישטע חתונות, וואָס שטעלן די ישובים אין געפאַר פון אַ פרײַוויליקן חורבן. אָבער מיר זענען אַ פאָלק מיט איין היסטאָרישן גורל. פינף און דרײַסיק יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אָפּגעמעקט פון פנים פון דער ערד דעם נאַציסטישן מחבל, און ער שטייט ווידער אויף ווי אַ געשפּענסט וואָס באַדראָעט דעם וועלטפרידן. אין פאַריז, אין „דער שטאָט פון ליכט" און פון דער „עמאַנציפּאַציע" האָט מען געוואָרפן באָמבעס אויף יידישע שולן, אין פיל לענדער ווערט אָפן געפירט אַ גיפט־פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן. עקסטרעמען האָבן זיך פאַראייניקט קעגן יידישן פאָלק, דער עקסטרעם פון לינקס און דער עקסטרעם פון רעכטס האָבן פאַרוואַנדלט די העכסטע וועלט־טריבונע, וואָס דאַרף סימבאָליזירן פעלקער־פאַרברידערונג, אין אַן אַפּאַראַט פון אַנטיסעמיטישער גיפט־מישונג. אַנטיסעמיטיזם איז ווידער געוואָרן אַ געווער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אַ מיטל אין קאַמף פאַר וועלט־דעראָבערונג.

די וועלט־אַטמאָספער איז פאַרסמט מיט פאָראורטיילן קעגן ייִדן, פילט זיך דער ייִד בעסער אין דער געזעלשאַפט פון ייִדן, און טייל יוגנטלעכע גרינדן און זאַמלען זיך אין זייערע אייגענע ייִדישע קלובן, ווי „העבראַיקאַ", מכבי", „בני־ברית" און אַנדערע. אַזוי האָט זיך געשאַפן און ווערט נאָך אָנגעהאַלטן אין יעדן ישוב אַן אינסטיטוציאָנעל ייִדיש לעבן. דאָס איז אַ ראַטאַציע אַרום אַן אייגע־נער נאַציאָנאַלער אַקס, וואָס האַלט אויף דעם פּולס פון ייִדישן לעבן.

✶

דאַרף די מדינה זײַן די זון, וואָס זאָל געבן ליכט און קראַפט, וואָס זאָל אַרײַנפירן די צעזייטע און צעשפרייטע ייִדישע ישובים פון דער וועלט אין דער אָרביטע פון איר לעבן. שטאַרקע תפוצות וועלן בײַטראָגן זייער צושטײַער פאַרן קיום פון דער מדינה אויף אַלע געביטן. פּלוראַליזם איז דער איינציקער קענצייכן פון אַן אמתער דעמאָקראַטיע, וואָס קולטיווירט לאָיאַליטעט צום לאַנד אין וועלכן מען לעבט און טרײַהייט צום פאָלק פון וועלכן מען שטאַמט. נאָר אין אַזאַ אַטמאָספער קאָן געדײַען אַ וועלטפרידן.

אַלבערט איינשטיין, דער גאָט־זוכער

די עסיי „פּראָפ. איינשטיין וועגן מאָצאַרטן" * איז אַ פּאָעמע אין פּראָזע, אַ מזמור שיר דעם בורא־עולם. איינשטיין האָט בײַ אַ געלעגנהייט דעפינירט די מוזיק פון די צוויי גרויסע גאונים אין דער מוזיקאַלישער וועלט: בעטהאָווען און מאָצאַרט. דער ערשטער, האָט ער געזאָגט, האָט געשאַפן זײַן אייגענע מוזיק, און אין דעם איז זײַן גרויסער אויפטו. מאָצאַרט, דאַקעגן, האָט נישט געשאַפן זײַן מוזיק,

* „אַן אויסרוף־צייכנס" — פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב, ז' 82.

„ער האָט דערהערט און אַנטפּלעקט די מוזיק וואָס איז פאַראַן אין קאָסמאָס, די מוזיק פון געטלעכן באַשאַף, און צוליב דעם איז ער נאָך גרעסער"...

יאַנאַסאָוויטש, אַ גרויסער ליבהאָבער און קענער פון מוזיק, הייבט אָן זײַן שטודיע מיט איינשטיינס דעפיניציע וועגן אַ מוזיקאַלישן גאון. דאָס איז די פּרעלודיע צו דער סימפאָניע, וואָס אַנטפּלעקט די „צדקות און באַשיידנקייט", די וועלט־וויזיע און גאָט־דערקענטעניש, פון דעם געניאַלן וויסנשאַפטסמאַן און טײַערן ייִדן, אַלבערט איינשטיין.

עס איז באַוווּסט, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, אַז נאָך דעם ווי איינשטיין האָט געוווּנען וועלט־אַנערקענונג מיט זײַן רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, וואָס איז באַזירט אויף דעם איינהייט־פּרינציפּ פון צײַט און רוים און צווישן ענערגיע און מאַטעריע, האָט ער די „לעצטע דרײַסיק יאָר פון זײַן לעבן אָפּגעגעבן צו אַנטדעקן דעם ווײַטערדיקן איינהייט־פּרינציפּ, אָדער איינהייט־געזעץ, וואָס דאָמינירט אין דער גאַנצער קאָסמישער עקסיסטענץ".

די הימלען האָבן שטענדיק אינספּירירט דעם מאָניסטישן געדאַנק פון ייִדישן מענטש, וואָס איז צו אַ הויכן פּאָעטישן אויסדרוק געקומען אין דעם ספר־הספרים. ווי נאָר דער מענטש איז צו זײַן שכל געקומען, האָט אים באַצויבערט די מיסטעריע פון אוניווערס.

„די הימלען דערציילן דעם כּבוד פון גאָט,
און די ווערק פון זײַנע הענט ווײַזט דער הימלגעוועלב".
(תּהילים, י"ט)

ווּ ביסטו געווען ווען איך האָב געגרונטפעסטיקט די ערד?
ווער האָט געמאַכט אירע מאָסן אויב דו ווייסט?
אויף וואָס זײַנען אירע גרונטמויערן אויפגעזעצט?
אויף וואָסער וועג רוט דאָס ליכט?
און די פינצטערניש ווּ איז איר אָרט?...
קענסטו בינדן די קייטן פון די זיבנשטערן?
אָדער די שטריק פון אָריאָן לייז מאַכן?
ווייסטו די געזעצן פון הימל?
(„איוב", ל"ח — תרגום יהואש)

דער דיכטער פון יענעם ווײַטן פרע־היסטאָרישן פּעריאָד האָט שוין אינטויִרט, אַז עס מוזן זײַן געוויסע „געזעצן״ וואָס רעגירן די וווּנדערבאַרע האַרמאָניע פון וועלט־סדר, און ער האָט קלאָר פאָר־מולירט די פראַגן, וועלכע באַצייכענען די נאַטור־סודות. קיין ענט־פער אויף די פראַגן האָט דער ייִד דער נישט געזוכט, אַן ענטפער האָט אים געגעבן זײַן אמונה, זײַן רעליגיעזע אינטויִציע, זײַן טיפע איבער־צײַגונג, אַז דער **הימלגעוועלב** „איז אַ ווערק פון זײַנע הענט״, און דאָס איבעריקע איז „למעלה מן השכל״, איז נישט צו באַנעמען מיטן מענטשלעכן שכל.

✶

אַן ענטפער אויף די פראַגן האָבן אין יענער צײַט געזוכט די גריכן, און פיטאַגאָראַס (6טער י״ה פ״ק) איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען צום געדאַנק אַז די ערד איז קײַלעכדיק, און איז אַ צענטער אַרום וועלכן עס באַוועגן זיך די זיבן פּלאַנעטן, ווי די זיבן נאָטן פון אַ מוזיקאַלישער סקאַלע, און ער האָט פאַרגעשטעלט די האַרמאָניע פון אוניווערס ווי אַ מוזיק פון די ספערן. דאַקעגן, האָט בײַ די גריכן יעדער שטערן געהאַט זײַן גאָט.

אַז די ערד באַוועגט זיך אַרום דער זון האָט ערשט פעסטגע־שטעלט קאָפּערניק, אין 17טן י״ה און שפּעטער גאַליליי, וואָס האָט דערפאַר שווער נישט באַצאָלט מיטן לעבן אויפן שײַטערהויפן פון דער אינקוויזיציע. אין 18טן י״ה האָט ניוטאָן דערוויזן, אַז די פּלאַ־נעטן באַוועגן זיך אַ דאַנק דער קעגנזײַטיקער צוציִונגס־קראַפט אין אַ באַשטימטער אָרדענונג אין אַן אומענדלעכן רוים, און אַז די ליכטשטראַלן באַשטייען פון קליינע קערפּערלעך, וואָס באַוועגן זיך מיט דער שנעלקייט פון 300 טויזנט קילאָמעטערס אין אַ סעקונדע. דאָס זײַנען די עיקרדיקע קאָסמישע געזעצן, וועלכע די וויסנשאַפט האָט פעסטגעשטעלט ביז איינשטיינען.

עס זאָגט שלמה סוסקאָוויטש: „ווען מען זאָגט איינשטיין מיינט עס מאַקסימום וויסנשאַפט, מאַקסימום הומאַניזם, און מאַקסימום ייִדישער באַוווּסטזײַן. ווי אַ וויסנשאַפט־מאַן האָט ער אין אַ סך יאָרהונדערטער צו זיך נישט קיין גלײַכן. ווי אַ הומאַניסט איז ער

געשטאַנען אין פֿאָדערשטע רייען פֿון די, וועלכע האָבן געקעמפֿט פֿאַר מענטשלעכער פֿרײַהייט. ווי אַ ייִד האָט ער זײַן שטאָם געדינט מיט שטאָלצער ליבשאַפֿט".

איינשטיין האָט רעוואָלוציאָניזירט דעם קאָנצעפּט פֿון פֿיזישן אוניווערס, און זײַנע קאָנסעקווענצן האָבן אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע מענטשהייט. אָבער די רעלאַטיוויטעט איז אַ שווערער ענין, וואָס איז אינטים פֿאַרבונדן מיט מאַטעמאַטיק. עס זענען פֿאַראַן פּאָפּולערע דערקלערונגען, אָבער ס'איז אַ טעות צו מיינען אַז אַזעלכע אויפֿקלערונגען טראָגן לײַכט אַריבער דעם לייענער אין איינשטיינס געדאַנקען־וועלט.

*

יעדער מאַטעריעלער אָביעקט (שטיין, אײַזן, האָלץ), זאָגט איינשטיין „איז נישט עפּעס אַנדערש ווי פֿאַרגליווערטע ענערגיע". און ער האָט אָנגעגעבן דעם סכום ענערגיע אין דער באַרימטער פֿאָרמולע: ענערגיע איז גלײַך צו דער מאַסע, געכּפֿלט אויפֿן קוואַדראַט פֿון דער ליכט־שנעלקייט (300 טויזנט קילאָמעטערס אויף 300 טויזנט קילאָמעטערס אַ סעקונדע). אַז אָביעקט וואָס וועט פֿליִען מיט דער שנעלקייט פֿון אַ ליכטשטראַל וועט פֿאַרקלענערט ווערן ביז אַ מינימום און אויפֿגעלייזט ווערן, און די צײַט וועט זיך אָפּשטעלן. אַ מענטש וואָס וועט יאָרן־לאַנג אַזוי פֿליִען, וועט פֿאַרעלטערט ווערן נאָר אויף אייניקע וואָכן. עס הייסט, אַז אין יעדן אַטאָם מאַטעריע איז פֿאַרבאָרגן אַ ריזיקע קראַפֿט, און אַז צײַט און מאַטעריע זענען אונטערגעוואָרפֿן די זעלבע געזעצן. די אַנטדעקונג האָט געעפֿנט אַ נײַע ערע אין דער וויסנשאַפֿט, און האָט געהאַט אויך אַ פּראַקטישע אָנווענדונג אין דער פּראָדוקציע פֿון אַטאָמישער ענערגיע.

אָבער יאַנאַסאָוויטשן אינטערעסירט מער דער פֿילאָסאָפֿיש־מעטאַפֿיזישער אַספּעקט פֿון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע און ער זאָגט, אויב איינשטיין האָט געגלויבט אַז עס איז פֿאַראַן אַן אײנהייטלעך קאָסמיש געזעץ וואָס רעגירט דעם וועלט־סדר, איז די מענטשלעכע עקזיסטענץ נישט קיין צופֿאַל, נאָר מוז האָבן אַ זין

און אַ תּכלית, וואָס שטאַמט פון אַ געטלעכן מקור, און קאָן דעריי־
בער נישט זײַן אַנדערש ווי גוט און וואָס שטרעבט צו גוטס.

„איינשטיין, זאָגט ער, איז געווען אַ מין כּהן־גדול, וואָס האָט
געדינט צו גאָט מיטן ריטואַל פון דער ווייסנשאַפט; אַ מין מאמין,
וואָס זוכט התגלות־הבורא מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס".

די קאָסמישע האַרמאָניע האָט אינספּירירט איינשטיינען די
אידעע פון געטלעכער גזעצמעסיקייט, ווײַל געזעצמעסיקייט איז
האַרמאָניע, און האַרמאָניע איז אויך מוזיק. אין דער יידישער מיס־
טיק זינגען די „גלגלים", די ספערן, אַ לויב צו גאָט פאַר זײַן באַשאַף.
לויט איינשטיינען האָט מאָצאַרט דערהערט די קלאַנגען פון אָט
דער ספערישער מוזיק, „די מוזיק וואָס דריקט אויס דעם האַרמאָ־
נישן פּרינציפּ פון דער קאָסמישער עקזיסטענץ".

און דער מחבר פאַרענדיקט די עסיי מיט אָט דער סענטענץ:
„אין איינשטיינס עמפּינדונג פון מוזיק איז געווען זײַן פילאָסאָפיע
אַלס דענקער, און זײַן פילאָסאָפיע אַלס דענקער האָט האַרמאָנירט
מיט זײַן שטאַנדפּונקט אַלס ווייסנשאַפטלער".

אַ פינפטער מעטאָד צו קאָמענטירן דאָס יידישע לעבן

(וועגן „אין פּרדס פון יידיש" *)

פּרדס — איז אַ פּרוכטגאָרטן, און אין דעם פאַל אַ גאָרטן פון
יידישער קולטור. די קבלה ווערט באַצייכנט ווי אַ „חכמת הפּרדס"
און באַטראַכט דאָס וואָרט „פּרדס" ווי ראשי־תּיבות פון „פּשט, רמז,
דרוש, סוד", די פיר מעטאָדן צו קאָמענטירן די תּורה.

יאַנאַסאָוויטש ווענדט אָן אַן אַנדער מעטאָד, אַ דיאַלעקטיק
וואָס פירט צו אַ פילאָסאָפישן אויספיר, וואָס איז כּולל דאָס לעבן

* „אין פּרדס פון יידיש" — ביכער־סעריע פון וועלטראַט פאַר יידיש,
תּל־אביב, 1979.

פון יידישן פאָלק. דער ספר באַהאַנדלט פּראָבלעמען וואָס שטייען ברומו של עולם, און נעמט אַריַין צוועלף מאמרים: דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון דער יידישער ליטעראַטור, די חורבן־ליטעראַטור און איר שליחות פאַרן פאָלקסלעבן, מדינת ישראל אין דער יידישער פּאָעזיע, און נייַן שטודיעס וועגן יידישע שרייַבערס און דענקערס.

יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַן אייַנגעבוירענער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך ברייט פונאַנדערגעוואַקסן אין משך פון די צוואַנציק יאָר וואָס האָט געלעבט אין אַרגענטינע, האָט זיך העל צעבליט אויפן ישראל־באָדן, ווו עס האָבן זיך פאַר אים געעפנט ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר זייַן שעפערישער פּערזענלעכקייט. אַ פּילזייַטיקער פּובליציסט, אַ דיכטער מיט אַ טיף לירישן געמיט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אַ מייַסטער אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנערן, און אַן ערודיט מיט טיפן וויסן אין דער יידישער און אוניווערסאַלער ליטעראַטור, איז ער אַ באַרופענער וואָרטזאָגער, אַ מורה־דרך, וואָס זאָרגט פאַרן נצח־ישראל, אין הסכם מיט זייַן אויסגעשפּראָכענער נאַציאָנאַלער וועלט־וויזיע.

אין דעם ערשטן מאמר זאָגט ער — „די יידישע ליטעראַטור איז אונדז נישט געגעבן געוואָרן, זי איז אַרויסגעוואַקסן פון אונדזערע טיפענישן, פון אונדזער פאָלקס־אינגעווייד. זי איז די ערשטע ליטעראַטור בייַ יידן, ווו אַנשטאָט דעם מאָראַלישן געבאָט פון גאָט צו מענטש, הערן מיר דעם עטישן רוף פון מענטש צו זיך אַליין. זי איז אַ ליטעראַטור וואָס קומט נישט פון הימל אַראָפּ צו דער ערד, נאָר גייט פון דער ערד אַרויף צום הימל, און אפשר נאָך העכער".

די יידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט די גרויסע יידגע־שטאַלט, וואָס קעמפט שטאָלץ און אומדערשראָקן פאַר דער גאולה פון כלל. די השכלה און איר עפּיגאָן, דער זיידע מענדעלע, האָבן געזען בלויז דאָס נעגאַטיווע אין יידישן לעבן, „דאָס קליינע מענטשעלע". י. ל. פּרץ האָט אין „די גאָלדענע קייט" אונדז געגעבן די גרויסע יידגעשטאַלט, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם אייביקן געראַנגל פון יידישן פאָלק פאַר אַ יום־שכולו־שבת, און האָט פון גאָט אַליין געפאָדערט די אויסגעבענקטע אויסלייזונג. שלום־עליכם האָט אין טוביהן פאַרקערפּערט דעם לעבנסלוסטיקן גייַסט פון יידישן

בטחון, און האָט פאַרוואַנדלט דעם הומאָר אין אַ פּאַנצער וואָס האָט אים באַשיצט אין קאַמף פאַר זײַן לעבן.

און אַזוי ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון שעפערס ווי שלום אַש, לייוויק, באָריישאַ, י. י. זינגער, חיים גראַדע, אַפּאַטאָשו, מענדל מאַן, באַשעוויס, און פיל אַנדערע, וואָס האָבן אין זייערע ווערק אַרויס־געבראַכט גרויסע יידגעשטאַלטן ווי „דער קנעכט" פון באַשעוויס, וואָס זענען געבענטשט מיט דער בחירה חפשית, מיט אַ פרײַען ווילן צו באַקעמפן אין זיך די פּרימיטיווע אימפּולסן, דאָס שלעכטס, און טרײַ זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און מאָראַלישן געוויסן, דער־גיין צו דער מדרגה פון געטלעכקייט, פון אַבסאָלוטן גוטס.

די גרויסע יידגעשטאַלטן אין אונדזער ליטעראַטור פאַרקערפּערן אין זיך דאָס צום מערסטן כאַראַקטעריסטישע, „דאָס אייביקע און באַשטענדיקע" פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט אים דערהאַלטן בײַם לעבן, אים געוויזן אַ ריכטונג, און „וואָס דאַרף אויך אונדזערע קינדער באַגײַסטערן צו זײַן און צו בלײַבן יידן".

✶

וועגן דער שליחות פון דער חורבן־ליטעראַטור פאַרן פאָלקס־לעבן, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, אַז ס'איז קודם־כּל אַ געבאָט צו געדענ־קען: למען תּזכּרו! און כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן שאַרפזיניקער ערודיציע און טיפן פּסיכאָלאָגישן אַרײַנבליק איז זײַן דעפינירן „זכּרון" ווי „דאָס וואַסער אויף וועלכן עס טראָגט זיך די שיף פון מענטשלעכן באַוווסטזײַן צו די ברעגן פון אַ געצילטער עקזיסטענץ". אָן זכּרון איז נישטאָ קיין אינטעלעקט, און עס קאָן נישט געמאָלט זײַן קיין שכלדיק לעבן... דאָס קאָמפּליצירטע זײַן פון אַ נאַציאָנאַלן ציבור קאָן קיין מאָל נישט אויסקומען אָן **געדענקשאַפט**... קאָן אויף קיין רגע נישט פאַרוואָרלאָזן זײַן **היסטאָרישן געדענקעג**, וואָס איז דער הויפּט־יסוד פון זײַן נאַציאָנאַלן **דענקען**".

קאַרל גוסטאַוו יונג, דער באַרימטער תּלמיד פון פרוידן, וואָס האָט שפּעטער זיך דערווײַטערט פון זײַן רבין, זאָגט אַז „דאָס אומ־באַוווסטזײַן איז די מוטער פון באַוווסטזײַן, און אין דעם פאַל מיינט ער דעם „קאָלעקטיוון" אומבאַוווסטזײַן, ווי ער אַליין האָט אים

באַצייכנט אין קעגנזאַץ צום פּערזענלעכן אומבאַוווּסטזײַן, וואָס האָט זיך פאָרמירט ווי אַ רעזולטאַט פון די ריין־פּערזענלעכע קאָמפּלעקסן פון אינדיווּיד. זייער טרעפלעך האָט עס באַצייכנט יאַנאַסאָוויטש ווי אַ „היסטאָרישן" געדענקען, וואָס איז דער הויפּט־יסוד פון נאַציאָנאַלן דענקען.

דער פּסיכאָאַנאַליסט האָט פעסטגעשטעלט דעם געזעץ אויף דער באַזע פון זײַן קלינישער דערפאַרונג און אַלזײַטיקן פּסיכאָלאָגישן וויסן, דער דיכטער איז צום זעלבן אויספיר געקומען אַ דאַנק זײַן **אינטויִציע** און האָט אים געגעבן אַ פּאָעטישן אויסדרוק: „דער זכּרון (דאָס היסטאָרישע געדענקען, דאָס קאָלעקטיווע אומבאַוווּסטזײַן) איז דאָס וואַסער אויף וועלכן עס טראָגט זיך די שיף פון מענטשלעכן באַוווּסטזײַן צו די ברעגן פון אַ געצילטער עקזיסטענץ".

*

יאַנאַסאָוויטש האָט אויך געמאַכט אַ טיפע פּסיכאָלאָגישע אַנטדעקונג, וואָס איז פאַרבײַ אומבאַמערקט פאַר אונדזערע פאָרשערס און סאָציאָלאָגן. „קיין שום זיג, זאָגט ער, איז בײַ ייִדן אַזוי נישט באַזונגען געוואָרן, ווי עס איז באַוויינט געוואָרן דער חורבן בית־המקדש. און דערפאַר איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דורי־דורות ייִדן אין גלות האָבן געשעפּט זייער נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן אַ סך מער פון תּשעה־באָב־טרויער ווי פון דעם חשמונאים־נצחון אין חנוכּה... דאָס איז די מיסטיק פון אונדזער גלות־עקזיסטענץ, די מיסטיק פון אַ פאָלק וואָס קאָן פאַרוואַנדלען זײַנע מפּלות אין אַ פּערמאַנענטן קיום־נצחון, וואָס קאָן פאַרוואַנדלען זײַן טרויער אין אַ פריידיקן אייביקן דויער. אָן דער דאָזיקער פעיִקייט וואָלט אונדזער פאָלק אין גלות געוויס נישט געקאָנט עקזיסטירן, און וואָלט ווי פיל אַנדערע פעלקער אַראָפּ פון דער לעבנס־אַרענע".

אַ מעקסיקאַנער פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע, פּעדראָ אַריאַס דע לאַ קאַנאַל *, מחבר פון אייניקע ווערק אין דער ספּעציאַליטעט,

* "Freud Psicoanalizado", Mexico, 550 pag.

זאָגט אין זײַן בוך „דער פּסיכאָאַנאַליזירטער פּרויד״, אַז ייִדן ווײַזן אַרויס אין זייער כאַראַקטער אַ טענדענץ צו מאַזאָכיזם... אָבער ס׳איז נישט קיין מאַזאָכיזם! ס׳איז דער גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט פון ייִדישן פאָלק צו **סובלימירן** זײַנע לײַדן. „מיר איז גוט איך בין אַ יתום״ פון מאָטל פּייסי דעם חזנס איז נישט קיין מאַזאָכיזם, ס׳איז די גרויסע קראַפט פון גײַסט, וואָס העלפט דעם יתום צו געפינען אַן אילוזאָרישן שטיצפּונקט אויף צו אַנטלויפן פון דער פּײַנלעכער רעאַליטעט, און אויפהאַלטן דעם גײַסטיקן גלײַכגעוויכט. ס׳איז די גרויסע קראַפט פון גײַסט וואָס שפּײַזט דעם ייִדישן הומאָר, וועלכער לאַכט אויס די אייגענע לײַדן, און וואָס האָט געבראַכט צום לעבן די אומשטערבלעכע גאַלעריע שלום־עליכמס העלדן.

מיטן אויסלאָדן דעם חורבן אין דער ליטעראַטור איז געוואָרן לײַכטער אויפן האַרצן, און דער חורבן האָט אויך דערוועקט בײַ דער ישראל־יוגנט מער אינטערעס פאַרן ייִדישן לעבן אין די תּפוצות און אויך אַ דערנענטערונג צו ייִדיש, און דער מחבר פאַרענדיקט: „די חורבן־ליטעראַטור האָט דערפילט אין אונדזער לעבן אַ וויכטיקע שליחות און עס ווילט זיך גלייבן אַז זי וועט איר שליחות דערפילן אויך ווײַטער, אָבער נישט מתוך טרויער און סכּנה, נאָר מתוך זיכערקייט און שלום צו וועלכן מיר וועלן, האָפנטלעך, דערשפּרײַזן״.

✶

צווישן די נײַן אויבן דערמאָנטע שטודיעס וועגן ייִדישע שרײַבערס און דענקערס, איז פאַראַן אַן אַרבעט וועגן שמעון דובנאָוו, וועלן מיר נאָר אין דעם געלויפיקן איבערזיכט וועגן בוך זאָגן, אַז דאָס איז איינע פון די בעסטע און שענסטע מאָנאָגראַפיעס וואָס איז וועגן נישט איז געשריבן געוואָרן וועגן דעם גרויסן היסטאָריקער און טײַערן ייִדן, וועלכע איז ווערט אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג.

פון די שרײַבערס זענען פּאָרטראַטן אַהרן צייטלין, אפרים אויערבאַך, יעקב באַטאַשאַנסקי, יעקב פרידמאַן, שמואל האַלקין, יצחק באַשעוויס און אַברהם סוצקעווער. וועגן אויערבאַכן זאָגט יאַנאַסאָוויטש: „ער האָט מיר תּמיד אויסגעזען ווי אַ ריזיקער דעמב אין דעם וואַלד פון דער ייִדישער דיכטונג״. יאָ, ער איז געווען אַ

גרויסער פּאָעטישער טאַלאַנט, אָבער וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין די ד׳ אמות פון זײַן היימישער מיליע, זײַן פּאָעטישע אינטויציע איז באַזונדערס געווען שעפעריש אין דער פּאַנאָראַמע פון דער חומש־וועלט.

וועגן אונדזער ערשטן נאָבעל־לאַורעאַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, יצחק באַשעוויס, זאָגט דער מחבר: „דער טאָג ווען באַשעוויס־זינגער האָט באַקומען די הויכע ליטעראַרישע אויסצייכענונג פון די הענט פון שוועדישן קעניג, איז געווען אַ טאָג פון יום־טוב נישט נאָר פאַרן שרײַבער און זײַנע צאָלרײַכע לייענערס, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, און אין אַ געוויסן זינען אויך פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק... אין דעם דאָזיקן גײַסט איז די פּרעמירונג אויפגענומען געוואָרן כּמעט דורך דער גאַנצער העברעיִשער פּרעסע, וואָס האָט בפּה־אחד אַרויסגעהויבן די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אויסצייכענונג פאַר ייִדן און פאַר זייער גײַסטיקן פּרעסטיזש. פּונקט ווי די גאַנצע וועלט־פּרעסע, האָבן אויך די העברעיִשע צײַטונגען אונטערגעשטראָכן אַז באַשעוויס האָט די פּרעמיע באַקומען פאַר זײַנע ווערק, וועלכע ער האָט געשריבן און שרײַבט אין ייִדיש״.

וועגן דער פּרעמיע און דעם פּרעמירטן האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ באַרג מיט פּאָלעמישן מאַטעריאַל. מיר האָבן נישט לאַנג געלייענט אין אַ ברייט פאַרשפּרייטער ייִדישער צײַטשריפט, אַז באַשעוויס דעספּרעסטיזשירט דעם נאָמען „ייִד״, און אַז עס איז „אַ סקאַנדאַל וואָס מען פאַרשווײַגט עס, און מען מאַכט נישט קיין סקאַנדאַל״... איז אין דעם פאַל וויכטיק די מיינונג פון אַ באַרופענעם ליטעראַטור־קריטיקער און טאַלאַנטירטן שרײַבער.

וועגן באַשעוויסעס עראָטיזם — די צום מערסטן פּאָלעמישע פּראַגע — וואָס פאַרשאַפט אַ סך בייז־בלוט בושת־פּנימדיקע ייִדן, שרײַבט יאַנאַסאָוויטש: „דאָס כּסדרדיקע שילדערן דאָס עראָטישע שפּיל איז דער עיקר אויסן צו ווײַזן דעם כּוח פון אָט דעם שפּיל, און צו וואָרענען מיר זאָלן עס נישט נעמען גרינג. אַגב, טוען דאָס זעלבע אַלע מוסר־ספרים, כאָטש באַשעוויס איז נישט, און פּרוּווט נישט צו זײַן אַ בעל־מוסר... אין דעם שילדערן און אַנטפּלעקן דעם מענטש, דאָס אייביקע אין אים, דאָס וואָס איז דווערנדיקער פון

צײַט, אין דעם ליגט יצחק באַשעוויסעס כּוח; דער כּוח פון קינסטלער וואָס וואָרצלט אין דער צײַט און איז דערבײַ איבערצײַטלער״.

✶

דאָס בוך ווערט געשלאָסן מיט אַן עסיי וועגן דיכטער אַברהם סוצקעווער, און די עסיי אַליין איז אַ פּאָעמע וואָס באַצויבערט מיט דער איבערצײַגנדיקער קראַפט פון וואָרט, פילפאַרביקייט פון בילד און דעם שאַרפזיניקן אַרײַנבליק אין דער שעפערישער פּערזענ־לעכקייט פון דיכטער. „סוצקעווער, זאָגט ער, איז אָפט מאָל אומ־קלאָר, אָבער ס׳איז נאָר אין פלוג אַזוי, ווײַל אין דער אמתן איז פאַראַן אין זײַן וואָרט די קלאָרקייט פון אַ דימענט, וואָס פאַרטונקלט אָפּט זײַן אייגן בלענדיק ליכט, כּדי זײַן שטראַלנדיקער שײַן זאָל אונדז אויפגיין דורך דער פאַרביקער פּריזמע פון שאָטן״.

סוצקעווער האָט אָנגעהויבן ווי אַ זאַרגלאָזער זינגער וואָס האָט איבערראַשט מיטן ליריזם און מוזיקאַלישקייט פון זײַן פּערז און האָט זיך דערהויבן „צו די הויכן פון אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט דורך ווערן איינער פון די בולטסטע און קלאָרסטע אויסדרוקן פון זײַן דור און פון גורל פון זײַן פאָלק״.

און סוצקעווער איז געוואָרן „אַן אַנטפּלעקער און פאַראייבי־קער״ פון דעם גרויסן נס פון יידישן רענעסאַנס אויפן באָדן פון מדינת ישראל. דער דיכטער פון דער „יידישער גאַס״ פון דער חרוב געוואָרענער ווילנע, איז געוואָרן דער דיכטער פון אויפגייענדיקן לעבן אויף דער ערד פון די אָבות „וווּ יעדעס שטיינדל איז אַ זכר פון די זיידעס און יעדער בוים גרינט מיט אָנזאָג פאַר די קינדער״. ער האָט אין ישראלדיקן פּײַזאַזש אַרײַנגעבלאָזן אַ רוח החיים פון ראָמאַנטישן חן.

„אין פּרדס פון יידיש״ איז פול מיט זאַפטיקע פּירות, אַן עץ־הדעת פון גן־עדן, אין גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור.

„מיט ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד“

ווענן דער רוסישער רעוואָלוציע איז שוין זיבער פאַרגאַסן געוואָרן אַ ים מיט טינט, און די רעוואָלוציע אַליין — אַן אָקעאַן מיט בלוט. אָבער אין דער דאָזיקער בלוטיקער עפּאָפּייע זענען פאַראַן ווייניק ביכער ווי יאַנאַסאָוויטשעס „מיט יידישע שרײַבערס אין רוסלאַנד“, וואָס שילדערט מיט אַזאַ איבערצײַגנדיקער קראַפט דעם שווידער פון דער באָלשעוויסטישער אַכזריות, און דעם חורבן פון דעם דאָרטיקן ייִדישן לעבן. ער טוט עס דורך דער שילדערונג פון זעקס פּערסאָנאַזשן — זעקס גרויסע ייִדישע שרײַבערס — וועלכע האָבן געגעבן דער רעוואָלוציע דאָס בעסטע וואָס זיי פאַר־מאָגן, און די רעוואָלוציע האָט בײַ זיי צוגענומען דאָס לעבן. ס׳איז אַ פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג אין לעבן פון יחידים, דורך וועלכע עס דערשײַנט די טראַגיק פון מיליאָנען מענטשן, פון צענדליקער פעלקערשאַפטן, די טראַגישסטע פון וועלכע זענען געווען און גע־בליבן ביז הײַנט — די ייִדן.

אין זײַן פאָרוואָרט צום בוך וואָרנט דער מחבר מען זאָל נישט זוכן אין זײַן ווערק קיין ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, ווײַל פונקט ווי ס׳איז נישט מעגלעך אָפּצושאַצן די גראַציע פון אַ באַלעט־טענצער מיט געפּענטעטע הענט און פיס, „אַזוי איז נישט מעגלעך צו שרײַבן קיין ליטעראַטור־קריטיק וועגן שעפערס, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון טעראָר, אונטער דעם דיקטאַט פון שווינדל און ליגן, און זענען נישט פרײַ געווען אַרויס־צוזאָגן דאָס וואָס זיי האָבן אין דער אמתן געטראַכט און געפילט“. דער לענינים איז אַן אידעע פון אַבסאָלוטן דעספּאָטיזם פון אַ קאַסטע „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן“, און אָט די אידעע האָט סטאַלין פאַרווירקלעכט אין לעבן. אונטער זײַן ממשלה האָט גע־הערשט אַן אַטמאָספער פון אומגעצוימטן טעראָר אין לאַנד, וואָס האָט פאַרוואַנדלט סאָוועט־רוסלאַנד אין אַ תּפיסה, און יעדן ביר־גער אין אַן אַרעסטאַנט אונטער דער שמירה פון גרויזאַמע וועכ־

טער, וואָס האָבן ווי בייזע שפּירהינט געהאַלטן אויפן אויג יעדן מענטשן.

אין אַזאַ דערדריקנדיקער פּאַטאָלאָגישער אַטמאָספער פון פער־מאַנענטן פחד פאַרן בייַנאַכטיקן קלאַפּ אין טיר, זענען פאַרקרימט געוואָרן די מעשים פון מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט פריַי אויסדריקן זייערע געדאַנקען און געפילן, און האָבן געמוזט אָנטאָן אַ מאַסקע אויף צו קאָנען עקזיסטירן און זיכערן דאָס לעבן פון זייערע משפחות. ווייַל דער רויטער טעראָר האָט געהאַט אַ טבע אויסצורייַסן די „קראַמאָלע" — די קעגנערס — מיטן וואָרצל, עס זאָל נישט בלייַבן קיין זכר און קיין נוקם פון די אַלע אויף וועמען ס'איז נאָר געפאַלן אַ חשד אין אומטרייַקייט צום רעזשים. יאַנאַסאָ־וויטש האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן חוש, און איז אַרייַנ־געדרונגען אין דער נשמה פון זייַנע העלדן, און זיי געוויזן אין זייער טראַגישן געראַנגל פאַרן לעבן, פאַרן טעגלעכן „פּאַיאָק", וואָס האָט זיי אויך אָפט מאָל געשטעלט אין טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס פון אויסגאַנגסלאָזער פאַרצווייפלונג.

פאַר אַ שלעכט וואָרט אויפן רעזשים גייט מען אין סיביר, און מיט רעדן צו פיל גוטס דאַרף מען אויך זייַן פאָרזיכטיק, אָבער גאַנץ אָפט האָט אויך די פאָרזיכטיקייט נישט געהאָלפן. אַז די נקוו״ד האָט געדאַרפט האָט זי געשלאָגן דווקא די פאָרזיכטיקע. „סאַמאָסטראַ־כאָוושיקי" האָט מען זיי גערופן, עס הייסט אַזעלכע וואָס פאַר־סטראַכירן זיך מיט זייער שווייַגן, און אויב זיי סטראַכירן זיך איז אַ סימן, אַז ערגעץ ווו האָבן זיי נישט קיין גוטע כוונות. „רוסלאַנד, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, איז דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט (די סאַטעליטן אַרייַנגערעכנט) ווו מען אַרעסטירט און מען פאַרשיקט מענטשן קיין סיביר צוליב אַ חשד, אַז זיי האָבן „שלעכטע כוונות". ווי מען זאָל זיך נישט פירן, וועט מען פון סיביר זיך נישט אויסהיטן. דאָרט דאַרף מען האָבן קוילנגרעבערס, מינען־אַרבעטערס, האָלץ־העקערס. האָט מען קיין מאָל נישט געוווּסט ווי צו האַנדלען „איז מען צעטומלט". דער טעראָר האָט געשאַפן אין פאָלק אַ מין מאַסן־פּסיכאָז, וואָס האָט פאַרמינערט זייער גייַסטיקע אָריענטאַציע, זייער זעלבסט־זיכערקייט, זייער גראָדן שכל.

*

און יאַנאַסאָוויטש באַמערקט ריכטיק: „אין דעם דאָזיקן צו־שטאַנד פון מאַסן־קאָנפוזיע זענען די מאַכטהאָבערס געווען פאַר־אינטערעסירט. אַ זיכערער און רויקער מענטש קאָן זיך אַ מאָל בונטעווען, אַן אומזיכערער, אַ צעטומלטער, אַ דערשלאָגענער — נישט. דאָס דאָזיקע פסיכישע געזעץ האָבן די נקוו״ד־פסיכאָלאָגן גוט אויסגעשטודירט און אים אָנגעווענדט אויף די בירגער פון לאַנד.

אַרויסגייענדיק פון זייַן מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט לענין געפּסקנט, אַז יידן זענען נישט קיין פאָלק ווייַל זיי האָבן נישט קיין טעריטאָריע. דעריבער דאַרפן זיי זיך אַסימילירן מיט די טערי־טאָריעלע פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. און כאָטש דער פאַקט, וואָס יידן האָבן אין פאַרלויף פון צוויי טויזנט יאָר אויפגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט אָן אַ טעריטאָריע לייקנט אָפּ דעם מאַטעריאַליסטישן פּרינציפּ, האָבן דאָך סטאַלין און זייַנע נאָכפאָל־גערס באַשטימט די לעניניסטישע אידעע צו פאַרווירקלעכן אין לעבן און האָבן געזוכט פיזיש און גייַסטיק צו דערשטיקן יעדן סימן פון אַ נאַציאָנאַל יידיש לעבן. זיי האָבן היטלערס גענאָסיד אויסגענוצט פאַר זייערע צוועקן — צו וואָס דאַרפט איר שולן, האָבן זייערע וואָרטזאָגערס געטענהט, צייַטונגען און פּאַפּיר אויף ביכער, אַז איר זענט דאָך שוין אַזוי ווייניק געבליבן ?... און מען האָט פאַרגעזעצט דעם גענאָסיד וועלכן די נאַציס האָבן אָנגעהויבן. די פּליטים פון רוסלאַנד, אוקראַינע, און אַנדערע לענדער, האָט מען נאָך דער מלחמה צוריקגעפירט אין זייערע היימען, נאָר די יידן האָבן זיי געזוכט צו פאַרהאַלטן אין סיביר און מיטל־אַזיע. און די יידן וואָס האָבן באַוויזן זיך דורכצורייַסן אין זייערע אַלטע ווױנערטער, האָבן געטראָפן באַזעצט זייערע הייַזער...

צענדליקער פעלקערשאַפטן זענען פאַרשפּרייט איבער דער רוסישער טעריטאָריע, מיט זייערע באַזונדערע שפּראַכן, רעליגיעס און שטייגער לעבן. דאָס איז די „אַכילעס פּיאַטע״ פון רוסלאַנד, דער שוואַכסטער פּונקט, וואָס קאָן באַדראָען די איינִיקייט און גאַנצ־קייט פון לאַנד אין פאַל פון אַ מלחמה־אויסברוך. אַ פאַקט איז דער לעצטנס פאַרביסענער קאַמף פון די פּוילישע אַרבעטערס, ווו עס

זענען געשטאַנען אין קאָן נישט נאָר זייערע מאַטעריעלע אינטע־רעסן, נאָר עס האָבן אויך אַ סך צוגעשפּילט זייערע נאַציאָנאַלע סענטימענטן.

די פּאַרטיי פירט דעריבער אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר דער רוסיפיקאַציע פון די פעלקער, און אויב עס ווערן אַפילו טאָלערירט די נאַציאָנאַלע שפּראַכן ביי די טעריטאָריעלע פון זיי, ווערן אָבער די שפּראַכן ווי קליינע אויסגעדראָשן פון נאַציאָנאַלן אינהאַלט, כּדי צו שאַפן אַ פנימלאָזן מאָנאָליט פון אַ סאָוועטישער מאַסע. די פּאָליטיק האָט באַזונדערס געטראָפן די ייִדן.

✶

יאַנאַסאָוויטש האָט זייער גוט פאַרשטאַנען זיינע זעקס העלדן, און זיי געשילדערט מיט זעלטענער ליבשאַפט און פאַרערונג. אַפילו פעפערן, דעם איינגעבוירענעם פּראָלעטאַרישן פּאָעט, און שפּעטער־דיקן פּאַרטייישן טשינאָווניק, האָט ער מיטגעפילט, ווייל אויך ער האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון ייִדישן ליידן. ער הייבט אָן זיין דראַמאַטישע עפּאָפּייע, וואָס איז אַ מין פּסיכאָלאָגישע שטודיע אָדער אַ קלינישע היסטאָריע, מיטן דיכטער דוד האָפּשטיין. „וואָס מער איך האָב מיט אים פאַרבראַכט, זאָגט דער מחבר, אַלץ ווייני־קער האָב איך אים פאַרשטאַנען. און וואָס ווייניקער איך האָב אים פאַרשטאַנען, אַלץ מער האָב איך אים דערפילט און ליב באַקומען... אין רוסלאַנד איז יעדער מענטש אַ פאַרשטעלטער. ער זאָגט נישט וואָס ער טראַכט, און ער טראַכט נישט אַזוי ווי ער פילט".

דוד האָפּשטיין דאַקעגן, איז אין אַלץ געווען קינדיש־נאַיוו און אויפריכטיק. האָט ער עפּעס געזאָגט, האָט איר אויף דעם גע־קאָנט בויען אַ בריק, אין אַ שעה אַרום האָט ער געזאָגט פּונקט דאָס פאַרקערטע, זענען עס אויך געווען דברים היוצאים מן הלב. „איין מאָל האָט ער מיט באַגייסטערונג און שטאָלץ גערעדט וועגן די קיבוצים אין ישראל, און אַ צווייטן מאָל האָט ער געגאָסן פעך און שוועבל אויף די באַלעבאַטישע זינדלער, וואָס שפּילן זיך אין אוטאָ־פּישן חלוציזם".

האָפּשטיין האָט אין דער אַטמאָספער פון הערשנדיקן טעראָ־ריזם און פּחד פאַרלוירן זיין רעגירנדיקן שכל־הישר, און איז גע־

וואָרן אַ שקלאַף פון זײַנע אימפּולסיווע אויסגוסן. „ער האָט ממש געאַרבעט איבערשעהען כּדי זיך אַליין אָנמאַכן צרות״, באַמערקט דער מחבר. דאָך האָט ער אַלע מאָל געהאַט מזל, ער האָט נישט געהאַט קיין שונא צווישן די שרײַבערס, און מען האָט אים נישט געמסרט.

דער צווייטער איז געווען איציק פעפער, אַ קינד פון דער רעוואָלוציע, אַ האַדאַוואַנעק פון קאָמסאָמאָל, וואָס האָט געשריבן לײַכט־געגראַמטע לידלעך פון פּוסטע פּערזן אָן עכטן פּאָעטישן חן.

„כ׳האָב ליב דעם ים דעם גרויסן
וואָס שלאָפט ווי איך אין דרויסן,
אַ ים איז דאָך אַ ים.
זײַן רוישן און זײַן שווײַגן,
זײַן פאַלן און זײַן שטײַגן,
האָט אַ באַזונדער טעם.
כ׳האָב ליב דעם ים״.

האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט זײַן אַקטואַציע אין דער פּאַרטיי. ער האָט גדעקט זײַן מינדערווערטיקייט אין דער פּאָעזיע מיט זײַן אײַפער, איבערגעגעבנקייט און טרײַקייט דער פּאַרטיי־„ליניע״, און איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ „נאַדזיראַטעל״, ווי אַ משגיח, איבערן יידישן ליטעראַרישן צענטער אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, אין קיִעוו. געווען אין רוסלאַנד נאָך אַזעלכע צוויי ייִדישע ליטעראַרישע צענטערס, אין מינסק און אין מאָסקווע, בראש פון לעצטן עס איז געשטאַנען דער גרויסער ייִדישער דיכטער פּרץ מאַרקיש. איז במילא אויסגעקומען, אַז מאַרקיש איז געווען די צום מערסטן אָנערקענטע און באַליבטע פּערזענלעכקייט אויפן געביט פון ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

*

דער שפּאַנישער פילאָסאָף, אונאַמונאָ, האָט בײַ אַ געלעגנהייט געזאָגט: — בעסער זיך צו טרעפן מיט אַ בער אין וואַלד ווי מיט אַ טאַלאַנטלאָזן שרײַבער אין לעבן. ווי עס שײַנט, האָט ער אַליין

פאַרזוכט פון דעם ביטערן טעם. געווען דער שלימזל פון מאַרקישן און פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס אַזעלכע צוויי עקסטרעמען האָבן זיך געטראָפן אין רוסלאַנד. מאַרקישעס טאַלאַנט, זײַן אײַנפלוס און אַלגעמיינע אָנערקענונג, האָבן אָנגעצונדן אַ פײַער פון קינאה אין האַרצן פון פעפערן, און קינאה איז דער איינציקער סענטימענט אין דער מענטשלעכער פסיכיק, וואָס שאַפט דעם סם־המוות פון שנאת־חינם. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקה צווישן די צוויי ליטעראַרישע צענטערס. און דער מחבר באַמערקט: „די דאָזיקע מחלוקה האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו דער אײַנשרומפּעניש פון ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד".

ווען היטלער איז אומדערוואַרט באַפאַלן זײַן טרײַען שותּף פון ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, און די נאַצישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו מאָסקווע, איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון דער באַפעלקערונג צו פאַרטיידיקן די שטאָט. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן אויך עלטערע מיליטער־אומפּעיקע מענטשן, און גלײַך געשיקט געוואָרן אויף דער פײַער־ליניע. אַן אויסנאַם האָט מען נאָר געמאַכט פאַר שרײַבערס, וויסנשאַפטלערס, קינסטלערס און אַקטיאָרן, וועלכע זענען דורך אַ ספּעציעלן באַפעל באַפרײַט געוואָרן פון דער פליכט צו גיין אויפן פראָנט. דער באַפעל האָט אָבער געהאַט איין נישט־געשריבענעם פונקט, וואָס האָט געשטאַמט פון די צאַרישע צײַטן: „קראָמיע יעווריעוו". עס הייסט, אַז אויף די ייִדן איז דער אויסנאַם נישט גילטיק. און אין די ערשטע טעג פון קאַמף הינטער מאָסקווע זענען געפאַלן אַ סך ייִדישע שרײַבערס, צווישן זיי גאָדינער, ראָסין, ווינער, גורשטיין און נאָך אַנדערע.

דער קאַמף פון מאַרקישן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ זיג פון פעפערן. מאַרקיש איז באַזײַטיקט געוואָרן פון זײַן אַמט בראש פון דער ייִדישער סעקציע בײַם מאָסקווער שרײַבער־פאַראיין, און איציק פעפער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירערס פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט צו דערפילן זייער אַ וויכטיקע שליחות: מאָביליזירן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פון וועלט־ייִדנטום פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. מען האָט געדאַרפט שפּילן אויף דער נאַציאָנאַל־ייִדישער סטרונע און פעפער שרײַבט

אַן אַ ליד „איך בין אַ ייִד". צוזאַמען מיט מיכאַעלסן האָט ער באַזוכט די פּאַראַייניקטע שטאַטן, און דאָס לעבן פון די ייִדן אין דער פריַיער וועלט האָט אַריַינגעבראַכט אַ ניַיעם טאָן אין זיַין געמיט, וועלכן דער מחבר אילוסטרירט מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן דיאַלאָג:

— אין פאַרגליַיך מיט קיִעוו איז מאָסקווע איצט אַן עיר ואם בישראל, האָט געזאָגט נאָטע לוריע, אַ ייִדישער שריַיבער פון קיִעוו.

— איי, נאָטע, נאָטע, וואָס ריַיסט איר זיך אַלע אַזוי אַהער? גלייב מיר, כ'וואָלט אָוועקגעגעבן כ'ווייס אַליין נישט וואָס, פאַר איין באַרדיטשעווער גאַס... פאַר יענער גאַס, ווו מיר האָבן אַ מאָל גע־לייענט אונדזערע זאַכן פאַר די קאָמסאָמאָלישע ייִנגלעך און מייד־לעך...

— די קאָמסאָמאָלישע ייִנגלעך און מיידלעך פון באַרדיטשעוו האָט היטלער אויסגעהרגעט, און די וואָס זענען געבליבן לעבן, גיט מען נישט צו לייענען קיין זאַך פון ייִדישע שריַיבערס, האָט לוריע טרויעריק געענטפערט...

דעם לעצטן פונק געפיל אין דער נאָסטאַלגיע פון די אַמאָליקע „קאָמסאָמאָלישע יאָרן" האָט אויסגעלאָשן די „פאָטערלעכע מלח־מה", וועלכע איז אין רוסלאַנד געפירט געוואָרן אונטערן אַלטן צאַרישן לאָזונג: „ספּאַסאַי ראָסיו" — ראַטעווע רוסלאַנד, און די אָנגעזאַמלטע גוייִשע שינאה צום סאָוועטישן רעזשים האָט אויפגע־וועקט אין זכרון דעם ערשטן טייל פון פּסוק: „בעי זשידאָוו" — שלאָג די ייִדן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשידענע פאַרפאָל־גונגען און דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן. מען האָט צוריקגעקומענע ייִדן פון דער עוואַקואַציע נישט אַריַינגעלאָזן אין זייערע דירות, מען האָט ייִדישע סטודענטן נישט אָנגענומען אין פאַרשידענע פאַקול־טעטן, עס זענען דערשינען אַנטיסעמיטישע שריפטן. דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט ווערט באַלאַגערט פון ייִדישע דעלעגאַציעס און יחידים, וועלכע זענען געקומען פון פאַרשידענע שטעט צו בעטן שוץ און אינטערווענץ ביַי דער מאַכט, אָבער דער קאָמיטעט איז געווען אומבאַהאָלפן.

✶

ווי אַ פּוילישער בירגער האָט יאַנאַסאָוויטש נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד קיין פוילן. פאַרן אַרויספאָר איז ער אַרויף זיך געזעגענען מיט פעפערן, און האָט נאָך דעם זיך געלאָזט גיין צו דער רעדאַקציע פון „איינִיקייט״ זיך געזעגענען מיט די דאָרטיקע שרײַבערס. פעפער האָט אים באַגלייט. זיי האָבן נישט באַוויזן צו מאַכן עטלעכע טריט, ווי די סעקרעטאַרשע האָט אים גערופן: — ח׳ פעפער, אַ טעלעפאָן צו אײַך! ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווער איז?

— אַנדרעי מאַקסימיטש...

„דערהערנדיק דעם נאָמען האָט פעפערס פּנים מיט אַ מאָל זיך געביטן. ער האָט גענומען גיין צוריק אַראָפּ. אָפּגייענדיק אַ פּאָר טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ בלאַסן שמייכל געזאָגט:

— נו, פאָרט לחיים ולשלום... איך האָב געוואָלט מיט אײַך אַרויפגיין צו ייִדן. נאָר איר זעט דאָך, די גויִם רופן צוריק אַראָפּ״...

ווי באַוווּסט, איז פעפער אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ייִדישע שרײַבערס, און צוזאַמען מיט דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

און דער מחבר פאַרענדיקט די אָפּהאַנדלונג וועגן פעפערן מיט די ווערטער: „כ׳האָב געוואָלט אַרויפגיין צו ייִדן, נאָר די גויִם רופן צוריק אַראָפּ״ — די דאָזיקע ווערטער זײַנע קלינגען נאָך אין מײַנע אויערן, און איך באַגרײַף וואָס אַ מאָל מער זייער סימבאָלישן זין, בעת איך טראַכט וועגן קרבן פון סאָוועטישן לעבן און סאָוועטישן טויט — איציק פעפער״.

דאָס איז אַ גרויסער ליטעראַרישער סטיל, וואָס ווײַזט דעם תּמצית פו לעבן און סינטעטיזירט אין קינסטלערישע אימאַזשן די דראַמע פון דער ייִדישער עקזיסטענץ אין דער סאָוועטישער אימפּעריע, די לײַדן פון די פעלקער וואָס באַוווינען איר טעריטאָריע, און די געפאַר פון די פרײַע לענדער, וועלכע ווערן באַדראָעט דורך אַ מערדערישן רעזשים וואָס שטרעבט צו באַהערשן די וועלט.

די רעוואָלוציע פּרעסט אויף אירע קינדער

אין די זעקס פּערסאָנאַזשן, וועלכע יאַנאַסאָוויטש האָט אויסגעקליבן אויף צו אילוסטרירן די דראַמע פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד, זענען פאַרקערפּערט די צום מערסטן כאַראַקטעריסטישע אַספּעקטן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, די אידעישע שטרעמונגען און פּערזענלעכע אַפעקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם סאָוועטישן מענטשן. איציק פּעפּער איז געווען אַ כיטראַק, אַ „צופּאַסלער", וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו די מאַכטהאָבערס, און וואָס האָט געליטן פון אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס ווי אַ שוואַכער פּאָעט, וועלכן ער האָט געדעקט מיט דער גבורה און מאַכט פון אַ נאַטשאַלניק. דאָס „פינטעלע ייד" האָט זיך אין אים דערוועקט, ווען דער רויטער סערפּ און האַמער, מיט וועלכן ער האָט אַ גאַנץ לעבן געפּאַכעט איבערן קאָפּ פון אַנדערע, האָט זיך אויך דראָענדיק אַראָפּגעלאָזן אויף זיין קאָפּ.

דאַקעגן, לייב קוויטקאָ, ווי אַן עכטער און הויך־טאַלענטירטער פּאָעט, איז געווען אַן איש־תּמים. ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין זיינע קינדער־לידער, וועלכע זענען איבערזעצט געוואָרן אין אַלע סאָוועטישע שפּראַכן, און עפּעס אַ תּמימותדיק־קינדישע נאַיוויטעט איז געווען פאַרבאָרגן אין זיין כאַראַקטער. באַרוישט פון דער רעוואָלוציע, איז ער געווען אַן אויפריכטיקער אָנהענגער פון קאָמוניסטישן רעזשים. ער איז געווען פאַרגלייבט, אַז דער רויטער שטערן פון מאָסקווע וועט ברענגען די ישועה פאַר דער וועלט און אויך פאַרן יידישן פאָלק.

קוויטקאָ איז געווען אַ סאָוועטישער חסיד, נישט דערפאַר ווייל ער האָט געוואָלט ביי עמעצן נושא־חן זיין, נאָר ווייל דער סאָוועטישער רעזשים האָט ביי אים נושא־חן געווען. פון דער נאַטור אַן אָפּטימיסט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים, האָט ער אַרויסגערופן צו זיך צוטרוי. אַ צופרידענער מענטש וועט זיך נישט בונטעווען, און יאַנאַסאָוויטש מאַכט דערביי אַ פילזאָגנדיקע דיסגרעסיע: „דערפאַר האָט מען דאָרט אַזוי פיינט געהאַט די אַלערליי קאָמו־

ניסטישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע היימלענדער און זוכן שוץ אין רוסלאַנד. די דאָזיקע בונטאַרן, וואָס זייער אומרויקער כאַראַקטער האָט זיי געטריבן צו רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, זענען אויך אין רוסלאַנד באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אומזי־כערער עלעמענט, און זייער סוף איז געווען: מאַסנהאַפטע ליקווי־דאַציע אין די קעלערן פון דער געהיים־פּאָליציי, אָדער אין די אַרבעטס־לאַגערן פון סיביר".

און מען זאָל נישט מיינען, חלילה, אַז לייב קוויטקאָ איז געווען אַ נאַר, אַ לײַכטזיניקער, וואָס אים גייט גאָרנישט אָן, זאָגט דער מחבר: „דאָס איז ער בשום־אופן נישט געווען. ער איז געווען אַ קלוגער מענטש, און אַ גוטער מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך האַרץ פאַר יענעמס לײַדן. ער איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אַ סך בטחונדיקער אמונה, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן... אַ שמח בחלקו, אַ בר־מזל, וואָס זײַן מזל איז געווען זײַן אייגענער כאַראַקטער".

*

און יאַנאַסאָוויטש מאַכט אַ פּסיכאָאַנאַליטישע עקסקורסיע אין דער ספּערע פון אומבאַוווסטזײַן און זאָגט, אַז לייב קוויטקאָ האָט נישט דערזען דעם אמת פון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט, ווײַל אין זײַן אונטערבאַוווסטזײַן האָט ער אים אויפגענומען ווי אַן אימ־פּעראַטיוו, ווי אַן אויסדרוק פון אַ העכערער גערעכטיקייט. באַגינ־סטיקט דורך זײַן כאַראַקטער און אינסטינקט צו לעבן בשלום מיט זיך און מיט דער וועלט, האָט די טענדענץ אין די העכערע שטאָקן פון באַוווסטזײַן פאַרמירט דעם געדאַנק, אַז די לײַדן פון הײַנט זענען אַן אומפאַרמײַדלעכער קרבן פאַר דער צוקונפטיקער גערעכ־טער אָרדענונג.

יאַנאַסאָוויטש דערמאָנט די שווערע טעג פון יאָר 1942, ווען מיליאָנען מענטשן זענען געלאָפן טויזנטער קילאָמעטערס אין בהלה פאַרן דײַטש, און דער דײַטש האָט זיי אָן אויפהער נאָכגעיאָגט. אָט שטייט ער שוין בײַ די ברעגן פון קאַספּישן ים, נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און ער וועט אויסשפּרייטן זײַן פינצטערע מאַכט איבער

דער ווייטער אַזיע, וווּהין דער ביטערער גורל האָט זיי פאַרטראָגן. פון דאָרט איז שוין נישטאָ וווּהין צו לויפן. מענטשן זענען געווען פאַרצווייפלט, נאָר קוויטקאָ האָט נישט פאַרלוירן זײַן גײַסטיקן גלײַכגעוויכט — איר וועט זען, קינדער, עס וועט זײַן וווּל, פלעגט ער זאָגן. „אַן אַנדערן וואָלטן מיר צעריסן אויף שטיקער פאַר אַזאַ קאַזיאָנעם אָפּטימיזם", זאָגט דער מחבר. קוויטקאָן האָט מען אָבער מוחל געווען. מען האָט געוווּסט אַז ער איז אויפריכטיק, און כאָטש ער האָט קיינעם נישט איבערצײַגט, האָבן אָבער זײַנע ווערטער געטרייסט, באַרויקט און געמונטערט. עס איז גוט געווען צו וויסן, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן מיט אַזאַ טיפער אמונה אינעם גוטן. צום גליק איז ער דעמאָלט מיט זײַן אמונה געווען גערעכט. „דאָרט האָט מען דער שלאַנג געשפּאָלטן איר גיפטיקן קאָפּ".

*

קורץ נאָכן שליסן דעם טרויעריק באַרימטן ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, האָבן די צוויי שותּפים לדעה זיך אײַנגעטיילט מיט פּוילן און ביאַליסטאָק, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט פיל הונדערטער יידישע פּליטים פון פּוילן — צווישן זיי אַן ערך צוויי הונדערט יידישע שרײַבערס — האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון סאָוועטישן רעזשים. די ערשטע מאָנאַטן האָט מען אין שטאָט דערלויבט אַ מאַסן־קולטור־אַרבעט אויף יידיש, דאָס וואָס איז שוין געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מען האָט אויף אַ „פריקאַז" פון אויבן אָנגעהויבן „גלײַכשאַלטן" אויך די „באַפרײַטע סאָוועטישע געביטן", פאַרמאַכט יידישע שולן, פאַרבאָטן אונטערנעמונגען פון מאַסאָוון קולטור־כאַראַקטער, און אויך דורכגעפירט אַ „טשיסטקע" אין דער יידישער שרײַבער־משפּחה. די באַזײַטיקטע האָבן פאַרלוירן זייער וווינרעכט אין שטאָט, און געמוזט זיך באַזעצן אין די אַרומיקע פּראָווינץ־שטעטלער, ווו זיי זענען אומגעקומען ווען דער דײַטש איז באַפאַלן זײַן געוועזענעם שותּף. פון ביאַליסטאָק האָבן די יידישע פּליטים פון פּוילן באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן אין דער טיף פון דעם לאַנד און נאָך דעם אין צענטראַל־אַזיע.

„קנאַפּע צוויי יאָר, זאָגט דער מחבר, האָב מיר אין רוסלאַנד געמוזט האַלטן פאַרשטשעמעט די ציין און נישט געטאָרט אויס־שרייַען אונדזער ווייטיק און אונדזער צאָרן, איבער די מעשים פון די נאַציס אין פּוילן. עס איז דאָך געווען די צייַט פון דעם היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך, ווען יעדעס וואָרט, יעדער רמז וועגן די גרויליקע מעשים איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און האָט נישט געטאָרט גע־דאַכט ווערן".

פון ביאַליסטאָק האָבן זיך אַ גרופּע יידישע פּליטים פון פּוילן עוואַקוּירט קיין נאָוואָזיבירסק, אַ שטעטל בײַ דעם טײַך וואָלגע, ווי עס שייַנט, האָבן דאָרט געלעבט פאַרמעגלעכע פּויערים, „קולאַקעס", וועלכע מען האָט בעת דער קאָלעקטיוויזאַציע מאַסנווײַז ליקווידירט אָדער פאַרשיקט אין סיביר. „נישט געווען דאָרט קיין איין שטוב, זאָגט דער מחבר, פון וועלכער מען זאָל נישט האָבן אַרויסגענומען קיין מענטש אויף פאַרשיקונג". אַרום שטעטל האָבן זיך געשפּרייט פרוכטיקע פעלדער פון ווייץ, אָבער די שפּע איז נישט געווען פאַר דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געאַרבעט אין די קאָלעקטיוון און קאָלכאָזן, „און האָט פאַר איר פּראַצע באַקומען אַ נישטיקן לוין, פאַר וועלכן מען האָט גאָרנישט געקאָנט קויפן".

„מיט יידישע שרייַבערס אין רוסלאַנד" איז עפּעס מער ווי אַן אויטענטיש בילד פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט פון אייינעם, וואָס האָט פאַרזוכט איר ביטערן טעם און קאָן דעם פּייַן נישט פאַרגעסן. ס'איז אַ מייַסטערווערק פון אַן אַלזייַטיקן שעפער, וואָס איז אַ כּל־יכול אין אַלע קונסטן פון וואָרט, און שילדערט אַ ברייטע פּאַנאָראַמע מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן בליק, און ווייַזט אונדז די פאַרבאָרגענע אונטערערדישע קרעפטן, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דאָס לעבן פון צענדליקער פעלקער, וועלכע באַוווינען די רוסישע טעריטאָריע, און מער פון אַלע פאַראורזאַכט די טראַגיק פון יידישן לעבן אויף דער סאָוועטישער ערד.

יאַנאַסאָוויטש איז אַ נאַראַטאָר וואָס פאַרפּישופּט דעם לייענער מיט דעם סיפּור־המעשה, און זייַן פּובליציסטיק לייענט זיך ווי אַ נאָוועלע, ווי אַ פאַרכאַפּנדיקער ראָמאַן, און אין זייַנע דערציילונגען איז פאַרקערפּערט די לעבנס־חכמה און די לאָגיק פון אַ פּובליציסט, מיט דער וואָרט־מייַסטערשאַפט פון אַ פּאָעט. ס'איז דעריבער באַ־

לערנדיק יעדער פֿאַקט וועלכן ער דערציילט, וואָס העלפֿט אונדז אַרײַנבליקן אין די סאַמע פֿאַרטײַעטע ווינקלען פֿון סאָוועטישן לעבן און פֿאַרשטיין דאָס טײַוולאָנישע שפּיל פֿון אירע הערשערס.

פֿון נאָוואָזיבסק איז מען ווײַטער געלאָפֿן פֿון די אוואַנסירנדי־קע דײַטשע חילות. דער דערנער־וועג האָט געפֿירט קיין אַלמאַ אַטאַ, די הויפּטשטאָט פֿון קאַזאַכסטאַן, אין צענטראַל־אַזיע, נאָענט פֿון דער כינעזישער גרענעץ. קאַזאַכסטאַן איז אַן „אויטאָנאָמע" סאָ־וועטישע רעפּובליק, און דאָ האָבן די יידישע שרײַבערס־פּליטים פֿאַרזוכט דעם ביטערן טעם פֿון קאַזאַכסטאַנישן אַנטיסעמיטיזם. מען האָט זיי יעדע פֿאַר וואָכן געשניטן דעם „פּאַיאָק", דאָס רעכט אויף אַ שטיקל ברויט און אַ פּאָר קאַרטאָפֿל. לייב קוויטקאָ, וואָס איז געווען אַ גרויסע פֿיגור אין דער סאָוועטישער שרײַבער־וועלט, האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר זיי, אָבער עס האָט קיין סך נישט געהאָלפֿן, „און אים אַליין האָט די דאָזיקע אײַנשטעלעניש געבראַכט גרויסן שאָדן".

אויך צו די רוסישע שרײַבערס־פּליטים האָבן די קאַזאַכסטאַ־נער לכתּחילה זיך באַצויגן מיט טיפֿער שינאה. אָבער די „פּראַוודאַ" איז דערשינען מיט אַ לײַט־אַרטיקל וואָס האָט זיי געוואָרנט קעגן דער באַצִיונג. די באַצִיונג האָט זיך דעריבער גלײַך געענדערט. געבליבן זענען די דיסקרימינאַציעס נאָר קעגן די יידן. פֿאַר זיי האָט קיינער זיך נישט אָנגענומען.

„דער אמת איז, זאָגט דער מחבר, אַז די שינאה צו אונדז מצד די קאַזאַכאַסטאַנער שרײַבערס איז געווען אַן אָפֿן אַנטיסעמיטישע און זי איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, שטאַרק אונטער־געהאַלטן געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי רוסישע פּאַרטיי־טוער אין די העכערע אינסטאַנצן פֿון לאַנד. די דאָזיקע פּאַרטיי־טוערס האָבן גוט געשפּירט די פֿײַנטלעכע געפֿילן פֿון די קאַזאַכסטאַנער שרײַ־בערס און פֿון קאַזאַכסטאַנער פֿאָלק צו די רוסן, וועלכע האָבן געזען אין דעם רוס דעם הערשער איבער זייער לאַנד, וואָס צווינגט אַרויף זײַן שפּראַך און קולטור אויף דער באַפֿעלקערונג. האָט די פּאַרטיי געלאָזט אויסגיסן דעם קאַזאַכסטאַנער צאָרן אויף די יידן.

קוויטקאָ האָט זיך געראַטעוועט פֿון תּפֿיסה אין קאַזאַכסטאַן ממש על־פּי נס. שפּעטער, אין מאָסקווע, האָט ער געפּרוּווט פֿאַר־

געסן זיַינע איבערלעבונגען אין אַלמאַ אַטאַ צוליב דעם איַינשטעלן זיך פֿאַר די יידישע שריַיבערס — וואָס צוליב דעם איז ער באַשול־דיקט געוואָרן אין נאַציאָנאַליזם. דער דאָזיקער „חטא" איז אָבער פֿאַרשריבן געוואָרן אין די נקוו"ד־אַרכיוון און די אַקטן פֿון די אַרכיוון האָבן פֿון קאַזאַכסטאַן געוואַנדערט קיין מאָסקווע און זיי האָבן געשפּילט אַ טרויעריקע ראָל אין די יאָרן 1948—1952, ווען קוויטקאָ איז אַרעסטירט און אומגעבראַכט געוואָרן.

און יאַנאַסאָוויטש פֿאַרענדיקט זיַין אָפּהאַנדלונג וועגן לייב קוויטקאָ מיט די ווערטער: „אויב אַזאַ ווי קוויטקאָ האָט געמוזט געוואָרפֿן ווערן אין פּיסק פֿון דעם מולך, איז עס פֿאַר דער קרעמל־דעספּאָטיע גאָרנישט קיין גוטער סימן. עס איז אַ סימן אַז דאָרט האָט גענומען הערשן אַ דור פֿון כּולו־חייב, און די הערשאַפֿט פֿון כּולו־חייב איז אויך אַן אָנזאָג אויף גאולה, אַן אָנזאָג, אַז די וועלט פֿון דעם דאָזיקן קאָשמאַר וועט אויסגעלייזט ווערן, הגם נישט אָן בלוט און נישט אָן טרערן".

אַ שריַיבער וואָס איז געגאַנגען קעגן שטראָם

אין זיַינע שאַפֿונגען פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט זיך פֿאַרנומען דער נסתּר (פּסעוודאָנים פֿון פּנחס קאַהאַנאָוויטש) מיט זאַכן „העכער פֿון דער ערד", מיט מיסטישע און פֿאַלקסטימלעכע מעשהלעך און דערציילונגען דורכגעדרונגען מיט קבלה און חסידות. אַ טיילוויַיזער אויסנאַם איז זיַין ווערק „דריַי הויפּטשטעט", וואָס איז שוין געשריבן מער רעאַליסטיש און באַזונדערס זיַין היסטאָרישער ראָמאַן וועגן די 70ער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט „די משפּחה מאַשבער", איינס פֿון די באַדיַיטנדיקסטע פּראָזע־ווערק פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

אין דעם ראָמאַן פֿירט ער אַרויס אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, באַזונדערס בראַצלאַווער חסידים, וועלכע ער שילדערט מיט האַר־ציקער וואַרעמקייט און אהבת ישראל. נאָך דער מלחמה האָט ער געמאַכט אַ ריַיזע קיין בירָאבידזשאַן, און געשיקט פֿון דאָרט באַ־גיַיסטערטע רעפּאָרטאַזשן.

דער נסתּר איז געווען כּמעט דער איינציקער סאָוועטישער שרײַבער, וואָס האָט די פּאַרצײַטיקע יידישקייט געבענטשט, כּאָטש אין פּאָרוואָרט, און אין ערשטן קאַפּיטל פון זײַן בוך „די משפּחה מאַשבער" האָט ער אָנגעהויבן שעלטן. שעלטן די ענגהאַרציקייט פון די גבירים, קעגן וועלכע ער האָט אָבער אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען אַרויסגעשטעלט די מאָראַלישע רײַכקייט פון די פריילע־כע קבצנים. ער אידעאַליזירט נישט די אָרעמקייט, נאָר מאָלט מיט טיפער סימפּאַטיע די אָרעמע לײַט וואָס זענען רײַך אין גײַסט, אין מענטשלעכקייט, אין חברשאַפט. ער האָט געמוזט אין אַרײַנפיר שאַפן אַן אַטמאָספער פון „קלאַסנקאַמף" אויף צו געבן דעם היסטאָרישן ראַמאַן אַן אויסדרוק פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם", דער איינ־ציקער וואָס איז געווען דערלויבט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

יאַנאַסאָוויטש דערציילט אַז דער נסתּר האָט געגעבן אָנצוהערן אַז... מען האָט אַרײַנגעפּירט אין זײַן ווערק אַזעלכע שטעלן, וועל־כע זענען אים דערווידער. אָבער אַן דעם וואָלט דאָס בוך נישט געדרוקט געוואָרן. ער האָט מסכּים געווען קעגן זײַן ווילן, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז דאָס ווערק זײַנס איז ווערט דעם קרבן. חוץ לזה דאַרף מען געדענקען, אַז דאָס נישט איינגיין אויף דעם קרבן איז געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַרבאָט עס צו דרוקן און דאָס פאַרבאָטן עס צו דרוקן איז געווען פאַרבונדן מיט דער געפאַר אַרײַנצופאַלן אין אומחן און אומצוטרוי אין די אָפיציעלע קרײַזן, וואָס האָבן געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף יעדן איינעם פון די וואָרטזאָגער אין דעם ליטעראַרישן וועלטל, די „אינזשעניערן פון די נשמות", ווי מען האָט זיי פײַערלעך באַצייכנט. און רוסלאַנד דאַרף האָבן געהאָרכזאַמע נשמות, און דער עיקר — ריין רוסישע נשמות, אָן יעדן צומיש פון פרעמדע נאַציאָנאַלע סענטימענטן. פאַר דעם מינדסטן חשד אין „נאַציאָנאַליזם" אָדער „שאָוויניזם" האָט מען זיך געזעגן מיט די ווײַסע בערן. בלויז איין שאָוויניזם איז געווען דערלויבט און פלײַסיק קולטיווירט — דער רוסישער.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז די פּילפּאַרביקע מאָזאַיִק פון די צענדליקער פעלקערשאַפטן, וואָס באַווױנען די רוסישע אימ־פּעריע, איז דער שוואַכסטער פּונקט אין דער רוסישער מלחמה־סטראַטעגיע, וואָס שטעלט אין געפאַר איר איינִיקייט און אַנטשלאָסנ־

קייט אין פאַל פון אַ מלחמה־אויסברוך. די סאָוועטישע עקספּאַנסיע איז נישט אויסן צו באַפרײַען דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט און די אונטערדריקטע פעלקער, נאָר זיכערן איר וועלט־הערשאַפט, וואָס איז אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס האָבן טיפע היסטאָרישע וואָרצלען אין דער נשמה פון רוסישן פאָלק. די צווייטע וועלט־מלחמה איז געפירט געוואָרן, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אונטערן לאָזונג: „ראַטעווע רוסלאַנד“, און אין פיל פאַלן איז אויך צוגעגעבן געוואָרן — בעת דער מלחמה און נאָך איר, אָפן און באַהאַלטן — די צווייטע העלפט פון פסוק: „און שלאָג די יידן!“.

✶

גאַנץ אַנדערע געפילן באַהערשן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און די סאַטעליטן. אַ בײַשפּיל פון דעם זענען די אויפשטאַנדן אין אונגאַרן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, און שפּעטער אין פוילן. „מיט יידישע שרײַבערס אין רוסלאַנד“ פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, איז אַ היסטאָרישער און קינסטלערישער דאָקומענט פון דער רוסישער „גלײַכשאַלטונג“ און פון יידישן קאַמף אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע יידישע אידענטיטעט. דער שטראָם פון דער רוסיפיקאַציע און פון פּערזאָנען־קולט איז געוואָרן די עיקרדיקע טרײַבקראַפט אין דער אינערלעכער רוסישער פּאָליטיק, וואָס האָט געשאַפן אַ דערדריקנדיקע פּאַראַנאָישע אַטמאָספער, וואָס האָט אַראָפּגעפירט מענטשן, אויב נישט פון זינען, איז פון דרך־הישר.

נאָר דער נסתּר האָט אויף קיין מאָמענט נישט פאַרלוירן זײַן גײַסטיקן גלײַכגעוויכט, און נישט זײַן יידישן גלויבן און בטחון. ער איז אַנטשלאָסן געגאַנגען קעגן שטראָם. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע יידיש־סאָוועטישע שרײַבערס, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, „מיט זײַן קאָנען זיך אָפּזאָגן פון דעם סאָוועטישן עולם־הזה, און אַפילו מיט זײַן קאָנען מוותּר און מבטל זײַן די שרײַבערישע דערפאָלגן, נאָך וועלכע עס האָבן זיך אַזוי געיאָגט אַנדערע יידישע ליטעראַטור־שעפערס אין רוסלאַנד. און צווייטנס, ער האָט מער ווי וועלכער נישט איז אַנדערער יידישער שרײַבער אויסגעוויטיקט אין זיך די טראַגעדיע פון יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד... דערבײַ האָט

ער אויך געהאַט דעם מוט — אַ זייער זעלטענעם אין רוסלאַנד — צו מאַניפעסטירן עס אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט געמוזט אַרויס־רופן באַוואונדערונג און אויך רעספּעקט״, און אין די שרײַבער־קרײַזן האָט מען בפה אחד וועגן אים געזאָגט:

— דער נסתּר איז אַ טײַערער ייד, אַ צדיק...

דער דאָזיקער כּוח פון דעם נסתּר זיך אָפּצוזאָגן פון דער סאָוועטישער עולם־הזה, איז געווען זייער גוט באַקאַנט צו אַלע יידישע שרײַבערס. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער נסתּר האָט יאָרן־לאַנג געהונגערט, געוווינט אין אַ קבר־דירה און קוים זיך געציילט צווישן דער סאָוועטישער שרײַבער־מחנה. ער איז בײַגעשטאַנען דעם יצר־הרע פון וועלן באַקומען שרײַבערישן רום. ער האָט פאַרדינט זײַן אָרעמע אויסקומעניש מיט איבערזעצונגען. און האָט דאָך זיך נישט געבויגן, און קיין מאָל נישט געפּרוּווט זיך אײַנקויפן אין יחוס בײַ די דאָזיקע, אין וועמענס הענט עס זענען געלעגן אַלע שליסלען צו די אוצרות פון דעם לעבנס־גליק אין סאָוועט־רוסלאַנד.

ער האָט נישט פאַרקויפט זײַן יידישן געוויסן, און נישט פאַר־ראַטן זײַן איבערגעגעבנקייט צום געליטענעם יידישן פאָלק. ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער וועלט, וועלכע עס האָבן באַהערשט די שונאי־ישראל.

און יאַנאַסאָוויטש מאַכט אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז נישט נאָר פון דער נסתּר־פערזענלעכקייט, נאָר ער דעקט אויך אויף די פאַרבאָרגענישן פון דעם טײַוולאָנישן סאָוועטישן מעכאַניזם, „וואָס האָט אויסגעליידיקט דאָס יידישע שעפערישע לעבן פון יעדן עכטן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און מען האָט צוגענומען בײַ דער יידישער קולטור אַ גוטע העלפט פון איר לאַקנדיקן כּוח. דערנאָך האָט מען די כוואַליע פון דער אַסימילאַציע, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אָט דער „אויסליידיקונג״, אויסגענוצט ווי אַ מאָטיוו אויף צו באַגרענעצן די יידישע שעפערישקייט. און אַז די יידישע שרײַבערס האָבן זיך דערנאָך געקלאָגט, האָט מען די אַקטיווע קלאָגערס ליקווי־דירט און די איבערגעבליבענע האָט מען געזאָגט: — וואָס ווילט איר? יידן אַליין ווילן אײַך נישט, זיי ווילן נישט הערן אײַערע רעדעס, און זיי לייענען נישט אײַערע שרײַבעכצן. זיי פאַרשטייען נישט קיין יידיש...

אַז מען האָט אַ מאָל אין מאָסקווע געמאַכט אַ יידיש־ליטעראַרישן אָוונט, האָט מען נישט געהאַט ווי מודיע זײַן די מאָסקווער יידן. זענען געקומען ווייניק מענטשן. האָט מען אין די הויכע פענצטער געטענהט: צו וואָס דאַרפט איר ליטעראַרישע אָוונטן, אַז יידן קומען סײַ ווי נישט? און פירן אַן אויפקלערונג וועגן דער נייטיקייט צו דערהאַלטן די יידישע קולטור איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, דאָס איז געווען „שאָוויניזם" פאַר וועלכן מען איז געגאַנגען אין סיביר און „אויב נישט נאָך ווײַטער".

*

אַ יידישע צײַטונג האָט נישט באַקומען גענוג פאַפּיר אויף צו באַפרידיקן די נאָכפראַגע, און די פאַרשפּרייטונג פון יידישע ביכער איז געלעגן אין די הענט פון די מלוכהשע פאַרשפּרייט־שטעלעס, האָבן זיי שוין געוווּסט צו שיקן יידישע ביכער אין די ערטער ווו קיין יידן זענען נישט געווען, און אין די ערטער ווו עס האָבן געלעבט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן האָט מען קיין נײַ יידיש בוך נישט געקאָנט קריגן.

דער נסתּר האָט די יידישע טראַגעדיע אין רוסלאַנד באַנומען אַ סך טיפער און זי אויך איבערגעלעבט פײַנלעכער. פאַר אים איז עס געווען נישט נאָר אַן אונטערגאַנג פון יידיש, נאָר פון יידישקייט, און נישט נאָר פון יידישער ליטעראַטור — נאָר פון יידישן פאָלק. „הונדערטער, טויזנטער יידן, האָט ער דערציילט, זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר צוליב זייער אמונה, צוליב זייער סענטימענט פאַר ישראל און סימפּאַטיע פאַרן ציוניזם... יידן זענען די איינציקע אומה אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם טעראָר און זענען נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג זיך מוסר־נפש פאַר יידישקייט, און שטעלן אײַן דאָס לעבן פאַר זייער דת"...

דער נסתּר האָט זיך אַנטוויקלט אין דער וועלטלעכער יידישקייט, און האָט נישט געגלייבט אַז זי קאָן פאַרזיכערן דעם יידישן המשך. דאַקעגן די רעליגיעזע יידישקייט האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ווידער־שטאַנד־קראַפט, אַ סימן — זי שטעלט זיך אַנטקעגן אַזאַ מעכטיקן כּוח ווי דאָס איז די גרויזאַמקייט פון סאָוועטישן רעזשים. ער האָט

דעריבער אָנגענומען באהבה די גזירה ביראָבידזשאַן. „די גוייִשע בײַטש, פלעגט ער זאָגן, איז אַלע מאָל געווען אַ הילף פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקס־דויער. אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט וועט אויך זײַן אַ ייִדיש לעבן״. דעריבער איז ער געפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן, און האָט פֿון דאָרט געשריבן „באַגײַסטערטע רעפּאָרטאַזשן״.

אָבער די אילוזיע ביראָבידזשאַן איז געווען נישט מער ווי אַ סאָוועטישער בלאָף, אַ פֿאַרבלענדעניש. עס לעבט דאָרט אַ מער־הייט פֿון פֿאַרשידענע אַזיאַטישע פֿעלקערשאַפֿטן, בראש מיט אַ געזינדל סאָוועטישע טשינאָווניקעס, און נישט מער ווי פֿופֿצן טויזנט ייִדן. די הערשנדיקע שפּראַך איז רוסיש. עס דערשײַנט אַ ייִדישע צײַטונג „דער ביראָבידזשאַנער שטערן״, וואָס איז אַ גענויע קאָפּיע פֿון אַ רוסישער צײַטשריפֿט, מיטן זעלבן נוסח און מיטן זעלבן שקר ווי די צײַטשריפֿטן פֿון די אַרומיקע שכנים די קירגיזן, קאַזאַכסטאַנער און קאַלמיקן.

מען האָט דאָס ייִדישע לעבן אָפּגעשניטן פֿון די ייִדישע גײַסט־קוואַלן און פֿון דער ייִדישער וועלט מחוץ רוסלאַנד. האָט דער נסתּר יאָרן לאַנג געשוויגן, נישט גענומען קיין פֿעדער אין האַנט, און ווען ער האָט זיך יאָ געזעצט צום שרײַבטיש האָט ער אויסגע־דריקט די בענקשאַפֿט צו דער ייִדישקייט פֿון די אַמאָליקע צײַטן, צו אַ פּולן נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן. דאָס האָט נישט דערזען די ליכטיקע שײַן, וועגן דעם האָט מען אין רוסלאַנד נישט געטאָרט שרײַבן, און אַפֿילו נישט טראַכטן. דער נסתּר איז אָבער אומדער־שראָקן געגאַנגען קעגן שטראָם, און האָט אויסגעדריקט דאָס וואָס בײַ ייִדן איז געלעגן טיף פֿאַרבאָרגן אין האַרצן. דערפֿאַר האָט מען אים פֿאַרערט און ליב געהאַט, און ער האָט אַזוי געלעבט „און דער־לעבט די ליקווידאַציע פֿון יאָר 1948, אין וועלכער ער איז אומגע־קומען פֿאַרן חטא צו זײַן אַ ייִד, אַ ייִדישער שרײַבער, אַ קרבן פֿון ייִדישקייט.

„אַ שרײַבער וואָס איז געגאַנגען אין שפּאַן"

דוד בערגעלסאָן האָט אין יאָר 1921 פאַרלאָזט סאָוועט־רוסלאַנד און האָט זיך באַזעצט אין בערלין. האָט נאָך דעם געמאַכט אַ לענגערן טור איבער די ישובים פון רומעניע אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט „אָרט", און ס'איז אים אין פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין זײַן שטעלונג צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, און ער ווײַזט אַרויס זײַן גרייטקייט צו גיין **אין שפּאַן** פון דער ראַטנמאַכט. ער גיט אַרויס אַ חודש־זשורנאַל „אין שפּאַן" (1926) פון וועלכן עס זענען דערשינען צוויי נומערן, און דער נאָמען כאַראַקטעריזירט צום בעסטן דעם געמיט־צושטאַנד פון שרײַבער און זײַן פאַרוואַנדלונג, וואָס האָט אין זײַן אומבאַוווּסטזײַן דעם "שפּאַן"־געפיל ווי **אַ יאָך**, און באַוווּסטזיניק דעם יאָך פאַרלייקנט פאַר זיך און פאַר אַלע אַנדערע.

ער פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד, ווערט אַ מיטאַרבעטער אין די קאָמוניסטישע צײַטשריפטן, און דעקלאַרירט פײַערלעך זײַן אָנערקענונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. און ער הערט נישט אויף בײַ יעדער געלעגנהייט עס דעמאָנסטראַטיוו צו פּראָקלאַמירן, כּדי צו איבערצײַגן די וועלט אין זײַן טרײַקייט צום קאָמוניסטישן רעזשים. „תּמיד האָט ער געוואָלט זײַן פרומער ווי דער פּויפּסט, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, סאָוועטישער ווי סטאַלין, און געטרײַער דער סאָוועטישער מאַכט ווי יעדער אַנדערער".

אין זײַן איבערגעטריבענער התלהבות — ווי אין דער געצוווּנגענער התלהבות פון יעדן סאָוועטישן מענטשן — איז פאַרבאָרגן די כּוונה זיך אַרויסצושטעלן פאַר אַ גרעסערן חסיד פון „ראַטן־פאַרבאַנדישן פאָטערלאַנד" און פון דער קאָמוניסטישער מאַכט. די צוהערערס האָבן אַרויסגעפילט דעם פאַלשן טאָן און אים אויפגענומען מיט פאַרדרוס, אָבער מען האָט דאָס רוב געשוויגן, ווײַל ס'איז געווען אַ געפאַר צו אָפּאָנירן.

אַ דעספּאָטישער רעזשים שאַפט אַן אַטמאָספער פון אומזיכערקייט, פון אַנגסט, פון אַ מין מאַסן־פּסיכאָז, וואָס שטעקט אַן

אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס יעדן בירגער. מען דאַרף זיך היטן מיט יעדעס וואָרט, פאַרשווייַגן וואָס מען טראַכט, און זאָגן נישט דאָס וואָס מען מיינט אין דער ווירקלעכקייט. ס׳איז אַ שיזאָ־פרעניע, וואָס שפּאַלט די פּערזענלעכקייט, און צווינגט אָנצוטאָן אַ מאַסקע פאַר מענטשן.

אין שטוב בייַ זיך איז בערגעלסאָן געווען אַ גאַנץ אַנדער מענטש, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, „אמת, ער האָט נישט אַרונטערגע־נומען פון געזיכט די אייביקע מאַסקע, וועלכע עס טראָגט יעדער סאָוועטישער שרייַבער און יעדער מענטש אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער די מאַסקע גופא איז דאָ געווען אַ שטילערע, אַן אַנגעגנעמערע, אָן די שרייַיִקע צירק־מעסיקע פאַרבן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ גייַסטיקן איבל און ווידערווילן בעת מען האָט אים באַגעגנט אין גאַס״.

*

די שיזאָפרעניע האָט געטראָגן אַ פּאַראַנאָיִשן כאַראַקטער פון אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע, וואָס האָט בייַ בערגעלסאָנען אָנגענומען אַ פּאַטאָלאָגישע פאָרעם פון אַ פּערמאַנענטער פּאַניק, וואָס האָט באַהערשט זייַן גאַנץ וועזן. יאַנאַסאָוויטש ווייַזט אַרויס אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן חוש און זאָגט: „מיר דאַכט, אַז דער הויפּט־גורם פון בערגעלסאָנס גאַסיקן, שלעכטן שפּיל, איז געווען זייַן אומגעוויינ־לעכע מורא פאַר דער סאָוועטישער מאַכט. בערגעלסאָן איז געווען אַ קלוגער ייִד, אָבער זייַן גאַנצע חכמה האָט אים נישט געקאָנט העלפן ווען ס׳איז אויף אים אָנגעפאַלן דער פּחד פאַרן סאָוועטישן „ונתנה תוקף״, וואָס פאַרשרייַבט יעדנס מעשים און באַשטימט יעדנס דאָליע״.

„דער שכל האָט געדעקט זייַן חכמה״, זאָגט אַ רוסיש שפּריכ־וואָרט, און דאָס מיינט דעם שכל וואָס שטייט קעגן איבער דער דראָענדיקער רעאַליטעט, וואָס לויערט אויף אים מיט אומצאָליקע געפאַרן, אין אָנבליק פון וועלכע עס איז אים אויסגערונען די איינ־געבוירענע חכמה, דער שכל־הישר.

אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין מאָסקווע האָבן שרייַבערס גע־לייענט זייערע ווערק, און צום סוף איז געווען אַ דיסקוסיע, מען האָט

די זאַכן אַנאַליזירט און געמישפּט, בערגעלסאָן איז געווען דער הויפּט־רעדנער. ער האָט אַלע דערציילונגען צו נישט געמאַכט, און נישט געפונען קיין גוט וואָרט פאַר קיין איינעם פון די מחברים. דערבײַ האָט ער גערעדט נישט ווי קיין שרײַבער, האָט נישט באַרירט די קינסטלערישע מעלות אָדער חסרונות פון די ווערק, נאָר ער האָט זיי געמישפּט ווי עפּעס אַ פּאָליטרוק, וואָס האָט געזוכט פּאָליטישע אויסגעהאַלטנקייט און אידעיִשע אָפּנויגן.

קורץ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רעגירונג האָט באַשטימט אָפּצוגעבן די ייִדן פון רוסלאַנד דעם האַלבאינדזל קרים, זיי זאָלן דאָרט אויפשטעלן אַן אויטאָנאָמע געגנט. די ידיעה האָט געמאַכט אַ טיפן רושם, און די שרײַבערס זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכּורט פון פרייד און זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב.

בערגעלסאָן האָט געטענהט: — נו, וואָדען? נאָר אונדזער סאָוועטישע רעגירונג וועט לייזן די ייִדן־פּראָבלעם. נאָר אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט באַלוינען די ייִדן פאַר דער געטרײַשאַפט און זיי געבן אַ סאַטיספאַקציע פאַר זייערע לײַדן אין דער מלחמה.

די שמחה האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין די הויכע פענצטער האָט מען נישט אויפגעגעבן לענינס און סטאַלינס מיינונג, אַז די ייִדן זענען נישט קיין פאָלק, און מען וועט נישט נעמען און אויפשטעלן אין רוסלאַנד אַ נײַ פאָלק, ווען פעלקערשאַפטן זענען פאַראַן אין לאַנד.

די ידיעה איז געפאַלן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, וואָס האָט ממש אַלעמען נידערשלאָגן. מען האָט נישט גערעדט, אָבער מען האָט שטילערהייט טיף געקרעכצט. ס'איז אויסגערונען אַ שיינער חלום. אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט זענען געזעסן אַ גרופּע שרײַבערס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און טרויעריקע פּנימער. אין מיטן רעדל איז געשטאַנען דוד בערגעלסאָן און מיט אַ הויך גריל־צנדיקן קול געדרשנט:

— חברים, איך האָב אײַך באַלד געזאָגט אַז ס'איז אַ פּראָוואָקאַציע. צו וואָס דאַרפן מיר אַ טעריטאָריע? דאָס איז דאָך אַן איבערבלײַבעניש פון דער בורזשואַזער פּאַלעסטינע־טעאָריע! אונדז, ייִדן, איז גוט אין רוסלאַנד, דאָרט וווּ מיר זענען... איר שטעלט זיך

פאַר וואָס עס וואָלט זיך געטאָן, ווען די פעלקער פון ראַטן־פאַר־באַנד דערוויסן זיך אַז מען גיט אָפּ די יידן קרים? עס וואָלט דאָך געוועז אייל אויף די רעדער פון אַנטיסעמיטיזם...

דער עולם האָט אים מער נישט געוואָלט הערן, און מען האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם זאַל...

„פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענטש, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, וואָס האָט אויסגעזען זייער טראַגיש, אָבער איך האָב גיך דערזען, אַז זײַן טראַגעדיע באַשטייט אין דעם וואָס ער וויל זי באַהאַלטן אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן, אַז ער ווערט דורך דעם קאָמיש, לעכערלעך און נעבעכדיק... צענדליקער מאָל האָב איך נאָך דעם געזען בערגעלסאָנען אין אַזעלכע טראַגיקאָמישע סיטואַציעס".

אָבער זײַנע קאַזיאָנע רעדעס, וואָס זענען אַזוי נישט צום האַרצן געווען די יידישע צוהערערס, האָבן, ווי עס שײַנט, אויך נישט איבערצײַגט די אָפיציעלע מאַכטהאָבערס. ווען מען האָט אין יאָר 1940 געשיקט פון מאָסקווע אַ דעלעגאַציע שרײַבערס אין ביאַלי־סטאָק, האָט מען בערגעלסאָנען נישט דערלויבט צו פאָרן. פון אַמע־ריקע האָט מען אים פאַרבעטן ער זאָל קומען אַהין אין די אינטערעסן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, אָבער די מאַכט האָט זײַן קאַנדי־דאַטור נישט באַשטעטיקט.

*

דוד בערגעלסאָן האָט געהערט צו די אָנגעזעענסטע יידישע שרײַבערס אין רוסלאַנד, צו גלײַך מיט פּרץ מאַרקישן, קוויטקאָ, האָפשטיינען אָדער פעפערן. אָבער זיי אַלע האָבן באַקומען אָרדענס, מלוכהשע אויסצייכענונגען, בערגעלסאָנען האָט די מאַכט פאַרזען צו גלײַך מיט דעם נסתר. אָבער דער נסתר האָט זיך פון דעם נישט געמאַכט קיין ווען, דאַקעגן בערגעלסאָנען האָט עס פאַרביטערט דאָס לעבן.

און מען האָט אים קיין אָרדען נישט געגעבן, ווײַל מען האָט אים נישט געהאַלטן פאַר קיין כשרן מענטשן. מען האָט נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי, ווײַל ער האָט געוואָלט זײַן צו פיל כשר. ער האָט מיט זײַן אײַפער און מיט זײַן איבערגעטריבנקייט אַרויסגע־רופן צו זיך חשד און אומגלויבן.

ביז דער רעוואָלוציע איז בערגעלסאָן געווען איינער פון אונ־דזערע בעסטע פּראָזאַיקערס, וואָס האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט אַ גאַנצער ריי ווערק פון גרויסן קינסטלערישן ווערט. ער האָט אין ראָמאַנען און נאָוועלן איבערהויפּט געשילדערט דעם אונטערגייענדיקן (און אין דער רעוואָלוציע שוין אונטערגע־גאַנגענעם) באַלעבאַטיש־נגידישן לעבנס־שטייגער פון דער אוקראַי־ניש־ייִדישער שטאָט און שטעטל. ער האָט מיט גרויס קינסטלערי־שער קראַפט געבראַכט צום אויסדרוק די שטימונגען און איבער־לעבונגען פון די איינזאַמע נשמות, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.

נאָך דער רעוואָלוציע האָט די קינסטלערישע אינטויציע אים פאַרפירט אויף די וועגן, וועלכע ער איז געגאַנגען אין זײַנע עקזאַל־טירטע פּראָ־סאָוועטישע דרשות. ער האָט באַזונדערס עקספּלואַטירט די טעמע פון פעלקער־פרײַנדשאַפט אין רוסלאַנד, אַ זאַך וואָס האָט נישט עקזיסטירט און וואָס קאָן נישט געדייען אין דער גוואַלדזאַמער רוסיפיקאַציע פון די פילצאָליקע פעלקער, וואָס באַוווינען די סאָווע־טישע טעריטאָריע. אויף דעם שקר האָט זיך קאָנצענטרירט בערגעל־סאָנס קינסטלערישע אויפמערקזאַמקייט.

„בערגעלסאָן איז געווען, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, איינער פון די קליגסטע ייִדישע שרײַבערס. אָבער זײַן גאַנצע חכמה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן אין רוסלאַנד, דערהויפּט אין די לעצטע יאָרן. דאָרט האָט ער אַפילו בײַם שרײַבטיש זיך אויפגעפירט ווי אַ נאַר". — ניין, ער איז נישט געווען קיין נאַר! ער איז געווען מער פון אַלע אַנדערע ייִדישע שרײַבערס אָנגעשטעקט מיטן פּסיכאָז, מיטן פּחד, וועלכן עס האָט געשאַפן דער דעספּאָטישער רעזשים, די „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור", וועלכע ער האָט אַזוי באַזונגען.

אין יאָר 1949 איז בערגעלסאָן אַרעסטירט און פאַרשיקט גע־וואָרן. און אין יאָר 1952 איז ער צוזאַמען מיט פיל אַנדערע ייִדישע שרײַבערס אומגעבראַכט געוואָרן אויפן דירעקטן באַפעל פון דעם פון וועלכן ער האָט דערוואַרט אַ סטאַלין־אָרדען.

פּרץ מאַרקיש, איינער פון די אנוסים אין דער סאָוועטישער אינקוויזיציע

אנוסים אָדער מאַראַנען הייסן די ייִדן, וועלכע די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט געצוווּנגען צום שמד, האָבן זיי לפּנים אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, אָבער געבליבן טרײַ דער ייִדישער אמונה און מיט מסירת־נפש אָפּגעהיט ייִדישקייט. אַנדערע האָבן שטום אויסגעטראָגן די דראַמע אין האַרצן, אָבער זיי האָבן זייערע ייִדישע געפילן נישט פאַרראַטן, און אין דער שטיל געזוכט אַ אויסדרוק פאַר זייער אויסגעוויטיקט ייִדיש וואָרט, ריזיקירנדיק דערבײַ מיטן לעבן. צו דעם מין מאַראַנען האָט געהערט פּרץ מאַרקיש.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די סאָוועטישע מאַכט אָנגעהויבן איר לאַנג־געפּלאַנטן און דורך לענינען טעאָרעטיש־באַגרינדעטן גײַסטיקן גענאָסיד פון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. דאָס איז אַ הויפּט־פּרינציפּ אין דער אינערלעכער סאָוועטישער פּאָליטיק, וואָס זוכט צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע קולטורן פון די סאָוועטישע פעלקער, און געבן אַלע יוונים איין פּנים. זענען די ייִדן געווען די ערשטע קרבנות פון דער רוסישער „גלײַכשטאַלטונג".

דערציילט יצחק יאַנאַסאָוויטש אין זײַן „מיט ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד", אַז ער איז געזעסן מיט אַ גרופּע שרײַבערס אין דעם פאַרלאַג „עמעס" און מען האָט גערעדט „וועגן דער אייביקער טעמע: ווען וועלן שוין אין רוסלאַנד קאָנען דערשײַנען ייִדישע ביכער?" די טעמע איז באַזונדערס אַ פּײַנלעכע, ווײַל אין גאַנץ רוסלאַנד זענען מער נישט געווען קיין ייִדישע דרוקערײַען. אַלע באַמיִונגען אויפצושטעלן אַ ייִדישע דרוקערײַ האָבן זיך נישט אײַנגעגעבן, ווײַל די מאַכט איז געווען פאַראינטערעסירט אַז ייִדיש זאָל מער נישט געדאַכט ווערן אין דער סאָוועטישער אימפּעריע.

פון אַמעריקע האָט מען צוגעשיקט אַ ייִדישן לינאָטיפּ, האָט מען אים אַרײַנגעשטעלט אין דער צײַטונג „איזוועסטיאַ" און מען

זעצט דאָרט בלויז די „אייניקייט״, וואָס דערשײַנט איין מאָל אין וואָך. און זעצט מען שוין יאָ אַ מאָל אויס אַ יידיש ביכל, מוז מען וואַרטן לאַנגע חדשים ביז אַ וועלכע נישט איז רוסישע דרוקערײַ זאָל זיך דערבאַרעמען און אָפּדרוקן די מאַטריצירטע בויגנס.

„זיצט מען און מען רעדט וועגן דעם דאָזיקן ענין און הגם מען דערגרעדט נישט ביזן סוף, ווייסט יעדער איינער פּאַר וואָס דעם גרויסן ראַטן־פֿאַרבאַנד פֿעלן אויס דאָס ביסל נישטיקע מיטלען אויף אויפֿצושטעלן אַ יידישע דרוקערײַ... פֿון דעם דאָזיקן באַהאַלטענעם נישט־אַרויסגעזאָגטן וויסן איז יעדן איינעם געננוג אַנגעזאַלצן אויף דער נשמה״...

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אין יאָר 1948 זענען לויט אַן אוקאַז פֿון אויבן ליקווידירט געוואָרן אַלע יידישע קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. אַ העסלעכע כוואַליע פֿון אָפֿענער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע האָט פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד, און העצע־אַרטיקלען האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען אין אָפֿיציעלע צײַטונגען, אין מיליאָנען ביכער און בראָשורן. סטאַלין האָט באַשטימט פֿאַרזעצן די היטלעריסטישע יידן־אויסראָטונג, און דער ערשטער קרבן איז געווען שלמה מיכאָעלס, דער געניאַלער קינסטלער און פּרעזידענט פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. דער מיניסטאָרן־ראָט פֿון ווײַסרוסלאַנד האָט אים אַרויסגערופֿן קיין מינסק און דאָרט האָט מען אים פֿאַרפֿײַניקט...

*

דאָס פֿאָלק האָט דערפֿילט דעם גרויסן אומגליק, און נישט קוקנדיק אויף גאַנץ אָפֿענע וואָרענונגען פֿון דער מאַכט, האָט די גראַנדיעזע לוויה זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ סטיכישן מאַסן־פּראָטעסט. פּרץ מאַרקיש האָט געהאַט דעם גרויסן מוט אויסצודריקן דעם יידישן צער איבער די היטלער־ און סטאַלין־קרבנות אין זײַן אויסגעבלוטיקטן הספּד „ש. מיכאָעלסן — אַ נר־תּמיד בײַם אָרון״:

עס שטראָמט דער טרויער, שטומערהייט ער מאָנט,
אַרום דעם האַרץ פֿון גאַנצן פֿאָלק דײַן בראָך אַדורך איז!

ס׳באַערן אין די קבֿרים דיך מיט אויפשטיין זעקס מיליאָן,
ווי דו האָסט זיי מיט אומפאַלן באַערט אויף מינסקער חורבות.

שטאָלץ טײַטלט ער דראָענדיק מיטן פינגער אויף די מערדערס, וואָס טענהן אַז מיכאַעלס האָט געליטן „אַן אַקצידענט״ — שעם זיך נישט מיט דײַן צעבלוטיקטן פּנים, זאָגט ער צום קרבן, „זאָל די אייביקייט זיך שעמען!״, זאָלן זיך שעמען די מערדערס פֿאַר דעם אומזיסט פֿאַרגאָסענעם בלוט.

פּרץ מאַרקיש האָט געהערט צו אַ דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט שווערע יאָרן פֿון נויט, וואָגל און וואַנדער, פֿון אַכזריותן וואָס ער האָט זיך אָנגעזען, פֿון חורבן וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט, און פֿון בירגערקריג בעת דער רעוואָלוציע. געבוירן אין יאָר 1895 איז ער מאָביליזירט געוואָרן בעת דעם ערשטן וועלטקריג און פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט.

זײַן פּאָגראָם-פּאָעמע „די קופּע״ איז דערשינען מיט אַ ווידמונג „נאָך אײַך הרוגים פֿון אוקראַיִנע, ווי פֿול מיט אײַך די ערד איז, און אויך נאָך אײַך, געשאָכטענע אין ,קופּע׳ אין האָראָדישטש דער שטאָט בײַם דניעפּער — אַ קדיש!״. ער האָט דורך דער פּאָעזיע פֿון לעסטערונג, דורך פֿאַרשוועכונג פֿון אַלע הייליקייטן, געפּרוּווט אויסדריקן די גאַנצע שאַנד און פּײַן פֿון די שווידערלעכע שחיטות פֿון די ווײַסגוואַרדיִשע באַנדעס.

איז פּרץ מאַרקיש געוואָרן אַ באַגײַסטערטער באַזינגער פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס וועט ברענגען די ישועה פֿאַר אַלע אונטערדריקטע און אויך פֿאַרן יידישן פֿאָלק. געבוירן אין אַ טראַדיציאָנעלער היים, איז ער פֿאַרבליבן טרײַ זײַן אָפּשטאַם. דער פֿאָטער אַ ייִד אַ למדן און לערנער האָט געגעבן אַ יידישע דערציונג זײַן געראָטענעם זון, וואָס האָט געלערנט אין חדר, פֿאַר זיך אין בית-מדרש און ווי אַן עקסטערן אין אָדעס.

ער האָט אין דער יידישער ליריק אַרײַנגעבלאָזן דעם גײַסט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט צעשטערט אַלע אַלטע פֿאָרמען און באַגריפֿן, און האָט דערוועקט נבֿיאישע האָפֿענונגען. אָבער ווי אַ ייִד און ווי אַן עכטער קינסטלער, איז אין זײַן ליד

געקומען צום אויסדרוק די טרויעריקע וואָר, און דער ביטערער געפיל פון צווייפל און אַנטוישונג:

„פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ ווו מיר דאַכט זיך,
זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּיַין"...

אומעטום, אין דער גראַנדיעזער עפּאָפּעע „מלחמה", אין „טראָט פון דורות" און אַנדערע, בויערט ער אָן אויפהער די פראַגע, וואָס רײַסט זיך אַרויס ווי אַ קרעכץ וואָס צערײַסט די נשמה אויף שטיקער:

„איז נישט געווען דען נײַן מאָל נאַכט,
אויף איין געדאַכטענעם באַגינען?".

פּרץ מאַרקיש האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער רעוואָלוציע, אָבער אומגעבראַכט האָט מען אים אין דער מאַסן־שחיטה פון יאָר 1952, ווײַל ער איז געווען און פאַרבליבן אַ ייִד, וואָס האָט ווי אַ מאַראַן אויסגעווייטיקט די טראַגיק פון ייִדישן פאָלק אויף דער רוסישער ערד. אַ דיכטער מיט אַ גרויס ייִדיש האַרץ, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן „ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין".

✶

אין יאָר 1944 האָט מאַרקיש רעדאַקטירט אַ זאַמלבוך „צום זיג". ער האָט דאָרט אַ פּאָעמע „דער כירורג". אַ ייִדישער מעדיקער פירט זײַן דרײַצן־יאָריקן זון, דעם איינציקן וואָס איז אים געבליבן פון דער משפחה. דאָס ייִנגל טראָגט אַ פידעלע, און גייט מיטן פאָטער דעם לעצטן גאַנג, אונטער דער שמירה פון פיר־פּיסיקע און צוויי־פּיסיקע הינט. דער טאַטע שטילט אײַן דעם אומרו פון יונגן פידלער, און זאָגט אים:

„שפּיל, קינד מײַנס, שפּיל,
אויב אַפילו בלײַבן איין ייִד אויף דער ערד,
וועט זײַן אַ פאָלק און עס וועט בלײַבן לעבן,

שפּיל, קינד מײַנס, שפּיל,
געמונטערט אים האָט ער,
ביז ביידע האָבן זיי אין גרוב אַ פאַל געגעבן...״

יאַנאַסאָוויטש דערציילט:

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע פּליטים, פאַר זייער אָפּפאָר קיין פּוילן, האָט פּרץ מאַרקיש זיך געזעגנט מיט די ווערטער: „עס זענען נישטאָ קיין צוויי יידישע פעלקער. עס איז דאָ איין יידיש פאָלק. פּונקט ווי מען קאָן נישט צעטיילן און צעשנײַדן אַ האַרץ, אַזוי קאָן מען נישט צעשנײַדן דאָס יידישע פאָלק אויף פּוילישע יידן און אויף רוסישע יידן. מיר זענען אומעטום איינס און וועלן פאַרבלײַבן איינס. מיר וועלן לעבן היטלערן אויף צו להכעיס״.

דאָס איז געווען אַ געפערלעכער „אָפּנויג״ פון לענינס און סטאַלינס תורה, פאַר וועלכן מען האָט געקאָנט זיך זען מיט די ווײַסע בערן. זיי האָבן געלערנט אַז דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט נישט, דערפאַר דאַרפן די יידן זיך אַסימילירן מיט די טעריטאָריעלע פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. די גאַנצע סאָוועטישע פּאָליטיק קעגן דער יידישער קולטור און קעגן יידישן פאָלקס־לעבן איז געווען געבויט אויף דער דאָזיקער טעאָריע. האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך מוט אַזוי צו רעדן. און עס איז פּשוט אַ נס וואָס ס׳איז אים באַלד נישט קאַפּויער געקומען אויפן סאָוועטישן שטייגער...

אין זײַנע פּאָעטישע שורות האָט דער דיכטער געמוזט גוט זיך אויסהיטן פון קלאָר און אָפן צו זאָגן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט דאָס רעכט צו בלײַבן עקזיסטירן ווי אַ פאָלק. האָט ער דעם געדאַנק, וואָס איז אים געגאַנגען אין לעבן פאַרשלײַערט אין זיבן שלײַערן, אין אַלעגאָריעס, אין אַנוונקען, אין רמזים. ער האָט געפירט, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, אַ באַהאַלטענע מלחמה מיטן לעניניסטיש־סטאַליניס־טישן פּרינציפּ, אַז יידן זענען נישט קיין פאָלק ווײַל זיי האָבן נישט קיין טעריטאָריע.

פאַרן אָפּפאָר קיין פּוילן איז יאַנאַסאָוויטש געגאַנגען זיך גע־זעגענען מיט מאַרקישן, וועלכער איז אים געוואָרן אַזוי ליב און נאָענט בעת זײַן ווײַלן אין מאָסקווע. ער האָט אים נאָך דעם באַ־

גלייט ביזן שרײַבער־פּאַראיין. בײַ דער טיר פון בנין האָבן זיי זיך געזעגנט, זיך צעקושט, און זײַנע לעצטע ווערטער זענען געווען:

— גריסט וואַרשע. זאָלן די חורבות וואָס זענען געבליבן נאָך יידן וויסן, אַז מאַרקיש זעט זיי תּמיד פאַר די אויגן...

„מיט פײַכטע אויגן און מיט אַ געבוויגענעם קאָפּ האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען אַרויפגיין איבער די ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער ביוראָ פון שרײַבער־פּאַראיין. איך בין געבליבן אונטן און אים נאָכגעקוקט. איך האָב געזען ווי ער הייבט זיך שווער און פּאַמעלעך און נעמט אײַן יעדער טרעפּ באַזונדער... איך ווייס נישט פאַר וואָס מיר איז אין יענעם מאָמענט דורך אַן אויסטערלישער געדאַנק: אַזוי מוז אויסזען אַ מענטש, וואָס שטײַגט אויף צום עשאַפאָט, אָדער צו דער תּליה"...

ס'איז אַ התגלות, אַן אַנטפּלעקונג, וואָס האָט אויפגעבליצט אין דער שעפערישער פאַנטאַזיע פון קינסטלער, וועלכער האָט אין איין אימאַזש פאַרקערפּערט דעם גורל פון מענטשן און דעם גײַסט פון אַן עפּאָכע אַ גאַנצער...

*

צו גלײַך ווי די „מלחמה טרילאָגיע" פון מענדל מאַן, האָט „מיט יידישע שרײַבערס אין רוסלאַנד" פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, אויפגעדעקט די טראַגיק פון יידישן לעבן אין דער סאָוועטישער אימפּעריע. דער ערשטער, האָט געשילדערט דעם טראַגישן גורל פון יידן אויפן פראָנט, ווו מען האָט זײַן העראָיִזם פאַרלייקנט אָדער אויסגעטײַטשט ווי פּחדנות און דער צווייטער, האָט געוויזן דעם גײַסטיקן און פיזישן גענאָסיד פון יידישן פאָלק.

ס'איז עפּעס מער ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט און ווי אַ גביית־עדות פון איינעם, וואָס האָט עס אַליין איבערגעלעבט. ס'איז אַ קינסטלערישע וויזיע פון אַן עפּאָכע, וואָס ווײַזט דעם דורכפאַל פון אַן אילוזיע וואָס האָט פאַרבלענדט מיליאָנען מענטשן, און אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע כּוונות פון דער קאָמוניסטישער ביוראָקראַטיע צו פאַראייביקן זייער דיקטאַטור, און פון רוסישן פאַנסלאַוויזם — צו באַהערשן די וועלט.

פאַר סטאַלינען, דעם גרוזין, איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען אַ מיטל אויף צו געווינען דעם צוטרוי פון רוסישן שאָוויניזם, וועלכן דאָסטאָיעווסקי האָט פאַרקערפּערט אין זײַנע ווערק. „די רוסישע נשמה, האָט ער געשריבן אין זײַן הספד פאַר פּושקינען*, דער זשעני פון רוסישן פאָלק, מאַכט אים פעיִקער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אויף אויפצונעמען די אידעע פון אייניקייט פון דער גאַנצער מענטשהייט, פון ברידערלעכער ליבשאַפט... טראַגנדיק אין זיך די קראַפט פון גײַסט און ליבע צום מענטשלעכן מין, וועלן מיר געבן אַ ריכטונג דער וועלט"...

אָבער דאָסטאָיעווסקיס פּראַוואָסלאַוונער יעזוס איז געווען אומטאָלעראַנט צו אַלע אַנדערע. ער האָט געוואָלט אונטער זײַן קרייץ די וועלט פאַראייניקן. דערפאַר אויך זײַן פאַרביסענע שינאה צו ייִדן, און זײַן עקשנותדיקער גלויבן, אַז נאָר „די קראַפט פון רוסישן גײַסט" וועט די וועלט דערלייזן.

זײַנע יורשים האָבן פאַרוואַנדלט דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַן עקספּאָרט־אַרטיקל פון זייער אויסערלעכער פּאָליטיק — אין אַנטי־ציוניזם — וואָס זוכט צו געווינען די סימפּאַטיע פון די עקסטרעמע אַראַבער, און פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער וועלט. אין דעם לינקיסטישן אַנטיסעמיטיזם איז פאַרבאָרגן די גרעסטע געפאַר פאַר ייִדן.

* ג. ס. „דער גורל פון ייִדן צווישן די אומות העולם", ז' 86.

דער ליטעראַטור-קריטיקער

די ייִדישע ליטעראַטור־קריטיק

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געקומען צום פולן אויסדרוק דער שעפערישער גײַסט פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָט דורך אַלע גלותן אויסגעטראָגן דאָס געטלעכע וואָרט פון באַרג סיני. דער עמוד האש האָט קיין מאָל נישט פאַרלאָזן דעם עם־הספר, וואָס האָט אין זײַן ערשטער פאָלקסשפּראַך געגעבן דער וועלט דעם ספר־הספרים און איז אויך מיט די ווערק פון זײַן צווייטן ייִדישן פאָלקס־לשון אַרײַן אין היכל פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

צום ערשטן מאָל איז באַערט געוואָרן מיט דער נאָבעל־פּרעמיע אַ ייִדישער שרײַבער, אָבער עס האָבן אויך זיכער פאַרדינט אַזאַ באַערונג אונדזערע קלאַסיקערס און עס זענען אויך פאַראַן ווירדיקע קאַנדידאַטן צווישן דעם ייִנגערן דור יידישע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס.

די קריטיק איז געשטאַנען אויף דער הויך פון איר שליחות און האָט מיט גרויס טאַלאַנט און וויסן באַגלייט די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אויף אַלע אירע עטאַפּן. שמואל ניגער, בעל־מחשבות, י. ראַפּאַפּאָרט, ד״ר ביקל, יעקב גלאַטשטיין און אַנדערע, האָבן אויסגעטײַטשט און אַרײַנגעפירט אין פאָלק די נאַציאָנאַלע קינסטלערישע ווערטן. אין די וועגן פון די קריטיקערס פון דעם זשאַנער גייט יצחק יאַנאַסאָוויטש.

זײַן ערשטער באַנד „פּנימער און נעמען״ נעמט אַרײַן נײַן און דרײַסיק דיכטערס, אין צווייטן באַנד זענען פּאָרטראַטן דרײַסיק פּראָזאַיִקערס. צווײ קלאַסישע ווערק וועלכע וואָלטן פאַרשאַפט כבוד יעדער ליטעראַטור און אין וועלכע יאַנאַסאָוויטש איז ממשיך מיט גרויס טאַלאַנט די אויפגאַבע פון זײַנע פאָרגייערס, און קאָמענ־

טירט איבערהויפּט די ווערק וועלכע זענען דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער נאָמען פון בוך זאָגט עדות אויף דער כּוונה פון מחבר. „פּנימער״ — נישט קיין פּאָרטרעטן פון אויסערלעכן אויסזען, נאָר בילדער וואָס ווײַזן דעם גײַסטיקן פּנים פון די מחברים, וואָס עפענען זייערע אינעווייניקסטע קוואַלן און אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע כּוחות, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויפן לעבן פון זייערע ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן. און יאַנאַסאָוויטש שילדערט מיט אַ טיפן אַרײַנבליק אין דער פּערזענלעכקייט פון די מחברים און אין זייערע ווערק.

„נעמען״ — פון ווערק וואָס זענען אַרײַן ווי אַ דויערהאַפטער קנין אין דער שאַצקאַמער פון דער יידישער ליטעראַטור. אויף זײַנע ליטעראַרישע עקסקורסיעס לאָזט ער נישט אויס קיין איין נײַ בוך, און ווו נאָר ער געפינט אַ זאַפטיקן קערן, דערוועקט זיך דער דיכטער אין אים און די קריטישע אָפּהאַנדלונג ווערט פאַר זיך אַליין אַ קינסטלערישע שאַפונג, וואָס באַצויבערט מיט דער פאָלקסטימ־לעך־פּאָעטישער שפּראַך פון אַ וויללערנער און מיט דער דיאַלעק־טישער געזעצמעסיקייט, וואָס פירט צו אַ לאָגישן סינטעז.

נאָך צוואַנציק יאָר לעבן אין אַ ווײַטער יידישער פּעריפעריע, האָט יצחק יאַנאַסאָוויטש געפונען אין ישראל אַ פּרוכטיקן באָדן פאַר זײַן שעפערישער פּערזענלעכקייט. ער איז דער רעדאַקטאָר פון „פאָלק, וועלט און מדינה״, אַ חודש־שריפט, וועלכע עס גיט אַרויס דער קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור בשותּפות מיטן קולטור־דעפּאַרטאַמענט בײַם יידישן וועלט־קאָנגרעס. אין דער שריפט פירט אָן דער רעדאַקטאָר אַ ביבליאָגראַפישע אָפּטיילונג, אין וועלכער עס ווערן אָפּגעמערקט און קריטיש באַהאַנדלט אַלע נײַ־דערשינענע ביכער און די אָפּטיילונג ווערט איבערגעדרוקט אין די יידישע און פרעמדשפּראַכיקע־יידישע צײַטשריפטן איבער דער גאָרער יידישער וועלט.

די מאָדערנע ליטעראַטור־קריטיק

באַזונדערס גײַסטרײַך און אייגנאַרטיק זענען יאַנאַסאָוויטשעס שטודיעס וועגן די אַזוי גערופֿענע דיכטערס מאָדערניסטן אין דער יידישער ליריק, די הערמעטישע פּאָעטן, וואָס אָפּערירן מיט סימ־באָלן, מיט אַנוואַנקן, מיט רמזים, וואָס לאָזן זיך אַזוי לײַכט נישט פּאַרשטיין. זיי וויקלען אײַן זייער געמיט־צושטאַנד אין אַלעגאָריעס און עס ווערט אַ חלום אויף דער וואָר, צו וועלכן דער קריטיקער געפֿינט אַ באַשייד, און ער מאַכט אויך דעם לייענער פֿאַר אַ קרי־טיקער. און דאָס איז פֿיל וויכטיקער ווי קומען מיט פֿאַרטיקע מיינונ־גען און אָפּשאַצונגען.

אין אַזעלכע אינטערפּרעטאַציעס שאַפֿט דער קריטיקער אַ ווערק, וואָס האָט זײַן אייגענעם און זעלבסטשטענדיקן קינסטלערישן ווערט, וואָס באַרײַכערט די יידישע ליטעראַטור. אין אָט דער וועלט פֿון יאַנאַסאָוויטשעס העלזעערישער קריטיק ווילן מיר אַרײַנפֿירן דעם לייענער.

ער הייבט אָן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דיכטער לייזער אייכענראַנד מיט די ווערטער: — „דער וואָס האָלט נאָך אַלץ אין לייענען פּאָעזיע בײַ דער דרדקי עברי פֿון „העמערל, העמערל, קלאַפּ!״, דעם וועט אייכענראַנדס שפּראַך, אַן אָנגעלאָדענע מיט אַ נײַער אייגנאַרטיקער סימבאָליק, אַן אָנגעלאָדענע פֿון אַ פּײַן, וואָס כּדי אים אויסצודריקן האָט מען געמוזט שאַפֿן נײַע וואָרט־בילדער און אַ נײַע קאָמבינאַציע פֿון שפּראַכלעכע אויסדרוקן, אַזאַ פּאָעטישע שפּראַך וועט פֿאַר אַ פּרימיטיוון לייענער זײַן אומפֿאַרשטענדלעך. אָבער קאָן דער דאָזיקער לייענער זײַן די מאָס פֿאַר דעם אויפֿשטײַג פֿון אונדזער פּאָעזיע אין די לעצטע צוואַנציק יאָר? קאָן דער דאָזי־קער לייענער זײַן אַ פּוסק איבער דער דיכטונג פֿון אַזאַ אייגנאַרטיקן פּאָעט ווי אייכענראַנד?״.

דער אַרײַנפֿיר אַליין איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער דיאַלעקטיק פֿון מחבר, וואָס בויט אויף לכתּחילה אַ לאָגישע קאָנסטרוקציע מיט אַ הומאָריסטישן חן־פּינטל וואָס זאָגט, אַז די פּאָעזיע האָט דורכגע־

מאַכט אַן עוואָלוציע און אויף אויסצודריקן דעם פּײַן פון די לעצטע יאָרן האָט מען געדאַרפט שאַפן נײַע וואָרט־בילדער, וועלכע זענען זייער ווײַט פון דער דרדקי־עברי, פון דער פּשטות אָדער פּשוטקייט, פון „העמערל, העמערל, קלאַפּ!".

יאַנאַסאָוויטש ציטירט אייכענראַנדן:

„עמעץ האָט די ערד
אויפגעהויבן אין אַ זיפּ,
אין אַ לעצטן זיפּ,
און אַרײַנגעוואָרפן זי
אין אַ מבול
פון אַלעמענס טויט.
קיינער באַוויינט נישט קיינעם".

ס'איז אַ וויזיע פון אַ וועלט ווו אַלץ איז אונטערגעוואָרפן דעם אומבּרחמנותדיקן געזעץ פון טויט. און „קיינער באַוויינט נישט קיינעם". דער מענטש האָט שלום געמאַכט מיטן פאַטום, ער האָט רעזיגנירט, נאָר דער דיכטער פּראָטעסטירט קעגן דעם אומרעכט, קעגן דעם גרויזאַמען גורל פון מענטשלעכן מין.

אַן ענלעכן מאָטיוו געפינען מיר בײַ דעם גרויסן טשילענער דיכטער, פּאַבלאָ נערודאַ, אויך אַ „דיכטער מאָדערניסט", וואָס האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע. בײַ אים פאַרשלינגט „די צײַט" אַלץ וואָס עקזיסטירט, זי מאַכט חרוב וועלטן און לעשט אויס דאָס לעבן. עפּעס ענלעכעס איז פאַרבאָרגן אין עלעגישן און בונטאַרישן געמיט פון ביידן. אייכענראַנד האָט דורכגעמאַכט די עפּאָכע פון לעצטן ייִדישן חורבן אין וועלכן ער האָט פאַרלוירן זײַן גאַנצע משפּחה. „האָט ער די חורבן־טראַגיק דורכגעווייטיקט און דורכגעשווידערט ווי אַ מין קאָסמישע קאַטאַסטראָפע", זאָגט יאַנאַסאָוויטש. „בײַ אים האָבן די קאַלטע, פאַרלאָשענע אויגן פון זײַן מוטער זיך אַסאָציירט מיט דעם צעפּאַל פון שטערן־וועלטן אינעם אוניווערס, און די בלייכע טויטע פינגער פון דער דערמאָרדעטער שוועסטער האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער שווידערלעכער אומגערעכטיקייט, וואָס באַהערשט דעם קאָסמאָס. האָט ער אין זײַנע לידער אויסגעדריקט דעם פּראָ־

טעסט נישט קעגן מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ חיה, נאָר אין אַ פּראָטעסט קעגן גאָט״...

נערודאַ איז געבוירן געוואָרן אין „עק וועלט״, ביים דרום־פּאָלוס, ווו זעקס מאָנאַטן אין יאָר „שלאָגט זיך אָן אויפהער דער קאַלטער רעגן מיטן פּראָסטיקן ווינט״. קורץ נאָכן געבוירן איז אים געשטאָרבן די מוטער און דער פאָטער „אַ שטרענגער און ווייטער״ איז געווען אַ זעלטענער גאַסט אין דער היים. איז דער געוויטער אים אַריין אין מאַרך פון די ביינער, און די בענקשאַפט און איינזאַמקייט האָבן אים באַגלייט אויף אַלע זיינע וועגן.

„איך בין דאָס וואָרט פון אַ טויטן פּייזאַזש,
דאָס האַרץ פון דעם פּוסטן הימל;
ווען איך גיי איבערן פעלד מיט דער נשמה אין ווינט,
רוישט אין מיינע אָדערן דער שטראָם פון די טייכן״.

זאָגט נערודאַ אין זיין „די רעזידענץ אויף דער ערד״.

אייכענראַנד ברענט צום אויסדרוק, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, „די גרויסע און אייביקע טענה פון מענטש צו גאָט, וואָס האָט געגעבן דעם בן־אָדם אַ קורץ לעבן, כּדי ער זאָל מיט זיין וואָרט אָנצינדן נאָר איין רגע געטלעכן ליכט, אָבער באַלד נאָך דעם זאָל ער אין צער צערינען, אַפילו דער שאָטן זיינער זאָל מער נישט בלייבן אין דעם דורותדיקן וואָגן פון דער צייט. קאָן דער מענטש דערמיט נישט שלום מאַכן, ווייל ער שטרעבט נאָך דויער, נאָך אייביקייט, נאָך בלייביקייט, דערפאַר ווייטיקט ער אויס זיינע תּרעומות צום באַשעפער״:

„דו האָסט מיר הייס מיט צאָרן און געבלענד
אַריינגעזעצט אין דורותדיקן וואָגן,
איך זאָל פון דיר די רגעס ווייט צעטראָגן
מיט ליכט פון גייסט, מיט פלאַמען פון די הענט,
ווו שטום עס ליגט אין אַלץ נאָך נישט דערקענט
דיין זון פון וואָרט, וואָס הערט נישט אויף צו טאָגן:

מיט שאַרף פון דײַן געבאָט זאָל איך צעשלאָגן
די ספיקות דאָרט, וואָס געציקן אויף ווענט —
ביז קאַלט וועל איך אַליין פון צער צערינען
אין פײַער־ים פון דײַן צעוויגטן וואָרט,
און בלײַבן וועט מײַן שאָטן אויף נישט דאָרט
ווי דו האָסט הייס געצונדן מײַן באַגינען,
און ווי דער בליץ, אין אויפשלאָג אינעם בלינדן,
זאָל איך פון דיר אַ רגע נאָר אָנצינדן".

דער סופּעררעאַליזם

אין דער רומפּולער פּלעיאַדע „דיכטערס מאָדערניסטן", אַזוי אין דער יידישער ווי אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, פאַרנעמט אין אויבנאָן אַן אָרט, אַברהם סוצקעווער, טייל לידער פון וועלכן זענען איבערזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן, אַפילו אין יאַפּאַניש. אָבער אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע דיכטערס, איז ער אין דער ערשטער ריי אַ געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר. נישט קיין ווירטואָז, פאַר וועלכן דער עיקר איז די טעכניק, נאָר אַ קאָמפּאָזיטאָר, די אינספּיראַציע פון וועלכן איז דער ניגון. און ס'איז שווער צו באַשטימען וואָס עס האָט אינספּירירט פריער זײַן שעפערישע פאַנטאַזיע, דער ניגון צי די פּאָעטישע אידעע? אין זײַן ליד גיסן זיך האַרמאָניש צוזאַמען ביידע עלעמענטן אין אוניסאָן פון איין זינגעוודיק־פּאָעטישער וויזיע.

ער האָט אַ צד־השווה מיט די אמתע און עכטע פּאָעטן פון אַלע צײַטן, און ווי אַ בעל־מנגן שפּילט ער אויף אַלע אינסטרומענטן. ער האָט אָנגעהויבן זײַן סיבירער בראשית מיטן פּאַרהייליקטן נוסח פון קלאַסישן ליד, און דערגרייכט אין זײַן געזאַנג־מײַסטערשאַפט אַן אומפאַרגלײַכלעכע הויך אינעם סופּעררעאַליזם — דעם איבער־רעאַליזם — ווי עס ווערט באַצייכנט דער הערמעטיזם אין דער מאָדערנער פּאָעזיע.

יצחק יאַנאַסאָוויטש זאָגט: „יעדער פּאָעט איז אַן אַנטדעקער פון לשון. סוצקעווער איז אָבער צו דער זעלביקער צײַט אַ דער־

פינדער נישט בלויז פון ווערטער, נאָר פון אויסדרוק־מיטלען. און אויסדרוק איז דאָך דאָס העכסטע צו וועלכן עס שטרעבט יעדער קינסטלער... זײַן אינערלעכע אָנלאָדונג, זײַן דורכויס אייגנאַרטיקע דיכטערישע וויזיע האָט אים געצווּנגען צו באַהערשן דאָס יִדישע וואָרט ביז מײַסטערשאַפט... סוצקעווערס געווינס פאַר אונדזער פּאָעזיע באַשטייט דערין, וואָס ער האָט אַנטדעקט נײַע קלאַנגען, דורך וועלכע ער אימאַגינירט נײַע ליניעס און פאַרבן פאַר זײַן דיכ־טערישן וועלטבילד... סוצקעווער דער מאָלער, דער סקולפּטאָר פון קלאַנג, האָט דערגרייכט ווונדער אויפן געביט פון זעעוודיק מאַכן די קולות און הערעוודיק מאַכן די פאַרבן... זײַן גרעסטע מעלה איז דאָס וואָס ער באַנײַט זיך כּסדר. און ער באַנײַט זיך כּסדר, ווײַל ער גייט מיט זײַן דור אויפן וועג פון באַנײַונג". יאַנאַסאָוויטש ברענגט ווי אַ בײַשפּיל דאָס ווײַטערדיקע ליד פון סוצקעווערן:

„מוזיק פון יסורים, ווער איז דיריגענט?
פאַר וועמעס וועגן שפּילן דאָ קרעשטשענדאָ?
צי וועלן שפּעטער אַפּלאָדירן הענט?
ווער זײַנען זיי און ווער איז דיריגענט?
איך וויל אים זען דאָ.
מען זאָגט נישט אָפּ זײַן איינציקן פאַרלאַנג,
אַ מערדער אויך, פאַרהאַקט הינטער שלעסער.
איך וויל אים זען, דעם דיריגענט שוין לאַנג,
זײַן שטעקעלע, דאָס ווייס איך, איז אַ מעסער.
און בלויז דאָס מעסער איז אַצינד רעאַל,
פאַרגאַנגענהייט — אַ שיינע זאַבאָבאָנע.
די פּנימער פון ליים אין שוואַרצן זאַל
געהערן שוין צו גאָר אַן אַנדער זאָנע.
אַפילו זי איז מער נישט זי: אַן אָפּגעשיידטער שטראַל.
איך רוף זי שוין אין האַרצן: מײַן אלמנה".

„דאָ איז קיין איין מאָל נישט דערמאָנט, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, דאָס וואָרט „שפּיטאָל", דאָס וואָרט „קראַנקייט", „אָפּעראַציע", און פון דעסטוועגן"... עס הייסט, פון דעסטוועגן איז פאַרשטענדלעך, אַז

דאָ האַנדלט זיך וועגן די מחשבות וואָס עקבערן אַ קראַנקן פאַר דער אָפּעראַציע. און מיר האַלטן פאַר נייטיק דאָ עפּעס מפרש צו זײַן. פּרשנות, אינטערפּרעטאַציע, פאַרמינערט נישט די חשיבות פון דער מאָדערנער ליטעראַטור־קריטיק. פאַרקערט, ס׳איז איר אייגנט־לעכע אויפגאַבע. רש״י, דער באַרימטער ייִדישער מפרש פון חומש און אַנדערע ספרים פון תּנ״ך און פון דער גמרא, איז געווען דער ערשטער אויסטײַטשער פון אונדזער אַלטער קלאַסישער ליטעראַ־טור. זייער אַ חשובער אור־פאָטער פון דעם ליטעראַרישן זשאַנער, וועלכן מיר רופן הײַנט ליטעראַטור־קריטיק.

אין דער סורעאַליסטישער שיטה ווערט געוויינלעך אויסגעלאָזן דער נאָמען פון אָביעקט, און עס ווערן דער עיקר געבראַכט צום אויסדרוק די געפילן, די אַנונגען, חלומות און טרוימען, וואָס לויערן אין די אונטערבאַוווסטזיניקע שיכטן. ס׳איז אַ פּאָעזיע ממעמקים, זיך אַראָפּרעדן פון דער טיפעניש פון האַרצן. די טענדענץ האָט זיך אַנטוויקלט אונטערן אײַנפלוס פון פּסיכאָאַנאַליז, וואָס זוכט צו אַנט־דעקן אין דעם רייד־מאַטעריאַל די טראַומאַס, די פּראָבלעמען, וואָס באַלאָדן מיט זאָרג און פּײַן די פּסיכיק פון מענטשן, אָדער פאַרקרי־מען זײַנע וועגן אין לעבן.

די אויבן געבראַכטע פּאָעמע איז אין דעם זין קלאַסיש. ס׳איז אַ „מוזיק פון יסורים״, דער נאָמען פון אָביעקט, פון דעם „דירי־גענט״, ווערט נישט אָנגערופן, אָבער מיר ווייסן אַז זײַן דיריגענט־שטעקעלע איז אַ „מעסער״. „פאַרגאַנגענהייט״ — עקזיסטירט שוין נישט פאַר אים, און אַפילו די פרוי רופט ער שוין אין האַרצן: „מײַן אַלמנה״.

יאַנאַסאָוויטשעס בײַטראַג פאַר דער ייִדישער פּאָעזיע איז זײַן אייגן אָריגינעל ליד, און די פּאָעטישע אינספּיראַציע האָט אים טרײַ באַגלייט אין זײַנע אָפּהאַנדלונגען פון צענדליקער ייִדישע דיכטערס, אין דער גײַסטיקער וועלט פון וועלכע ער האָט אונדז אַרײַנגעפירט.

„פנימער און נעמען״ (באַנד צוויי)

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט איז דער צווייטער באַנד אָפּגעגעבן פאַר דרײַסיק יידישע פּראָזע־שרײַבערס, וואָס זייערע ווערק זענען דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. יאַנאַסאָ־וויטש איז ממשיך די שליחות פון זײַנע פאָרגייערס אויף דעם געביט, וועלכע האָבן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה טרײַ באַגלייט די יידישע ליטעראַטור, און פיל בײַגעטראָגן פאַר איר וווּקס און אַנטוויקלונג.

שמואל ניגער האָט באַצייכנט די „עסטעטישע״ קריטיק ווי אַן איינזײַטיקע, דאָס זעלבע אויך די „פּובליציסטישע״ קריטיק. די ערשטע, האָט ער געזאָגט, פירט צו אַן אויסערלעכן פאָרמאַליזם און די צווייטע — צו „אינהאַלטיזם״, ווי ער האָט עס אָנגערופן. די קינסטלערישע קריטיק דאַרף זײַן אַ האַרמאָנישער סינטעז פון ביידן. אין פאַל פון יאַנאַסאָוויטשן דאַרף מען צוגעבן אַ דריטע דימענסיע — די פּסיכאָלאָגיש־פילאָסאָפישע, זײַן טיפער אַרײַנבליק אין כאַראַק־טער פון מענטשן און אין תּוך פון לעבן.

יאַנאַסאָוויטש איז נישט נאָר אַ פילזײַטיקער שרײַבער, ריכטי־קער — אַ פיל־זשאַנערדיקער, נאָר ער איז אויך אַ פיל־דימענסיע־דיקער שרײַבער, וואָס זוכט אין זײַן קריטישן אַנאַליז צו געבן אַן אַלזײַטיק בילד פון קינסטלערישן ווערק און ווײַזן די דינאַמיק פון לעבן.

ווי אַ ראַסאָווער פּובליציסט לעבט אין אים אַ פּובליציסטישער אינטערעס צו פּראָבלעמען און אידעען. פון דער אַנדערער זײַט, ווערן אונטער זײַן גײַסטרײַכער פעדער די פּראָבלעמען און אידעען דערהויבן צו אַ נײַער און פיל ברייטערער דימענסיע. ער אָפּערירט נישט מיט קיין אָנגענומענע כּללים, און קומט נישט צום ווערק מיט קיין פאָרויסיקע טעאָריעס, נאָר ווי „רעסעפּטיווער״, פעמענינער, אימפּרעסיאָניסט לאָזט ער זיך פירן פון אײַנדרוק, פון די געפילן און געדאַנקען, וועלכע עס האָט אין אים אַרויסגערופן די ליטעראַ־

רישע דערשײַנונג, און זוכט זי אַלזײַטיק צו אינטערפּרעטירן, װײַזן דעם תּמצית, אַנאַליזירן די פֿאָרעם און אַנטדעקן דעם תּוך, די באַװעג־קרעפֿטן פֿון דער האַנדלונג.

אַזוי זאָגט ער װעגן חיים גראַדע: „גראַדע האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו שילדערן אַ שטיק פֿון דעם געװעזענעם ייִדישן לעבן אין װילנע, אָבער פֿאַרטיפֿנדיק זיך אין די מענטשן װאָס אָט דאָס לעבן האָט אַרױסגעבראַכט, איז אים געלונגען צו געשטאַלטיקן ייִדישע העלדן, װאָס געהערן נישט בלױז יענעם לעבן, נאָר זענען אײביק און אַלזײַטיק, װײַל אײביק און אַלצײַטיק זענען אױך זײערע קאָנפֿליקטן מיט זיך אַלײן, און אײביק און אַלמענטשלעך איז אױך דער פֿאַטאַ־לער צוזאַמענשטױס מיט זײער סביבה אין װעלכער זײ עקזיסטירן — נעכטן אין װילנע, הײַנט אין ניו־יאָרק, אָדער אין בוענאָס אײַרעס און מאָרגן — װער װײסט װוּ. „די עגונה" איז אַ ראָמאַן פֿון אַ דראַמאַטישן כאַראַקטערן־קאָנפֿליקט ערגעץ אין װילנע, אָבער דער פּלאָנטער װאָס אָט דער קאָנפֿליקט פֿון לײַדנשאַפֿטן איז גורם איז אַ טײל פֿון דער טראַגיק פֿון בן־אָדם בכלל, לאו־דװקא נעכטן אין װילנע, נאָר אױך הײַנט בכל מקום שהוא". („פּנימער און נעמען", ב' 2, ז' 71).

✶

יאַנאַסאָװיטש איז סוביעקטיװ און גלײַכצײַטיק מיושבדיק, אָרי־גינעל און טיפֿזיניק. זײַן סוביעקטיװיטעט באַשטײט אין לאָזן זיך באַ־אײַנפֿלוסן; װי אַ גוטער לײענער אידענטיפֿיצירט ער זיך מיטן מחבר, און װי אַ שרײַבער האָט ער אױך עפּעס װאָס צו זאָגן אײגנס, און מאַכן אַן אױספֿיר פֿון אײַנדרוק. ער איז הײַנט דער פּראָדוקטיװסטער ייִדישער קריטיקער, װי שמואל ניגער ז"ל אין זײַן צײַט, און װאָס פּראָדוקטיװער ער װערט אַלץ טיפֿער און פֿאַרשידנאַרטיקער װערט זײַן אַרײַנבליק אין ליטעראַרישן װערק פֿון װעלכן ער באַװײַזט צו סינטעטיזירן דעם אײַנדרוק אַרום אײן צענטראַלער אַקס, װאָס כאַראַקטעריזירט די קינסטלערישע דערשײַנונג.

חיים גראַדעס ליטעראַרישער טיפּאַזש איז שטאַרק באַגרענעצט, ער גײט נישט אַרױס די ראַמען פֿון דער רעליגיעזער ייִדישער

וועלט; אָבער ער באַווײַזט דאָך די וועלט צו פּאַראַייביקן אין יידישן זכּרון און אָפּשפּיגלען אין איר די אייגנאַרטיקע שטריכן, וועלכע זענען גורלדיק אין דער יידישער נשמה און כאַראַקטעריסטיש פאַרן מענטשלעכן וועזן. זײַן גרויסער טאַלאַנט האָט איבערגעשטיגן, טראַנסצענדירט, די שמאָלע גרענעצן פון זײַן טיפּאַזשן־מיליע, און פון דער באַגרענעצטער אָבסערוואַטאָריע האָט ער אַנטדעקט דעם מענטשלעכן אוניווערס מיט זײַנע דראַמאַטישע קאָנפליקטן אין לעבן.

אזוי זאָגט יאַנאַסאָוויטש וועגן גראַדעס ראָמאַן „די עגונה״:

„גראַדע קנעט זײַנע הויפּט־געשטאַלטן פון דעם זעלביקן טייג פון וועלכן עס זענען געקנאָטן געוואָרן אַלע גרויסע העלדן אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס זענען מענטשן וואָס זענען איבער־צײַגט אין זייער אמת און אין זייער גערעכטיקייט, און דערבײַ איז יעדערער פון זיי גרייט פאַר דעם דאָזיקן אמת און גערעכטיקייט צו ברענגען פאַר אַ קרבן, סײַ יענעם, סײַ זיך. מען קאָן אַזעלכע מענטשן אָנרופן פאַנאַטיקערס, אָבער דאָס איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט וואָס קאָן זיי באַצייכענען. גיכער ווי אַלץ זענען עס מענטשן וואָס זייער כאַראַקטער דערלאָזט נישט קיין האַלבקייט, און קאָן נישט דעם טעם פון דער צינישער מהיכי־תיתידיקער פּשרה. אַזעלכע מענטשן קאָנען פאַרברענען אַ האַלבע וועלט, זיי קאָנען אָבער אויך זייערע אייגענע גלידער אַרײַנשטעקן אין פלאַם פון פײַער אויב זיי זענען איבערצײַגט, אַז דאָס וועט זיי ברענגען דערלײַטערונג״. (דאָרט, ז׳ 72).

קריטיק איז אַ קונסט־זשאַנער

ווי געזאָגט, איז יאַנאַסאָוויטש אַ „רעספּעקטיווער״ אימפּרעסיאָ־ניסט, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיטן מחבר און פאַר וועלכן עס עקזיסטירט בלויז דער אײַנדרוק, וואָס אַ ווערק לאָזט איבער אויף אים, און אין וועלכן ער האָט זיך אַרײַנגעלעבט און געמאַכט פאַר זײַן אייגנס. דאָס איז אַ מעלה אין פאַרגלײַך מיט דעם אַגרעסיווי־

מאַסקולינער קריטיקער, וואָס זוכט צו אימפּאָנירן זײַנע מיינונגען אויפֿן שרײַבער, וואָס צווינגט זיך אַרויף אויף אים אָנשטאָט צו ווערן פֿון אים באַצוווּנגען.

אמת, קריטיק איז אַ קונסט, און דער קריטיקער דאַרף האָבן אַלע פֿרײַהייטן, פּונקט ווי דאָס דאַרף האָבן דער קינסטלער. וואָס שײַך דעם „אײַנדרוק" קאָן זײַן בײַ יעדן איינעם אַן אַנדערער, און ער איז אַפֿילו אַנדערש בײַ דעם זעלביקן מענטשן אין פֿאַרשידענע צײַטן און בײַ פֿאַרשידענע שטימונגען. אָבער ס'איז פֿאַראַן אַן אינערלעכע געזעצמעסיקייט אין ווערק, וואָס פֿאַרקערפּערט די אידעען פֿון מחבר, און פֿאַרפּליכטעט דעריבער דעם קריטיקער צו אַן אינערלעכן קאָנטראָל צו בלײַבן טרײַ דעם כאַראַקטער פֿון ווערק און דער כּוונה פֿון מחבר.

אין קונסטווערק זוכן מיר נישט קיין פֿאַקטן און דרויסנדיקע אמתן, נאָר יענע ווונדערלעכע אַנטפּלעקונג פֿון מענטשלעכן גײַסט וועלכע מיר רופֿן אַן קונסט, וואָס ווישט אָפּ די גרענעצן פֿון עפּאָכעס, רײַסט אַראָפּ פֿון לעבן אַלע זײַנע מאַסקעס, און ווײַזט אונדז זײַן אמתן און זײַן אמתדיקן געזיכט. „דער אמת איז נישט דאָס, וואָס איז געשען אָדער נישט געשען, אין איינער אַ נאַכט פֿון די נעכט, דער אמת איז דאָס וואָס וועט פֿאַרבלײַבן אין מענטשלעכן זכּרון אויף אייביק", האָט געזאָגט זאב זשאַבאָטינסקי.

דער קינסטלער נעמט אויף די דערשײַנונגען פֿון לעבן, דער קריטיקער נעמט אויף די דערשײַנונגען פֿון ווערק, און אויב ער האָט טאַלאַנט ווערט ער נישט נאָר אַן אויסטײַטשער, נאָר אויך אַ מיטשאַפֿער, אַ שותּף למעשׂי־בראשית. מיט אַזאַ קריטעריום באַהאַנדלט יאַנאַסאָוויטש דעם היסטאָרישן ראָמאַן פֿון מ. צאַנין „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים". דער מחבר האָט אין זײַן ראָמאַן געצילט צו אַנטפּלעקן, זאָגט ער, „די ירושה־ווירקונג פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם אויף דעם אַקטועלן איצט, דערקענען דאָס אייביקע און דאָס אומפֿאַרענדערלעכע אין דעם גורל פֿון זײַן העלד — ישׂראל סבא, וואָס זײַן געשיכטע בילדעט דעם פֿאַבולאַרן שטאָף פֿון דעם דאָזיקן ווערק... ער שילדערט דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישׂראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, און עס איבערראַשט אונדז די ענלעכקייט צווישן דעם ווײַטן אַמאָל און דעם הײַנט. דער לעבנס־שטייגער

איז טאַקע געווען אַן אַנדערער, אָבער די גײַסטיקע שטרעמונגען און מחלוקתן, וואָס האָבן צעטײלט די דעמאָלטיקע ייִדישע געזעלשאַפט זענען די זעלבע וואָס הײַנט"... און עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז מיט דער אַנאַלאָגיע סוגערירט אונדז דער מחבר דעם געדאַנק, אַז „די סיבה פֿון כּל הסיבות איז אונדזער פֿאָלקס־כאַראַקטער, און ווי עס זעט אויס איז ער מסכּים מיט די וואָס זאָגן, אַז כאַראַקטער און גורל זענען היינו־הך, איינס און דאָס זעלבע". (דאָרט, ז' 241).

דער כאַראַקטער באַשטימט דעם גורל פֿון יחיד און פֿון כּלל

דער קינסטלער שילדערט דאָס לעבן פֿון נעכטן און פֿון הײַנט, ווי עס דיקטירט אים זײַן אינטויציע. דער קריטיקער לייענט אַרויס פֿון די שורות און פֿון די צווישן־די־שורות, וואָס עס „סוגערירט" די שילדערונג, און מאַכט אויף אַזאַ מין אופֿן דאָס ווערק ברייטער, טיפֿער און פֿולער. און אין דעם פֿאַל איז די סוגערענץ פֿון קאַפּיטאַלער באַדײַטונג, וואָס קאָן דינען ווי אַ צענטראַלע אידעע פֿון ווערק: **דער כאַראַקטער באַשטימט דעם גורל**, אַזוי אין לעבן פֿון יחיד ווי אויך אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק. דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אידענטיפֿיצירט מיט זײַן געשיכטע, עס איז פֿון איין זײַט, פֿאַרוואָרצלט אין באָדן פֿון זײַן גײַסטיקער ירושה און אין דער וויזיע פֿון ארץ־ישראל און פֿון דער צווייטער, איז עס אינערלעך צעריסן, צעפּיצלט, אין שטענדיקער מחלוקת פֿון איינעם מיטן אַנדערן. זענען ייִדן אומעטום פֿאַרבליבן „פֿרעמדע" און שוואַכע, און האָבן אומעטום אין פֿאַרלויף פֿון צוויי טויזנט יאָר אויסגעטראָגן דעם זעלביקן גורל פֿון גלות.

אָבער דער מחבר איז נישט קיין פֿאַטאַליסט, זאָגט יאַנאַסאָ־וויטש. „דאָס מערקט זיך פֿון דעם וואָרענונגס־טאָן, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון צווישן די שורות אין זײַן ראָמאַן. ריכטיק וועט זײַן צו זאָגן, אַז דער שרײַבער האָט טאַקע מכוון געווען פֿעסטצושטעלן די שאָטן־זײַטן פֿון אונדזער כאַראַקטער, אָבער ער איז אויך אויסן

געוועז צו וואָרענען פאַר די קאָנסעקווענצן, וואָס דראָען אונדז, אויב מיר וועלן דעם כאַראַקטער נישט קאָרעגירן". (דאָרט ז' 343).

דער קינסטלער דאַרף זען די רעאַליטעט אין דער טיף, און זי פאָרשטעלן אין קינסטלערישע אימאַזשן פון וואָרט, סימבאָל און בילד. אין אַזאַ גײַסט ווערט געשילדערט אין ראָמאַן די היסטאָרישעווירקלעכקייט. און עס ווערט געוויזן דער יאָך פון די גלות־באַדינגונגען, וועלכע האָבן אין יעדן דור געשטעלט פאַר שווערע נסיונות דעם ייִדן. „צאַנין געהערט צו די, זאָגט דער מחבר, וואָס פאַרמישפּט די גלות־באַדינגונגען, אָבער נישט דעם גלות־ייִדן"...

*

דאָס איז גענוג אויף זיך צו שאַפן אַ פאָרשטעלונג ווי אַזוי יאַנאַסאָוויטש דער קריטיקער באַהאַנדלט זײַנע ליטעראַרישע העלדן, און ווײַזט זײַן וועג אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער ווערט שוין מיט רעכט באַטראַכט ווי אַן אויטענטישער מורה־דרך. און אַ קריטיקער דאַרף עס זײַן. דאָס זענען געווען די קלאַסיקערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק אין אָנהויב פון אונדזער יאָר־הונדערט, וועלכע האָבן געגעבן נישט נאָר אָפּשאַצונגען פון ליטע־ראַרישע ווערק, נאָר וואָס האָבן אויך געעפנט נײַע פּערספּעקטיוון פאַר דער קינסטלערישער שאַפונג.

אַ קריטיקער פון אוניווערסאַלן שניט, אויסגעבונדן אין די שטרעמונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, האָט יאַנאַסאָוויטש מיט גרויס עלעגאַנץ און אַנאַליטישער קראַפט, אַרײַנגעפּירט דעם ייִדישן לייענער אין דער צויבערוועלט פון דער ייִדישער בעלעטריסטיק און אויך אין דער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק פון ייִדישן לעבן. דער דיכטער, פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער האָבן זיך האַרמאָניש דערגאַנצט אין זײַן שעפעריש וואָרט, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם טראַדיציאָנעלן אידעאַל פון אַ ייִדישער וועלטוויזיע.

אָבער לא אלמן ישראל. דער זשאַנער פון ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק איז בײַ אונדז, חלילה, נישט פאַרלאָזן. אין יעדער צײַט־שריפט פון ישראל און די תּפוצות דערשײַנען קריטישע אָפּשאַצונ־גען, און יעדער שרײַבער ווײַזט צו מאָל זײַן שעפערישן כוח אין

דעם זשאַנער. אַט זענען נישט לאַנג דערשינען פיר ביכער עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען אין ישראל, ניו־יאָרק און אין דער ווײַטער אויסטראַליע פון שמעון קאַנץ, חיים בעז, אליהו שולמאַן און יצחק קאַהאַן, וועלכע וואָלטן פאַרשאַפט כבוד יעדער רײַפער און רײַכער ליטעראַטור. זיכער זענען דערשינען אויך אַנדערע ביכער, וועלכע זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו מײַן ווײַטער יידישער פעריפעריע. יצחק יאַנאַסאָוויטש קולטיווירט אָבער דעם זשאַנער פון ליטעראַטור־קריטיק סיסטעמאַטיש, און לאָזט הײַנט נישט אויס קיין איין נײַ ליטעראַריש ווערק. זײַנע ערשטע צוויי ביכער „פנימער און נעמען״, און די ווײַטערדיקע וועלכע זענען פאַרשפּרייט איבער פאַר־שידענע צײַטשריפטן פון דער יידישער וועלט, באַצייכענען אים ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער פון אונדזער דור, וואָס דריקט אויס די שעפערישע פּאַטענץ פון עם־הספר.

דער עסייִסט און פֿעליעטאָניסט

אַ מוסטער פון אַ פעליעטאָן

דער זשאַנער פון „ליטעראַטור־וויסנשאַפט“ איז בײַ אונדז ווייניק באַאַרבעט, מיר האָבן נישט געהאַט קיין ליטעראַטור־ און קונסט־אַקאַדעמיעס, כאָטש מיר האָבן שוין גענוג מאָטיוון צו זײַן שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען פון דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור. אויף צו דעפינירן דעם זשאַנער „עסיי“, וועלן מיר זיך דעריבער באַציִען אויף די אויבן דערמאָנטע קאָמענטאַרן וועגן בוך „אין פּרדס פון ייִדיש“, וועלכע זענען געשריבן אין אַן עסייִסטישן סטיל, אָבער זיי זענען ענג פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון הײַנטצײַטיקן ייִדישן לעבן, מיט „תּכלית“, מיט פּראָבלעמען וואָס שטייען ברומו של עולם, און דעריבער געהערן זיי מער צום זשאַנער פון דער פּובליציסטיק.

די עסיי, דאַקעגן, איז ריין סוביעקטיוו, לירישע דיכטונג אין פּראָזע, מעדיטאַציע, עסייִסטישע פּראָזע־ליריק אויף דער טעמע: „איך און די וועלט“.

דער טײַטש גופא פון וואָרט „עסיי“ איז — אַ פּרוּוו, אַן עקספּע־רימענט, וועלכער פאַרפליכטעט נישט אין ערגעץ ווי אָנצוקומען, אָדער געבן אויף עפּעס אַ באַשייד. ס'איז נישט קיין שטודיע, נאָר אַן אויסדרוק פון אַ שטימונג, אַן אײַנפאַל, אַ מחשבה אָן קיין שום פאָרמאַליסטישע פּענטעס און אָן אַ „תּכלית“, נאָר אַ מאמר וואָס קומט צום אויסדרוק צוליב דעם אײנציקן אינטעלעקטועלן פאַרגע־ניגן צו פאָרמולירן אין שריפטלעכן וואָרט אַן אייגענעם געפיל און געדאַנק. אייניקע באַטראַכטן דעריבער, מיט רעכט, די עסיי ווי אַ צווילינג־שוועסטער פון דער פּאָעזיע.

אַן עסיי מיט אַ הומאָריסטישן חן, מיט וויץ און שפּאַס, ווערט אין דער ייִדישער ליטעראַטור באַצייכנט ווי אַ „פעליעטאָן“, וואָס

ווערט באַזונדערס שטאַרק קולטיווירט אין דער ייִדישער זשורנאַ־ליסטיק. אין דער פּובליציסטיק קומט מער צום אויסדרוק די אידעיִשע וועלט פון מחבר, אין דער עסיי און פעליעטאָן — דער כאַראַקטער פון שרײַבער.

ווי אַן אילוסטראַציע וועלן מיר קאָמענטירן אַ פעליעטאָן „חכמה איז די גרעסטע נאַרישקייט" („אָן אויסרוף־צייכנס", ז' 207), וואָס ברענגט צום אויסדרוק די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם ליטעראַרישן זשאַנער, און אויך די פּיקחות, עספּרי און ערודיציע פון מחבר.

„די גרעסטע חכמה פון אַ מענטשן, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, איז צו וויסן די ריכטיקע אויסמעסטונג פון זײַן אָרט צווישן אַנדערע מענטשן. ווען אַ מענטש ווייסט ווו ער האַלט אין דער וועלט און וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט, לויט זײַן ווערט, אין דער געזעל־שאַפט, וועט ער זיך אויסהיטן פון צו טאָן אַ סך נאַרישקייטן. תּכיר את מקומך, ווייס דײַן פּלאַץ אויף דער וועלט, האָבן געלערנט אונדזערע חכמים".

אָבער דער סקעפּטיציזם, דער צווייפל, וואָס לעבן אין יעדן ערנסט־ און ערלעך־דענקענדיקן מענטשן, דערמאָנט אים אין ר' נחמן בראַצלעווערס באַרימטער מעשׂה וועגן דעם חכם און דעם תּם, און ער קומט צום אויספיר אַז זײַן דעפיניציע וועגן חכמה האַלט נישט אויס קיין קריטיק. דער חכם אין דעם בראַצלאַווערס מעשׂה ווייסט זייער גוט זײַן פּלאַץ צווישן מענטשן, און האָט שׂכל זיך צו מאַכן אַ פאַרמעגן, אָבער וויפל ער האָט איז אים נישט גענוג, און ער לעבט אויס זײַנע יאָרן ווי אַ נאַר. דער תּם, דאַקעגן, איז אַ שׂמח בחלקו, ער איז צופרידן מיט זײַן גורל, און כאָטש ער שאַצט אונטער זײַן ווערט צווישן מענטשן, ווערט ער באַלוינט ווי אַ גרויסער חכם. הייסט עס, אַז מען קאָן זײַן אַ חכם אויך ווען מען איז נישט קיין מכּיר את מקומו, ווי די חכמים האָבן געלערנט.

*

יאַנאַסאָוויטש, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, האָט ליב צו פילאָסאָפירן, און ער קומט צו דער מסקנה, אַז „דער אמתער חכם

איז דער וואָס מאַכט נישט קיין ווען פון זײַן חכמה". האָט דאָך סאָקראַטעס אויף דער עלטער געזאָגט — איצט ווייס איך, אַז איך ווייס גאָרנישט... עס הייסט, באַשיידנקייט איז די גרעסטע חכמה.

אָבער עס באַפרידיקט אים אויך נישט די הנחה, זי שעפּט נישט אויס דעם מהות פון חכמה. „וואָס מישטיינס געזאָגט, פרעגט ער מיט איראָניע, איז די חכמה ווען אַ מענטש פאַרקלענערט אַליין זײַן אייגענעם ווערט? נישקשה, מיר לעבן אין אַ געזעלשאַפט אַרומגע־רינגלט מיט מענטשן וואָס פאַרקלענערן אַזוי אויך דײַן אמתן ווערט. נישט וויכטיק צוליב וואָס זיי טוען עס, צוליב קינאה, צוליב רישעות, אָדער צוליב אַנדערע זאַכן. הײַנט וואָס זשע איז די חכמה זיי נאָך צוהעלפן אין דער דאָזיקער זאַך?

פּאַלט אים אײַן, אַז „די גרעסטע חכמה פון אַ מענטשן איז צו טאָן אַלץ אויף אַזאַ מין אופן, אַבי עס זאָל אים זײַן גוט... ווײַל סוף־כל־סוף איז דאָך יעדער מענטש אַ וועלט פאַר זיך אַליין, טאָ וואָס דאַרף איך זיך זאָרגן ווי אַזוי איך זע אויס אין אַנדערע אויגן? — אַבי מיר איז גוט". דאָס הייסט לעבן מיט חכמה.

אָבער ס'איז אויך אַ קנאַפּע חכמה, ענטפערט ער זיך אַליין. אויב מען זאָל אָננעמען אַזאַ געדאַנק, מאַכט מען אַ סוף צו יעדער מענטשלעכער מאָראַל און צו יעדן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, מען קאָן נישט בויען קיין געזעלשאַפט אויף דער עגאָיסטישער באַזע פון יחידישן אינטערעס, וואָס קאָן זײַן צום שאָדן פון כלל.

אונדזערע חכמים זאָגן, אַ חכם איז דער וואָס זעט פאָר די צוקונפט, הרואה את הנולד. עס מיינט נישט אַז מען דאַרף טרעפן הײַנט, וואָס עס וועט געשען מאָרגן. עס מיינט, אַז אַ חכם איז דער, וואָס רעכנט אויס פריער וואָס עס קאָן זײַן שפּעטער; וואָס טוט נישט קיין זאַך אָן איבערטראַכטן און אויסרעכענען אירע מעגלעכע קאָנסעקווענצן.

„יאָ, זאָגט דער מחבר, דאָס איז טאַקע אַ גרויסע חכמה, אָבער איך האָב שוין געזען אַ סך אַזעלכע חכמים, וואָס דווקא דאָס רעכע־נען און אויסרעכענען האָט זיי אומגליקלעך געמאַכט... זיי האָבן אַזוי ציטערנדיק באַרעכנט דעם מאָרגן, אַז זיי האָבן פאַרשפּילט זייער הײַנט. און געזען האָב איך אַנדערע, וועלכע האָבן לגמרי

נישט גערעכנט וועגן די קאָנסעקווענצן פון זייערע מעשים, און האָבן געמאַכט בעסער ווי די גרעסטע חכמים".

און מיט אָט דער שפּילעוודיקער פּאָליטאַניסטישער רעטאָריק, קומט דער מחבר צו גאַנץ ערנסטע, וואָגיקע און קלוגע אויספירן. „קלוגשאַפט איז אַן אייגנשאַפט, זאָגט ער, וואָס איר ווערט לאָזט זיך נישט מעסטן מיט פּראַקטישע נוצן. לא לחכמים לחם — מען קאָן זײַן אַ חכם, און נישט האָבן קיין חלה אויף שבת. וואָס מער חכמה איינער פאַרמאָגט, אַלץ מער בטלן קאָן ער זײַן אין די געדאַנקען וועגן זאַכן פון דער ווירקלעכקייט. חכמה און פּראַקטישע נוצן פון איר, זענען בשום־אופן נישט היינו־הך, נישט איינס און דאָס זעלבע. פאַרקערט, אָפט זענען זיי תרתי־דסתרי, וואָס שליסט אויס איינס דאָס אַנדערע".

איז וואָס איז דער מער מיט דער חכמה, וואָס מען יאָגט זיך אַזוי נאָך איר, און וואָס מען לויבט זי אין טאָג אַרײַן? און ער גיט אויף דעם מיט אַ שאַרפזיניקער איראָניע אַן ענטפער, וואָס דריקט אויס זײַן סקעפּטישע וועלט־אַנשויונג:

„איך וועל אײַך אויסזאָגן איין זאַך, צו וועלכער איך בין דערגאַנגען מיט מײַן אייגענעם שכל: חכמה, זאָלט איר וויסן, איז די גרעסטע נאַרישקייט, איבערהויפּט אין אַ וועלט ווו דווקא די נאַרישקייט גילט"...

סקעפּטיציזם

ס׳איז אַן ענטפער אין וועלכן ס׳איז פאַרבאָרגן אַ טיפזיניקער שכל. דער חכם מכּל אָדם האָט געזאָגט — יוסיף דעת, יוסיף מכאוב, פאַרמערסט וויסן — פאַרמערסטו ווייטיק. צו פיל חכמהלאָגיע — אָדער ווי מען רופט עס אויפן הײַנטיקן לשון: טעכנאָלאָגיע — האָט זיך הײַנט אָנגעזאַמלט אויף דער וועלט, וואָס שטעלט אין געפאַר דאָס מענטשלעכע לעבן, און דעם עצם קיום פון מענטש אויף דער ערד. אין דער עפּאָכע פון אַטאָמישער ענערגיע איז דער מענטשלעכער שכל אומבאַהאָלפן קעגן די געפאַרן וואָס באַדראָען דעם מענטשלעכן מין. דער גולם, וועלכן די חכמה האָט געשאַפן שטעלט

אין געפּאַר דאָס לעבן פון זײַן שעפער „אין אַ וועלט ווו די נאַריש־קייט גילט״.

דער סקעפּטיציזם, וואָס איז דער טײַטש — זוכן, פאָרשן, איז אַ פילאָסאָפישע שיטה, וואָס לייקנט די פעיִקייט פון מענטשן צו דערגיין דעם אַבסאָלוטן אמת. האָט געהאַט איר אָפּשטאַם אין דער פילאָסאָפיע פון פּירראָן, וועלכער האָט געלעבט אין 4טן יאָרהונדערט פאַר דער אוניווערסאַלער צײַטרעכענונג. ער האָט געזאָגט: „קעגן יעדער השערה קאָן מען אַרויסשטעלן אַ צווייטע, וואָס האָט דעם זעלבן ווערט, ווײַל די חושים נעמען אויף בלויז די אויסערלעכקייט, און דער שׂכל שטיצט זיך אויף געוווינהייטן און לעבנס־שטייגער, וועלכע ענדערן זיך מיט דער צײַט. מאַנועל קאַנט, פון 19טן יאָר־הונדערט, איז געווען אַן אָנהענגער פון דער שיטה מיט זײַן טעאָריע פון סקעפּטישן קריטיציזם.

אין כאַראַקטער פון מענטשן איז סקעפּטיציזם אַן אויסדרוק פון צווייפל, פון זוכן, פאָרשן און איבערטראַכטן איידער איינער באַ־שליסט זיך אויף „פאַר״ אָדער „קעגן״. דאָס זענען דאָס רוב גײַסט־רײַכע מענטשן פון דער נאַטור, וועלכע די אינטויִציע טראָגט אונטער אַ שפע פון מאָטיוון פון „פאַר״ און פון „קעגן״. אַזאַ איינער איז דער מחבר פון „אַן אויסרוף־צייכנס״, וואָס האָט אין קלאַסישן מוסטער פון אַ פעליעטאָן געקאָנט מאַכן דעם שאַרפזיניקן וויץ, אין וועלכן ס׳איז פאַרבאָרגן אַ גאַנץ ערנסטער אמת, אַז „חכמה איז די גרעסטע נאַרישקייט, דערהויפּט אין אַ וועלט ווו די נאַרישקייט גילט״... אין אַ וועלט אין וועלכער די נאַרישקייט וועט מער נישט „גילטן״, וועט זיך אויך ענדערן די מערכה פון חכמה...

אַ מוסטער פון אַן עסיי

און אָט איז אַ מוסטער פון אַן עסיי, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג, אין וועלכן עס ווערט דעבאַטירט די פראַגע פון „פרײַנדשאַפט״. און כאָטש אַן עסיי, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, איז נישט קיין שטודיע, גיט דאָך דער מחבר אין זײַן גײַסטרײַכן

געמעל פון געדאַנקען, אַ גאַנצע ריי וואָגיקע און אָריגינעלע עלע־מענטן אויף צו באַנעמען דעם קאָמפּליצירטן פּסיכאָלאָגישן מעכאַניזם פון מענטשלעכן כאַראַקטער.

„ווען יונתן וואָלט געבליבן לעבן", הייסט די עסיי (דאָרט, ז' 217), וואָס באַציט זיך אויף דער טרײַער היסטאָרישער פרײַנד־שאַפט פון יונתן און דוד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן קעניג פון ישראל. דאָס פאָלק זאָגט טאַקע אַז „אַ פרײַנד דערקענט מען אין אַ נויט". דאָס איז אמת, אָבער דאָס שעפּט נישט אויס דעם גאַנצן מהות פון פרײַנדשאַפט, זאָגט יאַנאַסאָוויטש. עס קאָן זײַן אַז אין אַ נויט זאָל מען אויסהאַלטן אַלע נסיונות און זיך בלײַבן געטרײַ. אָבער אין פאַל פון הצלחה קאָן זיך אַרײַנכאַפּן דאָס געפיל פון קינאה, און אַ סוף מאַכן צו דער פרײַנדשאַפט. ס'איז דעריבער אַ פראַגע וועגן יונתן, וועלכער איז געפאַלן אין אַ שלאַכט, בלײַבט לעבן, צי ער וואָלט געקאָנט אויך טיילן די פרייד פון זײַן אַלטן פרײַנד, און צי די קעניגלעכע גדולה פון דודן וואָלט נישט דער־וועקט אין אים אַ געפיל פון קינאה, וועלכן עס זענען אונטערוואָרפן אַלע מענטשן?

און ער דערציילט מיט פּאַטאָס וועגן אַ לאַנגיאָריקער פרײַנד־שאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז עס האָט זיך אַרײַנ־געמישט די קינאה, וועלכע האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע גוטע און שיינע געפילן, און אָפּגעקילט די אַלטע פרײַנדשאַפט.

וואָס שײַך דעם מענטשלעכן כאַראַקטער גייט ער אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז אֵין חדש תּחת השמש, די גרונט־אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור בײַטן זיך נישט אַזוי גיך מיט דער ענדע־רונג פון די באַדינגונגען אין לעבן. פרײַנדשאַפטן ווי עס זענען געווען אַמאָל זענען פאַראַן אויך הײַנט. אין דעם זין איז די אַטאָם־עפּאָכע נישט אַנדערש פון יענער צײַט ווען מען איז געפאָרן מיט אָקסן. די מענטשלעכע נאַטור איז דורך אַלע צײַטן אונטערוואָרפן די זעלבע געזעצן.

אין יודישן מיטאָס, וואָס איז אַרײַן אין די ערשטע בלעטער פון „בראשית", און וואָס איז שוין אַלט פיל טויזנטער יאָרן, ווערט דער־ציילט די מעשה פון די ברידער קין און הבל. הבל האָט געבראַכט אַ קרבן צו גאָט און אויך קין. האָט גאָט הבלס מתנה אָנגענומען

און קינס האָט ער אָפּגעוואָרפן. האָט עס אָנגעצונדן אַ געפיל פון קינאה אין האַרצן פון קינען און ער האָט זײַן ברודער דערהרגעט.

און יאַנאַסאָוויטש דערציילט אַ מעשה וועגן אַ פרײַנדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע פופציק יאָר. געווען שכנים וואָס האָבן זיך פאַרחברט אין די קינדער־יאָרן. איינער האָט געהאַט אַ רײַכן פאָטער און דער צווייטער איז געווען אַ קינד פון אַן אָרעמער היים. דעם נגיד איז געווען נישט צום האַרצן די חברשאַפט פון זײַן זון און ער איז אים דערגאַנגען די יאָרן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

ווען דער בחור איז עלטער געוואָרן איז ער אַוועק פון דעם טאַטנס רײַכער שטוב, כּדי נישט אויפצוגעבן זײַן פרײַנדשאַפט מיט זײַן אָרעמען חבר. ער איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק און ס'איז אים אַוועק זייער גוט, זײַן אָרעמער חבר איז אָבער פאַרבליבן אַ קבצן. דער רײַכער האָט אים אָבער נישט פאַרלאָזן, און אים אַרויסגעהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן. ביידע האָבן מיט דער צײַט חתונה געהאַט, געקריגן אייגענע משפּחות, מ'האָט חתונה געמאַכט קינדער, און עס האָט שוין געהאַלטן בײַ אייניקלעך. און די צוויי חברים זענען גע־בליבן פונקט אַזעלכע פרײַנד ווי אין די קינדער־יאָרן. און אַזוי אין פאַרלויף פון גאַנצע פופציק יאָר.

*

און ווען ביידע פרײַנד זענען שוין אַרײַן אין די שישים, דאַרף זיך טרעפן, אַז דער אָרעמער פרײַנד זאָל ווערן אַ גרויסער גביר. ער האָט באַקומען אַ ירושה פון זײַנעם אַ רײַכן קרוב אין אַמעריקע. קורץ נאָך דעם האָבן די אַלטע פרײַנד צום ערשטן מאָל זיך צע־קריגט, און נישט דערפאַר ווײַל דער נײַער גביר האָט געענדערט זײַן באַציִונג צום חבר. פאַרקערט, „דער פריִער רײַכער חבר, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, דער בעל־טובה, האָט נישט פאַרגונען זײַן פרײַנד וואָס איז איצט רײַך געוואָרן, און עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער דאַרף צו אים מער נישט אָנקומען. עס האָט געבראַכט דערצו, אַז איינער זאָל איצט נישט קאָנען הערן ווי מען דערמאָנט דעם צווייטנס נאָמען"...

און דער מחבר פאַרענדיקט די עסיי מיט די ווערטער: „קיין שום פריינדשאַפט איז נאָך נישט ביַיגעשטאַנען דעם נסיון־שאַרף פון דער שווערד, וואָס הייסט — קינאה״.

קינאה און שינאת־חינם

אין דער מיטאָלאָגיע פון פאַרשידענע פעלקער געפינט מען ענלעכע מאָטיוון. דער מאָטיוו פון ברודער־מאָרד צוליב קינאה, ווי וועגן קינאה בכלל, איז נישט צו טרעפן אין מיטאָס פון אַנדערע פעלקער, און נאָך ווייניקער דער מאָטיוו פון שינאת־חינם, וואָס איז אַריַין אין די אומגאַנגס־שפּראַכן פון יידישן פאָלק. קינאה איז דער איינציקער סענטימענט, וואָס שאַפט דעם געפיל פון שינאת־חינם. דעם וועלכן מען איז מקנא, ווערט מען אַ שונא אויפן לעבן. „אַ פוילונג אין די ביינער איז די קינאה״, ווערט געזאָגט אין „משלי״. הרגעט מען דעם אָביעקט פון קינאה, ווי קין האָט עס געטאָן, הערן אויף פוילן די ביינער, און עס פאַרשווינדט די קינאה.

אָבער קינאה גופא גייט געפּאָרט מיטן מינדערווערטיקייטס־געפיל, אָדער שטאַמט דירעקט אָפּ פון אים. די הצלחה פון צווייטן דערוועקט קודם־כל אַ געפיל פון אייגענער מינדערווערטיקייט, וואָס צינדט אָן דאָס פיַיער פון קינאה. אין יאַנאַסאָוויטשעס העלד איז מעגלעך די קינאה געגאַנגען געפּאָרט אויך מיט אַנדערע טענדענצן. די עשירות פון חבר האָט נישט געקאָנט אין אים דערוועקן אַזאַ צאָרנדיקן אויסברוך פון קינאה, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו אַ לאַנג־יאָריקער פריַינדשאַפט. ער איז דאָך אויך געוועז אַ גביר! נאָר די ריַיכע ירושה פון פריַינד האָט פאַרמינערט זיַין געפיל פון סופּרעמאַציע, האָט אים געמאַכט פאַר אויס בעל־טובה, אויס יחסן...

דאָס פאַרמינערט אָבער נישט דעם טיפן פּסיכאָלאָגישן חוש פון מחבר, זיַין קלוגן אַריַינבליק אין דער דינאַמיק פון לעבן, וואָס האָט געמאַכט אַ דערפאָלגריַיכע עקסקורסיע אין אוניווערס פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, און משלים געוועז דעם אַלטן פאָלקס־ווערטל, אַז „אַ פריַינד דערקענט מען אין אַ נויט... און אין אַ פרייד״.

אַן אמתע פֿרײַנדשאַפֿט איז די ווו די פֿרײַנד **אידענטיפֿיצירן זיך** איינער מיטן אַנדערן, און קאָנען טיילן צוזאַמען נישט נאָר זייערע לײַדן, נאָר אויך זייערע פֿריידן.

דער קינסטלערישער און היסטאָרישער אמת

אין אַן עסיי „דאָס פֿאַנטאַזירן אויף פֿאַרויס און אויף צוריק" („אַן אויסרוף-צייכנס", ז' 146), זאָגט יאַנאַסאָוויטש: „אין געוויסע צײַטן פֿון זייער לעבן פֿאַנטאַזירן פֿעלקער וועגן זייער צוקונפֿט. אָבער נישט ווייניקער פֿאַנטאַזירן זיי אויך אויף דער טעמע פֿון זייער פֿאַרגאַנגענהייט. מיר ווייסן טאַקע פֿון דער געשיכטע ווי אַזוי מפּלות האָבן זיך בײַ געוויסע פֿעלקער פֿאַרוואַנדלט (אינעם היסטאָרישן זכּרון) אין נצחונות, און ס'איז דערבײַ נישט שייך צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פֿעלקער זאָגן באַוווּסטזיניק ליגן. זיי זאָגן טאַקע נישט דעם אמת, אָבער אין זייער פֿאַרשטעלונג זענען די זאַכן געשען אַזוי ווי זיי האָבן זיי אויסגעפֿאַנטאַזירט, און דער זכּרון האָט דאָס מאָל אויפֿגעלאָדן אויף זײַנע פֿליגל, נישט די פֿאַקטן, נאָר די פֿאַנטאַזיעס וועגן זיי".

מיט אַ בילדלעכער מעטאַפֿאָרע: „דער זכּרון האָט אויפֿגעלאָדן אויף זײַנע פֿליגל, נישט די רעאַלע פֿאַקטן, נאָר די פֿאַנטאַזיעס וועגן זיי" האָט דער מחבר געגעבן דער אידעע אַ פּאָעטישן אויסדרוק, וואָס אַנטפּלעקט דעם סוד פֿון רעאַל-היסטאָרישן און קינסטלערישן אמת. דער היסטאָרישער זכּרון פֿון פֿאָלק האָט די רעאַליטעט נישט „דעפֿאָרמירט", נאָר האָט מיטן כּוח פֿון זײַן פֿאַנטאַזיע זי פֿאַרגע-שטעלט אין אַ בילד, וואָס האָט זײַן פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג, און איז דעריבער אַ קינסטלערישעווירקלעכקייט, וועלכע פֿאַרקער-פּערט דעם אמת פֿון לעבן.

דער זכּרון וויל נישט טראָגן אין באַוווּסטזײַן די פּײַנלעכע לאַגע פֿון ייִדן צווישן די אומות העולם, און „עס קומט אים צו הילף די פֿאַנטאַזיע, זאָגט יאַנאַסאָוויטש, וועלכע קאָרעגירט, אילוזיאָנער, אונדזער געדעכעניש מיט קיין מאָל נישט פֿאַרגעקומענע פֿאַקטן".

„אויב אַ יחיד שעמט זיך אויספּאַנטאַזירן אויף אַ קול אַ שיינע פּאַרגאַנגענהייט, שעמען זיך נישט פעלקער דאָס צו טאָן. ווען אַן איינצלנער מענטש מאַכט זיך שיין און פיַין איז דאָס אײַטלקייט. ווען אָבער אַ פּאָלק מאַכט זיך שיין און פיַין איז עס נאַציאָנאַלער שטאָלץ, פּאָלקס-באַוווסטזיַין״. אָן נאַציאָנאַלן שטאָלץ איז נאַציאָ-נאַלער באַוווסטזיַין — אַ פּוסטע כּלי.

און ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגן דעם וואָס ביַי אונדז יידן, קאָנט איר פון דעסטוועגן יאָ געפינען מענטשן, וואָס שריַיען אַז מען קוילעט זיי די קאַפּאָטע טאָמער וויל דאָס פּאָלק אַ מאָל אַ פאַנטאַזיר טאָן אויף צוריק. ווו איז דער היסטאָרישער אמת? — שריַיען זיי געוואַלד. און עס איז זיי ליבער, אַז אונדזער נאַציאָנאַלער זכּרון זאָל זיך טאָפּטשען אין דער בלאָטע, איידער ער זאָל אַ פלי טאָן אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע. פאַר וואָס גראָד ביַי אונדז מוז אין דעם פּרט זיַין אַנדערש ווי ביַי אַלעמען — ווייסט איין גאָט. אַ פּנים דערפאַר וויַיל מיר זענען אַ געשטראָפט פּאָלק״...

יאַנאַסאָוויטש האָט אונדז געגעבן אַ שליסל צו באַשיידן אַ סך היסטאָרישע רעטענישן.

אינהאַלט

דער דיכטער

דער געבורט פון אַ דיכטער 9

גרויספּאָעזיע 17

אַ מוסטער פון אַן עפּאָס 27

אויף יענער זײַט ווונדער 36

אויף די וועגן פון נע ונד 42

לאַנדשאַפטן פון געמיט 48

דער דערציילער

די עטיש־ראָמאַנטישע טראַדיציעס פון די קלאַסיקערס 53

דער כוח פון מיטאָס 55

דאָס פּינטעלע ייִד 57

„קאָלעקטיווער אומבאַוווסטזײַן" 58

אַנאַליטישע קריטיק 60

זאָלסט נישט מיינען אַז דו וועסט אויסמײַדן דעם ייִדישן גורל 61

מיר זענען קינדער פון סוחרים און אייניקלעך פון נביאים 63

אַלעגאָריע 67

דער פּובליציסט

די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור 73

די זאָרג פאַרן ייִדישן המשך 76

אַלבערט איינשטיין, דער גאָט־זוכער 79

אַ פּינפּטער מעטאָד צו קאָמענטירן דאָס ייִדישע לעבן 83

מיט ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד 90

די רעוואָלוציע פּרעסט אויף אירע קינדער 98

אַ שרײַבער וואָס איז געגאַנגען קעגן שטראָם 103

אַ שרײַבער וואָס איז געגאַנגען „אין שפּאַן" 109

פּרץ מאַרקיש — איינער פון די אנוסים פון דער
סאָוועטישער אינקוויזיציע 114

דער ליטעראַטור־קריטיקער

די ייִדישע ליטעראַטור־קריטיק 123
די מאָדערנע ליטעראַטור־קריטיק 125
דער סופּעררעאַליזם 128
פּנימער און נעמען (באַנד 2) 131
קריטיק איז אַ קונסט־זשאַנער 133
דער כאַראַקטער באַשטימט דעם גורל פֿון יחיד און כּלל 135

דער עסייִסט און פּאָליעטאָניסט

אַ מוסטער פֿון אַ פּאָליעטאָן 141
סקעפּטיציזם 144
אַ מוסטער פֿון אַן עסיי 145
קינאה און שינאת־חינם 148
דער קינסטלערישער און דער היסטאָרישער אמת 149